STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06520

MAYN RAYZE IBER GALITSYE

Chone Gottesfeld

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיין רייזע איבער גאַליציע

פון

חנא גאָטעספעלד

ארויסגעגעבן פון

פאראייניגטע גאַליציאַנער אידען אין אַמעריקא

175 FIFTH AVENUE, NEW YORK

Copyright by
CHUNE GOTTESFELD
New York
1937

Printed by
SIGNAL PRESS, Inc.
19 West 21st Street
New York, N. Y.
Phone STuyvesant 9-0026
234

אינהאַלט:

אַ וואָרט וועגען חנא גאָטעספעלד'ס רייזע באַשרייבונגען
פון אב. קאַהאַן — — — — — — — — — — — — 5
צו מיינע לאַנדסלייט! — — — — — — — — — — — — — 12
אויף דער קווין מערי
אַ גלח וואָס פּאָהרט פּסק'ן שאלות קיין טשעכאָסלאָוואַקיע —
אַ נאַצי אין גלות — — — — — — — — — — — — — — 14
בערלין און ווארשא
צוויי גהינם'ס פּאַר אידען — פון בערלין אַנטלויף איך און
פון וואַרשא וויל איך ניט אָוועקפאָהרען — — — — — — — — 19
פון ווארשא קיין גאַליציע
אויפ'ן וועג צו מיין שטעטעל — געדאַנקען און געפיהלען — — 26
פון לעמבערג קיין טאַרנאָפּאָל
אַ געשפּרעך מיט פּאָליאַקען און אידען — וואָס איז וויכטי-
גער: לופט צו ברויט? — — — — — — — — — — — — — 32
פון טאַרנאָפּאָל קיין סקאַלאַ
אַ באַגעגעניש מיט אַ לאַנדסמאַן, וועלכער דערקענט מיך ניט —
פאַרוואָס אַ איד דאַרף קענען אַכט שפּראַכען — — — — — — — 40
אין מיין געבורטסשטעטעל
די פינסטערניש — דער אַמאָליגער „ליבהאָבער". — מיינע
קרובים מיינען אַז איך בין ראָטשילד — — — — — — — — — 48
אין האָטעל
איך ליג אין בעט און רעד מיט אַ טשאָרטאָקעווער אידען פון
אַ צווייטער בעט — דער אַמאָליגער „בר כוכבא" — — — — — — 58
צוויי אונגליקען
איין פרוי דערצעהלט וועגען איהר זוהן וואָס זיצט אין אַ קאָנ-
צענטראַציע-לאַגער — אַ צווייטע פרוי דערצעהלט וועגען איהר
מאַן וואָס זיצט אין טורמע אין טשאָרטקאָוו — — — — — — — 66
אין די גאַסען
דאָס אייניקעל פון אַמאָליגען גרעסטען גביר — די בענקשאַפט
נאָך פראַנץ יאָזעף'ן און נאָך דעם אַמאָליגען אידישען ביר-
גערמייסטער — — — — — — — — — — — — — — — 73
אַמעריקא איז איהם ניט געפעלען
משה דער שטאַרקער — אפילו די אַמעריקאַנער פערד זיינען
ביי איהם קיין פערד ניט. — איצט וואָלט איהם אַמעריקע
שוין געפעלען — — — — — — — — — — — — — — — 81
ביים פּאָסט־אָפּיס
ווי אידען וואַרטען אויף בריעף — דער היינטיגער בריעף-
טרעגער — — — — — — — — — — — — — — — — 88

זיי בעטען פאר מיינע קרובים
אַ געוועזענער באַנקיר דינגט זיך מיט מיר פאַר מיינער אַ קרובה — 96
דער געוועזענער באַנקיר ראַטעוועט מיך
גיט מיר אַן עצה וואָס צו טאָן מיט ווייניג געלד און אַ סך קרובים — 105
זיי האָבען ליב אַן אָרימאַן
מען וויל מיר מאַכען אַ באַנקעט ווייל איך האָב ניט קיין געלד — 113
אין בית המדרש
דער פרייַדענקער. — אַ איד באַווייזט מיט פסוקים אַז אין דער נעקסטער וועלט מלחמה וועט מען זיך אָברעכענען מיט די אידי־שע שונאים — 120
אויפ'ן בית עולם
דער קברן. — ביין מיין טאַטענ'ס קבר — 128
א הערינג וועטשערע
אַ געשפּרעך מיט אַ כלה — נחת פון אַ מאַמען — 136
ביי די פּועלי ציון
בחורים און מיידלאך אין צוריסענע שיך קרעכצען וועגען אונגליק פון שפּאַניע — 144
שווער צו הערען וועגען אזוי פיעל צרות
די וויכטיגקייט פון אַמעריקאַנער פּעקלאַך. — אַ פרוי וואָס האָט פּרנסה, אָבער — 151
איך דערצעהל זיי וועגען די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט
ווי אַזוי זיי האַלטען אָפּ מיטינגען און דעבאַטירען וועגען סעמעטערי — 157
איך געזעגען זיך מיט מיין שטעטעל
דער באַנקעט און די רעדעס — אין באַרשטשאָוו — 163
אין דעם שטעטעל מיעלניצא
ביי מיינע רייכע קרובים — מען האַלט מיר פאַר אַ רעדנער — 169
אַ בריעף פון פּאַלעסטינע
די בעגייסטערונג — דער סטאַרוסטע ראַטעוועט מיך — 177
אין קראַקא
טעאַטער אַ רפואה צו אידישע צרות—מיט מיינע קרובים ביי „יאָשע קאַלב" — 184
אָך וויען!
אַ גענעראַל אין אידיש טעאַטער. — אַ געשפּרעך אין אַ קאַפּע־הויז. — ביי קייזער פראַנץ יאָזעף'ס פּאַלאַץ — 192

אַ וואָרט

וועגען חנא גאָטעספעלד׳ס איינדרוקען פון זיין באַזוך אין זיין געבורטסשטעטעל

פון אב. קאַהאַן

ווען דער פרעזידענט פון די „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען״, מר. סאול לאו, האָט מיר געבעטען אויפצושרייבען אַ פאָרוואָרט צו חנא גאָטעספעלד׳ס בוך „מיין רייזע איבער גאַליציע״ האָב איך זיין ביטע אָנגענומען מיט פרייד. מיט די שילדערונגען, וואָס דאָס בוך ענטהאַלט, בין איך שוין געווען באַקאַנט. זיינע קאַפּיטלאַך האָב איך געהאַט גע־לייענט אין מאַנוסקריפּט, ווען זיי זיינען נאָך ניט געווען קיין קאַפּיטלאַך, נאָר באַזונדערע אַרטיקלען. זיי האָבען אויף מיר געמאַכט אַן אונגעהייערען איינדרוק. זיי האָבען אין מיר אַרויסגערופען ענטציקונג. און דאָס האָב איך אַרויסגעזאָגט אין „נאָטיצען פון דער „פאָרווערטס״ רעדאַקציע״. מיין מיי־נונג וועגען די אַרטיקלען זיינען אַלזאָ מר. סאול לאו גע־ווען באַקאַנט. דעריבער האָט ער מיר געמאַכט דעם פאָר־שלאַג.

חנא גאָטעספעלד איז דעם עולם באַקאַנט אַלס הומאָ־ריסט. אַזוי איז ער איז אַלע זיינע פעליטאָנען, און אַזוי איז ער אין אַלע זיינע פּיעסען. נון, האָט ער דעם זעלבען כאַראַקטער אויך אין די באַשרייבונגען פון דער רייזע וואָס ער האָט פאָריגען זומער געמאַכט איבער גאַליציע, אריינ־רעכענענדיג זיין באַזוך אין סקאַלאַ, זיין געבורטס־שטעטעל, וועלכע ער האָט ניט געזעהן עטליכע און צוואַנציג יאָהר.

יאָ, די אַלע אַרטיקלען וועלכע ערשיינען דאָ איצט אַלס קאַפּיטלאך פון אַ בוך, זיינען פול מיט הומאָר; דאָס איז אָבער אַ הומאָר, וואָס לאָזט אין אייער האַרצען איבער אַ דעליקאַטען טרויער — אַ דעליקאַטען און אַ טיפען. עס איז אַן איידעלער שפּאַס מיט אַ שרעקליך ערנסטען אינהאַלט. איך שטרייך אונטער דעם וואָרט, ווייל איך געברויך איהם דאָ אין זיין פולסטען זינן.

איהר לייענט, איהר שמייכעלט, איהר קלייבט זיך צו לאַכען, אָבער איידער דער געלעכטער ווערט געבאָרען ווערט ער אין אייך פאַרוואַנדעלט אין אַ שאַרפען געפיהל פון מיטלייד, פון יסורים.

שפּאַס, וואָס טראָגט אין זיך אַן ערנסטען מיין, איז ביי גאַטעספעלד׳ען ניט קיין נאָווינע. אַלע זיינע פּיעסען זיינען אַזוי. אָבער דאָרטען האָט דאָס דעם כאַראַקטער פון סאַטירע, ווערענד דאָ איז זיין הומאָר פון דעם סאָרט, אין וועלכען עס בליסטשעט אַ טרעהר.

* * *

וועגען דעם אידישען אונגליק אין פּוילען, און אין גאַליציע אַלס אַ טייל פון פּוילען, ווערט געשריבען און געשריבען. וועגען דער קאַטאַסטראָפע, וואָס אידען לעבען דאָרטען היינט איבער ווערט דערצעהלט און ערקלערט מיט טויזענדער האַרץ־רייסענדע איינצעלהייטען. מאַסען אַרטיקלען, פילע פון זיי גלענצענדע, זיינען געשאַפען געוואָרען וועגען אונזער פאָלק׳ס נייער טראַגעדיע. דעם בולט׳סטען בילד אָבער פון דעם אידישען חורבן אין גאַליציע באַקומט מען פון די שילדערונגען וואָס גאַטעספעלד גיט אונז פון די מענשען און די זאַכען, פון די אומשטענדען און די שטימונגען, וואָס ער האָט געפונען אין זיין געבורטס־לאַנד, און הויפּטזעכליך אין זיין געבורטס־שטעטעל סקאלא.

סקאלא! איך בין דאָרטען קיינמאָל ניט געווען. דאָך זעה איך איהר אַזוי ווי איך וואָלט דאָרטען אויך געבאָרען געוואָרען און זיך געהאָדעוועט, און אַזוי ווי נאָך אַן אָבוועזענהייט פון עטליכע און צוואַנציג יאָהר דאָס שטעטעל ווי־

דער באַזוכט! איך זעה איהר מיט איהר שטאָק־פינסטערע גאַסען אין אָווענד; איך זעה איהרע טיפען; איך זעה די סצענע אַרום איהר פּאָסט, ווען דער פּאָסטאליאָן באַווייזט זיך מיט די בריף; איך זעה איהר משה „דעם שטאַרקען", איהר „ליב האָבער מיט דער געשוואָלענער באַק", איהר קברן מיט דעם בית עולם. איך זעה די אַלע מענשען ווי זיי זיינען געווען מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק, און ווי זיי זיינען היינט. און אַ געפיהל פון רחמנות און פאַר־צווייפלונג דריקט מיר.

עס קלינגט מאָדנע: גראָד שילדערונגען וואָס זיינען אָנגעזאפּט מיט הומאָר גיבען אייך די שטאַרקסטע בילדער פון אַ טראַגעדיע! דער הומאָר איז דאָ אָבער ניט פון דעם געוועהנליכען מין.

קלוגע לייט האָבען שוין לאַנג געפרעגט: פאַרוואָס איז דאָס, אַז ווען אַ מענש צולאַכט זיך, באַווייזען זיך טרעהרען אין זיינע אויגען? און זייער ענטפער איז געווען: טיפער שפּאַס און טיפער טרויער זיינען צווילינגס־ברידער.

דאָס קען אפשר קלינגען ווי אַן „איינפאַל", וואָס איז געגרינדעט אויף אַ צופאַל אין אונזער קערפּערליכער עק־זיסטענץ. וואָס אנבאַטרעפט אָבער דעם פאַקט, אַז גראָד אין אַ הומאָריסטישער פאָרם באַקומען מיר דאָ די לעבעדיג־סטע און סעריעזעסטע שילדערונגען פון דעם חורבן וואָס קומט איצט פאָר אין די אידישע שטעדט און שטעטלאך פון גאַליציע און פון פוילען בכלל, איז דאָס אַ העכסט נאַטיר־ליכע ערשיינונג. מען דאַרף נאָר באַטראַכטען די אומשטענ־דען אונטער וועלכע די שילדערונגען זיינען ענטשטאַנען, און דעם ספּעציעלען כאַראַקטער פון דעם טאַלאַנט, וואָס האָט זיי געשאפען.

ווען אַן עמיגראַנט פאָהרט אין זיין געבורטס־פּלאַץ, וועלכע ער האָט ניט געזעהן שוין אַ סך יאָהרען, רופט זיין נסיעה ארויס דעם צערטליכסטען אינטערעס. אַזוי פיהלען הויפּטזעכליך מענשען וואָס זיינען אַ לאַנגע צייט געווען דער־ווייטערט פון זייער אַלטער היים. אָבער ניט בלויז זיי. אויף

אַרטיקלען, וואָס גיבען איבער ווי אזוי אַ מענש קומט אריין אין דעם שטעטעל אין וועלכער ער איז אויפגעוואקסען, און וועלכע זיינע אויגען האָבען לאַנג־לאַנג ניט געזעהן, זיינען אימער פאַראַן די גרעסטע צאָל לעזער. און אין יעדען באַזוך אַזעלכען איז פאַראַן אַ סך פּאעטישעס און אויך אַ סך טראַגישעס. ווען דאָס געבורטס־שטעטעל איז אָבער אין גאַליציע, און דער באַזוך קומט פאָר אין דער איצטיגער צייט, איז דער טראַגישער טייל טויזענד מאָל גרעסער ווי אַזאַ וויזיט פלעגט זיין אין אַמאָליגע יאָהרען.

גאטעספעלד איז ענדע פאָריגען זומער געקומען אין סקאלא, דאָס שטעטעל וואו ער איז געבאָרען געוואָרען און וואו ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט. די אַלע יאָהרען וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע האָבען די אויגען פון זיין זכרון פאַר זיך געזעהן די סקאלא פון פאַר 25־יאָהרען; און געפונען האָט ער — אַ חורבן. אין זיינע באַשרייבונגען זעהט איהר דורכאוים דעם אונטערשייד, דעם פאַרגלייך צווישען די צוויי סקאלאס — די וואָס ער האָט איבערגעלאָזען און די וועלכע ער האָט געפונען פאָריגען זומער. און דאָס אַליך מאָלט ער פאַר אונז. ער מאָלט דאָס אין זיינע געשריבענע שורות און צווישען די שורות. יעדער קאַפּיטעל, יעדע שילדערונג איז אַ לעבעדיגער בילד, ניין, צוויי בילדער — איינער פון דעם וואָס אַ מאָל איז געווען און אַ צווייטער פון איצט.

און מיט יעדען קאַפּיטעל, מיט יעדער שורה, קען מען זאָגען, ווערט דער חורבן אַליך גרעסער און שרעקליכער אין אייער באַוואוסטזיין.

צופיל ערקלערען איז דעם שרייבער גאָר ניט נויטיג. מיט געצעהלטע ווערטער שאַפט ער געשטאַלטען און סצענעס, וואָס שניידען ווי מיט מעסערס אין אייך אריין אַ געפיהל פון דעם חורבן, וואָס ער האָט דאָרטען געפונען.

הומאָר איז ביי גאטעספעלד׳ען „אַ צווייטע נאַטור״. מייסטענס איז עס ביי איהם אַ נאַטירליכער אויסדרוקפאָרם. ער איז שפּאָרעוודיג אויף ווערטער. ער איז פון יע־

נע שרייבער, וואָס זייערע אַ פּאוזע רעדט אַ מאָל מעהר ווי עטליכע פראַזען. אַלס אַ ביישפּיל קומט מיר אין דיזען מאָמענט ארויף אויפ'ן זינען די שטעלע פון דעם קאַפּיטעל וואו ער דערצעהלט וועגען זיין באַזוך אויף דעם סקאַלער בית־עולם, וואו ער שטעהט ביי זיין פאָטער'ס קבר. זיין ערשטער געפיהל איז געווען אַ רוהיגער. פון ווייטערע שורות דערוויסט איהר זיך, אַז ער האָט זיך געפּרובט פאָרשטעלען, אַז זיין טאַטע לעבט און ער באַגעגענט איהם. דערנאָך אָבער, ווען ער איז דורכגעדרונגען געוואָרען מיט דער ווירקליכקייט, האָט זיך איהם כמעט ניט געגלויבט. ער רעדט דאָ זעהר ווענינ. איהר פיהלט אָבער, אַז ער דערעדט ניט. ער היפּט איבער אַ סך ווערטער. אָבער איהר הערט זיי פון צווישען די שורות.

צום שלום זאָגט ער:

„איך געה אַוועק מיט'ן שמש פון בית עולם און איך פיהל אַזוי ווי איך וואָלט אַוועק פון לעבעדיגע מענשען. עס שניידט מיר מיין האַרץ. דאָרט איז דאָך אַזאַ פיינע לעבעדיגע געזעלשאפט! זיי זיינען דאָך אַלע געווען לעבעדיגער און פרעהליכער ווי די, וואָס געהען דאָ איצט אַרום אויף דער ערד!

„מיר ווילט זיך ניט גלויבען, אַז די אַלע מענשען דאָרט זיינען טויט! מיר ווילט זיך ניט גלויבען!"

ווען איהר לעזט דאָס שניידט אייך אויך אין האַרצען. און דעם זעלבען געפיהל האָט איהר פון דעם גאַנצען חורבן, וואָס גאטעספעלד האָט געפונען אין זיין געבורטס־שטעטעל.

* * *

איינער פון די קאַפּיטלאך וואָס האָבען אויף מיר געמאַכט דעם שטאַרקסטען איינדרוק איז דער, וואו ער שילדערט וואָס עס קומט פאָר ביי דער פּאָסט. מיט עטליכע און צוואַנציג יאָהר צוריק פלעגט דאָרטען זיך פאַרנאַנדערשפּילען די לעבעדיגסטע סצענע אין דעם לעבען פון סקאַלא. און דעריבער האָט ער די דאָזיגע סצענע געהאַט אין זינען יעדעם מאָל ווען ער פלעגט זיך דערמאָנען אָן זיין געבורטס־

אָרט. און יעדעס מאָל אין דעם גאַנג פון דעם פערטעל יאָהר־הונדערט, וואָס ער האָט פאַרבראַכט אין אַמעריקע, ווען ער פלעגט טראַכטען וועגען סקאַלאַ פלעגט ער זיך פאָרשטעלען די מינוטען ווען עס קומט אָן די פּאָסט. דער עולם פאַר־זאַמעלט זיך ביים טיר. דער פּאָסטאַליאָן באַווייזט זיך מיט זיין גרויסען לעדערנעם זאַק, אָנגעשטאָפּט מיט בריף. פילע מענשען ערוואַרטען טאַקע בריף אָדער זיי האָפען ווע־ניגסטענס, אַז זיי וועלען באַקומען אַ געשריבענעם וואָרט פון אימעצען. אַנדערע אָבער פלעגען סתם קומען ביי־וואוי־נען די סצענע.

אלזאָ, איצט ווען ער איז געפאָהרען זעהן זיין ליבע טייערע סקאלא, האָט זי זיך איהם געמאָלען הויפּטזעכליך אין דער דאָזיגער סצענע — דער צענטער פון זיינע צערט־ליכע ערינערונגען פון זיינע קינדער־יאָהרען.

ווען זיינע לאַנדסלייט און חברים האָבען געהערט ווי ער רעדט מיט ספּעציעלע ערוואַרטונגען אויף דער פּאָסט־שטונדע, האָבען זיי ניט פאַרשטאַנען פאַרוואָס עס ציהט איהם אזוי אַהין.

— וואָס ווילסטו דאָרטען זעהן? — האָבען זיי גע־פרעגט.

אויף מאָרגען, ווען ער איז שוין געווען ביי דער פּאָסט, און דער פּאָסטאַליאָן איז שוין ארויסגעקומען, האָט ער פאַרשטאַנען. אנשטאָט אַ גרויסען עולם זיינען דאָרטען גע־ווען בלויז אַ פּאָר מענשען, און אַנשטאָט אַ אָנגעשטאָפּטען דיקען זאַק האָט דער פּאָסטאַליאָן געטראָגען אַ דאַרען ביי־טעל פון וועלכען ער האָט ארויסגענומען נישט מעהר ווי אַ פּאָר בריף.

גאַטעספעלד'ס ענטוישונג איז אַ באַרמלאָזער בילד פון דער ענדערונג וואָס איז פאָרגעקומען מיט סקאלא און מיט גאַנץ גאַליציע.

און עהנליכע בילדער באַקומט דער לעזער פון אַנדע־רע פאַרגלייכונגען צווישען דער סקאלא, אין וועלכער ער

האָט זיך געהאַדעוועט און דער סקאַלאַ וועלכע ער האָט איצט געפונען.

די קורצע שילדערונג, ווי ער האָט די גאַנצע 26 יאָהר געטרוימט ווידער צו זיין ביי דער פּאָסט אין דער צייט ווען דער בריף־טרעגער קומט ארויס מיט די בריף, איז אַ ווערטפוּלער קינסטלעריש פּסיכאָלאָגישער שטריך. זיין ענטוישונג פון דער סצענע ווי ער האָט איהר געפונען איז ווידער אַזאַ שטריך, אוןביידע צוזאַמען שטעלען זיי פאָר אַן אונפארגעסליכען בילד.

אַזעלכע קינסטלעריש־פּסיכאָלאָגישע מאָמענטען האָט דאָס בוך אין זיך אַ היבשע צאָל.

* * *

יאָ, עס שניידט אין הארצען אָהן אַ שיעור.

עס איז איינער פון די פאַרבענרייכסטע, אינהאַלטסרייכסטע, לעבעדיגסטע און ריהרענדסטע באַשרייבונגען וואָס איך האָב ווען עס איז געלייענט.

צו מיינע לאַנדסלייט!

איך פיהל אַלס מיין חוב אויסצודריקען מיין טיפסטען דאַנק צו דער חשוביער אָרגאַניזאַציע „די פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען".

די אויבען דערמאָנטע אָרגאַניזאַציע, וועלכע גיט זיך אָפּ מיט צוריק אויפוועקען די געפיהלען און טיפען אינטערעס פון די גאַליציאַנער אידען פאַר זייער אַלטער היים, איז די ארויסגעבערין פון מיין בוך: „מיין רייזע איבער גאַליציע". איך האָב זיך ניט געקענט ווינשען קיין גרעסערען כבוד.

ווען איך בין געווען אין גאַליציע האָט נאָך די אויבען דער־מאָהנטע אָרגאַניזאַציע ניט עקזיסטירט. ווען איך האָב דאָרט גע־זעהן די גרויסע נויט און פאַרצווייפלונג, און ווען איך האָב גע־רעדט מיט די דאָרטיגע אונגליקליכע, האָב איך געפיהלט, אַז מיי־נע ברידער אין אַמעריקע באַגעהן אַ שרעקליכען פאַרברעכען וואָס זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט צו העלפען זייערע נאָהענטע, וועלכע זיינען איצט די אונגליקליכסטע אידען אין דער וועלט.

איך האָב זיך דאָרט אַ נדר געטאָן, אַז ווען איך וועל קומען צוריק וועט מיין ערשטע ארבייט זיין צו העלפען אָרגאַניזירען אַ צענטראַלע קערפערשאַפט וואָס זאָל פאַראייניגען אַלע גאַליציאַנער לאַנדסמאַנשאַפטען. זאָל זיין אַן אַדרעס, וואוהין די אונגליקליכע אידען פון גאַליציע זאָלען זיך ווענדען ווען מען פאַרגעסט אָן זיי, און מען פאַרגעסט אָן זיי שוין צו אָפט!

ווען איך בין צוריקגעקומען איז מיר אַ סך ארבייט פאַר־שפּאָרט געוואָרען. עס איז שוין געווען אַ קאָמיטע וואָס האָט נאַכט נאָך נאַכט געקלאַפּט אין די טירען פון גאַליציאַנער פאַראיי־נען און זיי גערופען צו פאַראייניגען זיך. זייער אַרבייט איז גע־קרוינט געוואָרען מיט ערפאָלג. עס איז געגרינדעט געוואָרען די אָרגאַניזאַציע: „פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען פון אַמעריקע".

די אָרגאַניזאַציע איז נאָך גאַנץ יונג. אָבער זי איז זעהר טעטיג, און האָט ארום זיך צוזאַמענגעקליבען מענשען וואָס גיבען אַוועק אַ סך צייט פאַר דער אַרבייט און צאָהלען דערפאַר נאָך צו. מיט אַזאַ מענשען־מאַטעריאל מוז מען האָבען ערפאָלג.

איך גיב איבער מיין בוך צו „די פאַראייניגטע גאַליציאַנער אידען" מיט די וואַרימסטע געפיהלען און דאַנקבאַרקייט.

חנא גאטעספעלד

15־טער מאי, 1937

אויף דער „קווין מערי״

אַ גלח וואָס פאָהרט פּסקנ׳ען שאלות קיין טשעכאָ־סלאָוואַקיע — אַ נאַצי אין גלות אויף דער גרעסטער שיף פון דער וועלט

איידער איך האָב פאַרלאָזען ניו יאָרק האָב איך ביי זיך אָבגעמאַכט ניט צו שרייבען קיין איינדריקע פון דער שיף. פאַר־וואָס? — ווייל ווען איך הויב אָן לייענען „שיפס איינדריקע״ וואַרף איך עס אַוועק באַלד ביים אָנהויב. עס איז לאַנגווייליג, נודנע, אויף פּראָסטע אידיש.

איך פאָהר שוין דעם 4טען טאָג אויף דער „קווין מערי״, די גרעסטע שיף אויף דער וועלט. באַלד וועלען מיר שוין זעהן יבשה, און — איך קען ניט ביישטעהן דעם נסיון פון ניט שרייבען קיין שיפ׳ס איינדריקע.

איך זעץ זיך אַוועק מיט מיין פּען און בעט גאָט ער זאָל מיר שענקען אַ ביסעל טאַלאַנט און מיר אַרויסהעלפען, אַז מיינע שיפ׳ס־איינדריקע זאָלען זיין ווייניגער נודנע ווי אַנדערע. וועט ער דען אויסהערען מיין געבעט? האָט ער דען ניט אין דער איצטיגער צייט ניט וויכטיגערע תפילות אויסצוהערען?

אָט דרעהט זיך איצט אַרום אויפ׳ן דעק אַ רוסישער גלח מיט אַן אברהם אבינו באָרד. ער שפּאַנט מיט גדלות און גלעט זיך מיט הרחבה זיין ברייטע באָרד. ער זעהט אויס שטאַרק צופרידען פון זיך. וואָס איז ער אַזוי צופרידען?

מיינע אַ שיפס־שוועסטער, וואָס קען רוסיש, האָט מיט איהם גערעדט. ער האָט איהר דערצעהלט, אַז ער פאָהרט אין אַ וויכטיגע, הייליגע שליחות, קיין טשעכאָסלאָוואַקיע. דאָרט קריגען זיך אַרום צוויי רוסישע גלחים וועגען דעם, ווער ס׳זאָל פאַרנעמען די שטוהל

פון א פארשטארבענעם הייליגען. יעדער פון זיי האט זיינע „חסידים”, און ווי חסידים, קריגען זיי זיך און פאטשען זיך. וואס איין צד זאגט כשר, זאגט דער אנדערער טריפה. פאהרט ער אהין סעטלען דעם סכסוך. ביידע צדדים האבען זיך אויף איהם גענאייגט. ער פיהלט, זאגט ער, אז גאט וועט איהם געבען דעם ריכטיגען שכל אויסצוקלייבען דעם ריכטיגען גלח. ער האט שוין, זאגט ער, ניט איינמאל גע'פסקנ'ט אזעלכע וויכטיגע שאלות און גאט איז געווען מיט איהם.

וועגען איצטיגען רוסלאנד רעדט ער שטארק פארביטערט. ער זאגט, אז דארט הערשען איצט אידען (סטאלין איז ביי איהם אויך א איד). אין דער זעלבער צייט פיהלט ער זיך גליקליך וואס דער „אלטער רוסישער גאט” לעבט נאך. אט ערגעץ, אין טשעכאסלאוואקיע, פאטשען זיך רוסען וועגען „געטליכע זאכען”. מען האט גאט, זאגט ער, ארויסגעטריבען פון רוסלאנד, פאהרט ער קיין טשעכאסלאוואקיע, קיין אמעריקע. מען וועט פון גאט ניט פטור ווערען, זאגט ער.

ווען איך וואלט ניט געווען קיין גאליציאנער, געקענט א ביסעל רוסיש, און ניט געדארפט רעדען מיט איהם דורך א דאלמעטשער, וואלט איך מיטאיהם א ביסעל געשמועסט. אבער איך בין דאך אבער א „געשטראפטער”.

ביי מיין טיש, אויף וועלכען איך עס דריי מאל א טאג, זיצען פינף פערזאן און יעדער איז א וועלט פאר זיך, א פעלקער-ליגע.

רעכטס פון מיר זיצט א איד וואס רעדט ענגליש מיט א גמרא־נגון, געהט אנגעטאן אין צוויי גאלדענע קייטעלאך אויפ'ן ברוסט און פינף גאלדענע רינגען אויף די פינגער. ער זעהט אוים צו זיין איינער פון די ארויפגעארבייטע אין ניו־יארק, פון דער פראספעריטי צייט. ער פאהרט באזוכען זיין שטעטעל אין גאליציע. יום כפור רעכענט ער צו דאווענען ביי איינעם פון די גאליציאנער „גוטע אידען”. „מיין רייזע קאסט מיך אזוי פיל געלט”, זאגט ער, „טא לאמיך פאר דעמזעלבען געלט אריינכאפען א „גוט קוויטעל” מיט א ברכה פון א צדיק”. ער רעדט וועגען דעם פראקטיש, ביזנעס־מעסיג — די הוצאות זיינען דיזעלבע. עס דארף איהם בלויז קאס-

טען דער רבי א פּאָר דאָלאַר עקסטרא. ס'איז אָהן צווייפעל א גרויסער בארגען.

לינקס זיצט לעבען מיר אַן אמעריקאנער יונגערמאַן, געבוירען אין אמעריקע. ער פּאָהרט קיין ענגלאנד אויף א קורצען וואקיישאַן. ער באריהמט זיך ביי יעדער געלעגענהייט, אז ער פיהרט מיט זיך א פּאָר תפילין. ער פיהרט זיי אום זיך צו באשיצען אויפ'ן וועג. מען פּאָהרט אזא ווייטען וועג, איז גוט צו האָבען א פּאָר תפילין מיט זיך, זאָגט ער.

אקעגען מיר זיצט א איד וואָס רעדט וועגען בירא בידזשאַן. אידען, טענה'ט ער, דארפען פּאָהרען קיין בירא־בידזשאַן. ער אליין פּאָהרט קיין פראנקרייך. ער וויל זיין אין פּאריז, זאָגט ער, וויל דאָרט לעבט מען א טאָג, האָט ער געהערט. אָבער פאר די אידען וואָס געהט זיי שלעכט, רעכענט ער, איז בירא־בידזשאַן דאָס בעסטע לאַנד.

רעכטס פון דעם בירא־בידזשאַניק זיצט א פראנצויז, און לינקס א דייטש.

די אידען רעדען און מאכען ווי געוועהנליך מיט די הענט, און דער פראנצויז מיט'ן דייטש עסען לאנגזאם. דער פראנצויז טרינקט וויין, דער דייטש טרינקט ביר, און די אידען דיסקוטירען וועגען פּאָליטיק. דער דייטש מיט'ן פראנצויז זיצען ווי אין גלות. דער דייטש רעדט א שלעכטען ענגליש, אונמעגליך איהם צו פארשטעהן א וואָרט. דער פראנצויז רעדט א שלעכטען דייטש, אונמעגליך איהם צו פארשטעהן.

דעם ערשטען טאָג האָבען די אידען געוואָלט זיין די דאָלמעטשערס צווישען דייטש און פראנצויז, און עס איז זיי ניט געלונגען. קיינער האָט ניט פארשטאַנען א וואָרט וואָס דער צווייטער אָדער דער דריטער האָט געזאָגט.

דעם צווייטען טאָג איז עס דעם פראנצויז ענדליך געלונגען צו זאָגען א פּאָר ווערטער וואָס דער דייטש האָט פארשטאַנען, און דאָס האָט באַלד ארויסגערופען א פראנצויזיש־דייטשען קריג מיט די אידען אויף דער זייט פון פראנקרייך.

דער פראנצויז האָט געזאָגט, אז ער איז ניט מקנא דעם דייטש וואָס ער פּאָהרט איצט אין זיין היים, וואו עס הערשט א דיקטאַטור.

דער דייטש האָט דאָס וואָרט דיקטאטור פאַרשטאַנען און געזאָגט, אַז אין פראנקרייך איז איצט ערגער ווי איבעראַל, ווייל דאָרט הערשט דער איד לעאָן בלום. דער פראַנצויז האָט פון דעם דייטש'ס ווער־טער בלויז געכאַפּט, אַז ער האָט באַליידיגט לעאָן בלום, און ער האָט אויפגעהויבען דאָס גלאָז ווײַן אויסשרייענדיג: „רעספּעקט פאַר לעאָן בלום!"

דער איד וואָס פאָהרט צום רבי'ן אויף יום כפּור און דער איד וואָס איז פאַר ביראָ־בידזשאַן, האָבען זיך גלייך אַוועקגעשטעלט אויף דער זייט פון פראַנצויז, גרייט איהם צו פאַרטיידיגען.

דער אַמעריקאַנער איד, וואָס פירט אַ פּאָר תפילין מיט זיך, האָט אין אָנפאַנג ניט געוואוסט מיט וועמען ער זאָל האַלטען. לעאָן בלום איז איהם ניט באַקאַנט, אָבער ער האָט זיך באַלד געכאַפּט, אַז אויב דער איד וואָס פאָהרט צום רבי'ן האַלט מיט'ן פראַנצויז, דאַרף מען זיין אויף דער פראַנצויזישער זייט.

דער דייטש האָט דעם דריטען טאָג געגעסען שוין ביי אַ צוויי־טען טיש. דער וועיטער האָט איהם געגעבען אַ טיש מיט אַ פּאָר ענגלענדער. אָבער ביים צווייטען טיש האָט דער דייטש אויך ניט געהאַט קיין נחת. אַ פּאָר פון די ענגלענדער זיינען אידען, און ווען זיי האָבען אויסגעפונען אַז דער דייטש איז ערשט פאַריאָגט געוואָרען פון אַ פראַנצויזיש־אידישען טיש, האָבען זיי גענומען קוקען אויף איהם ווי מען קוקט אין דייטשלאַנד אויף אַ אידען.

דער דייטש האָט שוין אַפּעלירט צום וועיטער פאַר אַ נייעם טיש. דער קעלנער האָט איהם שוין געוואָלט זעצען לעבען דעם רוסישען גלח מיט דער אברהם אבינו באָרד. אָבער דער דייטש האָט עס ניט אָנגענומען. ער וויל ניט, האָט ער געשריען, האָבען צו טאָן מיט רוסלאַנד, מיט קאָמוניסטען. ביי איהם איז יעדער רוס אַ קאָמוניסט, אפילו אַ ווייס־רוסישער גלח.

אין דער זעלבער צייט וואָס דער דייטש איז אין גלות ביים ענגליש־אידישען טיש, איז דער פראַנצויז אָבער אין אַ העכסט־פריינדליכער געזעלשאַפט ביים אידישען טיש. דער אַמע־ריקאַנער, וואָס פיהרט מיט זיך די תפילין, איז געוואָהר געוואָרען, אַז לעאָן בלום איז אַ איד, און איז דער פרעמיער פון פראַנקרייך. ער איז דערפאַר געוואָרען זעהר פריינדליך צום פראַנצויז. ער

שפּאַצירט מיט איהם אָפּט, רופט איהם מיסטער בלום, דערצעהלט איהם וועגען זיינע תפילין וואָס ער האָט מיט זיך. אָבער דער פראַנצויז פאַרשטעהט ניט אַ וואָרט. ער דענקט, אַז וואָס יענער זאָגט איז מסתמא גוט פאַר פראַנקרייך. דער פראַנצויז רעדט צו איהם וועגען דער לעאָן בלום רעגירונג אין אַ שלעכטען דייטש. דער אַמעריקאַנער איד פאַרשטעהט ניט אַ וואָרט. אָבער ער גלויבט, אַז ס'איז מסתמא גוט פאַר אידען.

ווען מען הערט זיך איין צו אַ געשפּרעך פון פראַנצויז מיט דעם אַמעריקאַנעם יונגערמאַן קען מען הערען אַזאַ דיאַלאָג:

פראַנצויז: — פאַלט די בלום רעגירונג איז די דעמאָקראַטי פון אייראָפּאַ קאַפּוט.

אַמעריקאַנער: — איהר זיינט גערעכט מיסטער בלום. מען דאַרף ניט פאַרגעסען זיין פאָלק (ציינט איהם זיינע תפילין'דלאך) אָט דאָס אַ פּראָטעקטער מיך.

פראַנצויז (באַטראַכטענדיג די תפילין און ניט וויסענדיג וואָס דאָס איז): — געוויס, ווען די פאַשיסטען געווינען אין שפּאַניע איז דאָס אַ קאַטאַסטראָפע פאַר פראַנקרייך.

אַמעריקאַנער: — יאָ, איך פאָלג אימער מיין מאַמען.

אָבער עס מאַכט ניט אויס, וואָס איינער דעם צווייטען פאַר־שטעהט ניט. זיי זיינען ביידע זעהר באַפריינדעט. זיי טרינקען צוזאַמען וויין, ווינשען זיך לחיים אויף פאַרשיידענע שפּראַכען. זיי וועלען זיך באַלד אין שערבורג געזעגענען. דער פראַנצויז וועט אַוועקפאָהרען קיין פאַריז און דער אַמעריקאַנער אידישער יונגער־מאַן קיין לאָנדאָן. דער פראַנצויז וועט אַוועקפאָהרען מיט דער איבערציינונג, אַז ער האָט פאַרבראַכט מיט אַ גרויסען פריינד פון דער פראַנצויזישער רעפּובליק, און אַן אָנהענגער פון לעאָן בלום. עס איז זעהר גוט וואָס ער פאַרשטעהט איהם ניט.

בערלין און וואַרשאַ

צוויי גהינם׳ס פאַר אידען — פון בערלין אַנטלויף איך און פון וואַרשאַ וויל איך ניט אַוועקפאָהרען

איך בין געווען 18 שעה אין בערלין און בין פון דאָרט אַנט-לאָפען. איך בין שוין 2 וואָכען אין וואַרשאַ און איך האָב ניט קיין חשק אוועקצופאָהרען. איך מיין מיט דעם נאַטירליך ניט צו זאָ־גען, אַז פוילען איז אַ גן־עדן. ס׳איז אויך אַ גוטער גהינם פאַר אידען. אָבער אַן אַנדער סאָרט גהינם.

אין די רעדאַקציעס פון די אידישע צייטונגען אין וואַרשאַ זיצט מען און מען בויערט זיך די קעפּ ווי אַזוי צו באַריכטען וועגען אַ פּאָגראָם, אַז די צענזור זאָל ניט זיין „ברוגז״; ווי צו שרייבען וועגען פּאָגראָמשטשיקעס, — אַז די צענזור זאָל ניט האָבען „פאַר־איבעל״. די היגע לייענער ווייסען שוין, ווי צו לייענען צווישען די שורות.

אַן אַמעריקאַנער קאָן נישט פאַרשטעהן אַ וואָרט. אָבער איך ווייס שוין, למשל, אַז „עקסצעסען״ מיינט פּאָגראָמען. געשע־העניש״ — מיינט אַז מ׳האָט געשלאָגען אידען . . . און דאָך

דאַנק איך יעדען טאָג, וואָס איך געפין זיך איצט אויף דער פוילישער, אַנשטאָט אויף דער דייטשישער ערד.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק בין איך געזעסען אין אַ קאַפע, מיט קאָלעגען שרייבער, שוישפּילער, פריינט. מ׳פאַרברענגט, מען זיצט און מ׳שמועסט, מ׳טאַנצט... פּלוצים — אַ נייעס: — מען ברעכט שויפענסטער אין אידישע געשעפטען...

און דאָך — איך בין גליקליך, וואָס איך בין מער ניט אין בערלין, כאָטש אין בערלין איז מען געווען צו מיר זעהר העפליך, פריינטליך.

שוין ביי דער גרעניץ, ווען דער צאָל־באַאמטער (קאָסטאָם־אָפיסער) האָט ביי מיר געזעהן טאָלערס, האָט ער מיר געגעבען

אן ערלויבעניש, אז איך קאָן פאַרבלייבען אין דייטשלאַנד פיר וואָ־כען צייט. (מיין וויזע איז געווען בלויז אויף דורכצופאָהרען).

ער האָט מיר געראַטען צו פאַרברענגען לענגער אין דייטש־לאַנד: — „עס איז זעהר אינטערעסאַנט צו זיין אין אונזערע שטעט!" — האָט ער געזאָגט. איהם זיינען, ווייזט אויס, געפעלען מיינע טאָלערס...

ווען כ'בין אָבער אריינגעקומען אין בערלינער האָטעל און דער־זעהן היטלער'ס בילד אויף דער וואַנט,—האָט מיר גענומען וואַרפען א צאָן־אָן־א צאָן. אין ניו יאָרק, ווען מען זעהט היטלער'ס בילד, מאַכט עס נישט קיין שום איינדרוק, אָבער פאַר א ניו יאָרקער צו זעהן היטלער'ס פּנים אין בערלין — פאַלט אָן א פּחד...

א פאַרצאַפּעלטער האָב איך א כאַפּ געטאָן דעם טעלעפאָן און אָפּגערופען מיינעם א באַקאַנטען. כ'האָב פּשוט מורא געהאַט צו זיין אַליין...

מיין באַקאַנטער האָט מיר געענטפערט מיט א ציטערדיגער שטימע דורכ'ן טעלעפאָן, אז ער וועט מיך באַגעגענען אין א שטונדע ארום, אָבער — אינדרויסען, נישט אין האָטעל, און שנעל אויפגעהאַנגען דעם רעסיווער.

פאַרוואָס האָט אַזוי געציטערט זיין שטימע? פאַרוואָס האָט ער גערעדט אַזוי קורץ? פאַרוואָס האָט ער מורא געהאַט אריינ־צוקומען אין האָטעל?

מיין שרעק איז געוואָרען גרעסער. כ'בין ארויסגעלאָפען אין גאַס. מענשען געהען איינציגווייז און אפילו ווען זיי געהען צו צוויי — ריידען זיי אויך נישט צווישען זיך; מען געהט בלויז, מען געהט, מען געהט, פאַרוואָס רעדען זיי נישט?

איך לאָז מיך אויך געהן איבער די גאַסען און איך דערזעה א געשעפט מיט אן אויפשריפט: „וואַפען, ביליג צו פאַרקויפען".

איך געה ווייטער. ווידער א געשעפט מיט וואַפען. איך געה ווייטער: ווידער א געשעפט מיט וואַפען. מסתמא איז אויך אין ניו יאָרק פאַראַן ערטער, וואו מ'פאַרקויפט וואַפען, אָבער איך האָב דאָס צופעליג נישט געזעהן. און ווען איך וואָלט עס אפילו יאָ געזעהן, — וואָלט איך דאַרויף נישט געקוקט, ס'וואָלט מיך נישט

אינטערעסירט. אָבער דאָ, אין בערלין — די וואָפען־געשעפטען וואַרפען אויף מיר אַרויף אַ פּחד . . .

אַ פּאָר טריט ווייטער — אויפשריפטען פון צייטונגען:

— . . . רוסלאַנד וויל אבסאָלוט קריג. פּרוואווט אויס גיפטיגע גאַזען אויף איהרע פּאָליטישע געפאַנגענע . . .

— . . . אידען העצען געגען אונזער פירער . . .

די שטונדע וואָס האָט גענומען, ביז מיין פריינד איז צו מיר צוגעקומען, האָט זיך מיר אויסגעוויזען ווי לאַנגע וואָכען.

ענדליך — מיין פריינד איז געקומען.

ער האָט געזאָגט שטיל און קורץ:

— עס זיינען איצט זעהר אומרוהיגע טעג. מען דאַרף זיין פאָרזיכטיג. איך ראָט דיר, קיינעם פון אונזערע באַקאַנטע נישט צו זעהן. דו אליין האָסט נישט וואָס מורא צו האָבען: קיין אמעריקאַנער וועלען זיי נישט טשעפּען; נאָר פונדעסטוועגען — זיי אויך פאָרזיכטיג!

— אָבער איך וויל דאָך עפּעס זעהן! — זאָג איך איהם.

— דו וועסט גאָרנישט זעהן, דו וועסט גאָרנישט הערען. אַלץ קומט דאָ פאָר אין דער שטיל. מיין עצה איז: נעם דעם נעקסטען צוג און פאָר אוועק! איך איל זיך, כ'מוז אוועקגעהן...

— איך פאָר נאָך נישט אוועק! — זאָג איך. — איך נעכטיג נאָך דאָ היינט. און גיב מיר אַן אדרעס פון אַ שוהל וואו מען דאַווענט איצט. (ס'איז געווען אין ערשטען טאָג ראש־השנה). איך וויל איצט זעהן אידען ביים דאַווענען.

ער האָט מיר געזאָגט דעם אדרעס פון אַ שוהל (נישט אויפגעשריבען חלילה!) און איז אוועק.

איך בין אוועק צו דער שוהל.

אין שוהל. די דאַווענערס אינטערעסירען זיך ניט מיט מיר, וואַרפען אַ גנב'ישען בליק אויף מיר — און דאַווענען ווייטער. ענדליך איז איינער צוגעקומען צו מיר, געגעבען מיר „שלום־עליכם" און געפרעגט:

— פונוואַנען קומט אַ איד?

כ'האָב איהם געענטפערט: — פון ניו יאָרק! . . .

ער האָט אַ ברום געטאָן:

— פון ניו יאָרק אין בערלין ? . . . — און זיך געלאָזען צו־ריק צום דאַוונען.

איך בין נאָך דאָרט געשטאַנען אַ ביסעל, און באַטראַכט די אידען, וואָס ווילען אפילו אויף מיר נישט קוקען און האָב זיך געטראַכט:

— וואָס שטעה איך דאָ ?

כ׳האָב דערפיהלט, אַז איך בין אַן איבעריגער. איך בין אַרויס.

אַ גאַנצען וועג צום האָטעל האָבען מיר געקלונגען אין די אויערען דעם אידען׳ס ווערטער:

— פון ניו יאָרק אין בערלין ?

וואָס האָט ער געמיינט דערמיט ?

איך בין צוריק אין האָטעל. איך דערזעה ווידער היטלער׳ס פּרצוף אויף דער וואַנד.

דייטשען זיצען און עסען, אָבער — מען רעדט נישט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי אַ טישעל. אַרום מיר — דייטשען. זיי קוקען יאָ אויף מיר און זיי קוקען נישט אויף מיר. מאַנכען קוקען אויף מיר, דאַכט זיך, פריינדליך.

איך זעה ניט אימיצער זאָל זיך באַגריסען מיט׳ן היטלער־סאַלוט. אפשר זיינען דאָס אַנטי־היטלעריסטען ?

איך שטודיר דעם מעניו. עס איז כמעט נישטאָ וואָס צו עסען. אָט למשל:

פּוטער־ברויט, קאַפע — 1 מאַרק און פופציג פעניג (אַרום 75 סענט).

איך זעה:

אַ שניצעל — 4 מאַרק (נאָהענט פון אַ טאָלער).

איך קוק זיך אַרום — קיינער באַשטעלט ניט קיין פלייש . . .

איך געה צוריק אַרויס אין גאַס. איך באַשלים ביי זיך נישט מעהר מורא צו האָבען. עס איז דאָך נישט מעגליך, אַז ביי אַזאַ יקרות זאָלען מענשען ליב האָבען היטלער׳ן . . . געוויס אַנטי־היטלעריסטען. אַ סימן — זיי רעדען נישט . . . ווען זיי וואָלטען געווען אָנהענגער פון היטלער־רעזשים, וואָלטען זיי דאָך געמעגט רעדען.

איך שפּאַציר מיט פעסטערע טריט . . . איך קום ווידער צו צום שויפענסטער מיט היטלערישע ציַיטונגען און לעז שוין נייע אויפשריפטען, פון נייע אויסגאַבען, מיט נייע העצעס צו מלחמה.

ס׳קומט צו צום פענסטער אַ שעהן דייטשיש מיידעל. מיך האָט אינטערעסירט צו זעהן, ווי אַזוי זי רעאַגירט אויף די העצע־רישע אויפשריפטען. און ווען כ׳האָב אויפגעהויבען מיין בליק צו איהר, האָט זי געענטפערט מיט אַ שמייכעל . . .

עס האָט מיר אַ זעץ געטאָן אין הארצען: — אהא! ראַסען־שאַנדע! . . .

איך האָב שנעל געמאַכט פיס פון דאָרט און זיך אָפּגעשטעלט ביי אַ צווייטער שויפענסטער.

זי איז אויך צוגעקומען צום צווייטען שויפענסטער. ווען כ׳האָב זיך געלאָזען צום אַוועקגעהן, מאַכט זי צו מיר:

— אַנטשולדיגט! איהר קומט פון אַמעריקע?

— איך בין אַ נישט־אַריער! — האָב איך איהר געענטפערט.

— איך מיין גאָרנישט! — האָט זי געזאָגט — איך וויל בלויז רעדען מיט אַן אַמעריקאַנער! . . .

— אָבער איך רייד ניט מיט קיין אַריערין! — האָב איך האַסטיג אָפּגעענטפערט און גענומען שנעל אַוועקגעהן, געדענקענ־דיג מיין פריינט׳ס אָנזאָג, איך זאָל זיין פאָרזיכטיג.

אַנטלויפענדיג, האָב איך זיך שיער אָנגעשלאָגען אָן אַ ברוין־העמדעל.

— פייער! — האָט דער ברוינער פאַרשוין אַ זאָג געטאָן צו מיר. געמיינט האָט ער אַ שוועבעלע; אָבער איך, אַנטלויפענ־דיג פאַר דער „ראַסען־שאַנדע״, האָב געטראַכט: ווער ווייסט וואָס ער וויל.

ווען כ׳האָב זיך געכאַפּט, אַז ער מיינט טאַקע נישט מעהר ווי אַ שוועבעלע, האָב איך עס אים געגעבען און געטראַכט ביי זיך:

— ברען! — — — —

איך האָב דאַן באַגעגענט אַ מאַסע ברוינע און שוואַרצע העמדלעך. און יעדעס מאָל ווען איינער פון די טייוולאָנים איז מיר אַקעגענגעקומען אין פּנים אריין, — האָט עס מיר אַ זעץ געטאָן אין הארצען . . .

אינדערפרי, פאַר מיין אָפּפאָרען, האָב איך געזעהן ווי איינער פון דער געהיים־פּאָליציי איז אריינגעקומען אין האָטעל, געפרעגט די בוקקיפּערין אויפ'ן נאָמען פון א מאַן.

זי איז בלאַס געוואָרען און געשיקט עמיצען רופען.

א מאַן איז ארויסגעקומען. דער פּאָליציסט האָט איהם אוועק־געפיהרט. און מערקווירדיג: נאָך זיין אוועקגעהן מיט'ן פּאָליציי־מאַן האָט אין האָל געהערשט א טויט שטילשווייגען. קיינער האָט ניט געפרעגט פאַרוואָס האָט מען איהם ארעסטירט.

א יונגערמאַן האָט מיר געטראָגען מיין געפּעק צו דער באַהן. ער האָט אויפ'ן גאַנצען וועג קיין וואָרט נישט גערעדט.

ווען כ'האָב שוין באַדאַרפט אריינגעהן אין צוג, האָט ער מיר אַריינגעשושקעט אין אויער אריין פאָלגענדיגע ווערטער:

— אַלץ איז דאָ טייער, מען פאַרדינט ווייניג . . . שווערע צייטען . . .

ווען כ'בין אָנגעקומען קיין ווארשא און דערצעהלט וועגען מיין שרעק, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין בערלין, — האָבען מיר אַלע אָנגעקוקט דערשטוינט, און כ'האָב נישט פאַרשטאַנען:

— וואָס וואונדערען זיי זיך אַזוי?

איצט, ווען כ'בין שוין צוויי וואָכען אין ווארשא, פאַרשטעה איך עס.

א פּוילישער איד האָט נישט קיין מורא. ביי אים רופען די ברוינע און שווארצע העמדלעך נישט ארוים קיין שרעק — — —

היינט פרי האָט אין ווארשא זיך געענדיגט די ערשטע זיצונג פון דער ניי־געוויילטער דעמאָקראַטישער קהלה — די גרעסטע אידישע קהלה אין אייראָפּא.

א מערקווירדיגע זיצונג.

לינקס — די בונדיסטען (דער שטאַרקסטער בלאָק). זיי האָ־בען פופצעהן פון די פופציג אויסגעוועהלטע ראַטמענער. אין צענטער — די ציוניסטען. רעכטס — די אגודת־ישראל און די מזרחי (די פרומע אידען).

די גאַלערי — געפּאַקט.

א רעגעלער פּאַרלאַמענט.*)

אַט רעדט דער פירער פון בונד אין פּוילען, הענריק ערליך. ער קלאָגט שאַרף אָן די רעגירונג מיט די שטאַרקסטע, געוואַגטע ווערטער. בשעת זיין רעדע רוימט מיר א פּאַרטרעטער פון דער פּרעסע איין אין אויער — אַז עס איז נישט אויסגעשלאָסען, אַז צוליב דעם שאַרפען טאָן פון זיין, ערליכ׳ס רעדע, זאָל שוין די ערשטע זיצונג פון דער ניי-געוועהלטער קהלה געשלאָסען ווערען פון רעגירונגס־קאָמיסאַר.

און אָט קומט־אַרויף אויף דער טריבונע א פּאַרטרעטער פון דער אגודת־ישראל, א פאָרשטעהער פון די פרומע, א איד מיט א לאַנגער באָרד און א יאַרמולקע. און איהר מיינט, אַז אצינד וועט איהר הערען אָן אונטערטעניגע רעדע, א חניפה׳דיגע ווענדונג צו דער מאַכט. אָבער ניין. נישט וויניגער שטאַרק איז זיין פּראָטעסט, און אפשר נאָך מעהר איינדרוקספול, ווייל דאָס קומט פון א איד מיט א יאַרמולקע אויפ׳ן קאָפּ!

— מיר זיינען נישט הפקר, — האָט ער א געשריי געטאָן, און די גאַלערי האָט געשטורעמט מיט אַפּלאָוז.

— איך וויל נישט, אַז א פּאָליאַק זאָל מיר זאָגען „פּאָר קיין פּאַלעסטינע!״ — האָט ער גערונערט. — „אויב איך וועל וועלען פּאָרען, וועל איך פּאָרען, אָבער ער זאָל מיך נישט טרייבען!״

— הערט ווי עס רעדט א איד אין פּוילען, — זאָגט צו מיר א בונדיסטישער פּאַרטרעטער גערירט פון זיינע ווערטער.

די זיצונג האָט געדויערט פון 8 אין אָוונט ביז 7 אין דער פרי. אַלע פּאַרטרעטער, — צווישען זיי זקנים, — האָבען זיך נישט גע־רירט פון אָרט. אזוי אויך די גאַלערי. אַלע האָבען געוואַרט, ביז עס איז אָנגענומען געוואָרען א פּראָטעסט־רעזאָלוציע געגען די פּאָ־גראָמען און די רעכטלאָזיגקייט פון די אידען אין פּוילען.

מערקווירדיג העלדישע אידען!

איך פאַרשטעה איצט, פאַרוואָס אין פּוילען האָט מען נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס איך האָב מורא געהאַט אין בערלין.

א פּוילישער איד האָט נישט קיין מורא!

---

*) איצט זיינען שוין די קהלה זיצונגען פאַרבאָטען.

פון וואַרשע קיין גאַליציע

אויפ׳ן וועג צו מיין שטעטעל — געדאַנקען און געפיהלען

דער הויפּט ציל פון מיין רייזע קיין אייראָפּע איז געווען צו זעהן מיין געבורטס־שטעטעל, סקאלא, גאַליציע.

דאָס איז א קליין שטעטעל, ווייט פארוואָרפען, אין א ווינקעל פון מזרח־גאַליציע, ביי דער סאָוועטען־גרענעץ, ניט ווייט פון קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. דאָס שטעטעל האָט אפילו ניט געהאַט קיין מזל בארימט צו ווערען אין דער וועלט־מלחמה ווי אנדערע גאַלי־ציאַנער שטעטלאך. אזוי שנעל ווי די מלחמה האָט זיך אָנגעפאנגען זיינען די רוסען אהין אריין און עס אָפּגעשניטען פון דער גאַנצער וועלט. קיינער ווייסט גאָר ניט פון דעם שטעטעל. ביי מיר איז אָבער דאָס שטעטעל דער וויכטיגסטער פּונקט פון דער וועלט.

פול מיט נייגעריגקייט און מיט בענקשאַפט האָב איך זיך אויפגעזעצט אויף דער באהן, וואָס פאָהרט דורך לעמבערג און טאַרנאָפּאָל צו מיין געבורטס־פּלאַץ.

אין באהן, צווייטע קלאַס. עס זיצען מיט מיר צוזאמען בלויז פּאָליאַקען (אידען פאָהרען זעלטען צווייטע קלאַס). זיי רעדען פּויליש. איך פארשטעה ווייניג, אָבער מיך אינטערעסירט איצט קיינער ניט א חוץ מיין אמאָליגע היים. ווי זעהט איצט אויס מיין שטעטעל? וועל איך דאָרט טרעפען א טייל פון מיינע אמאָ־ליגע חברים.

עס שטעהט פאר מיינע אויגען דער אמאָליגער בירגערמייס־טער, א איד מיט א לאַנגע פּאָרד און לאַנגע פּאות, א פייערדיגער וויזשניצער חסיד, וואָס מאַכט געזעצען, פארפאַסט גזירות צו צווינ־גען אַלע אידען צו פאָהרען צום וויזשניצער רבי׳ן.

אָט זעה איך דעם אידישען פּאָליציי־מאַן פון שטעטעל, א איד מיט א בערדעל וואָס שבת געהט ער אָנגעטאָן אין א שטריימעל מיט א שווערד.

און אַט שוועבען פאַר מיינע אויגען מיינע חברים, די בית־המדרש בחורים, וואָס ווישען אָפּ די שויב פון אַ בית־המדרש פענסטער, אום אריינצוקוקען צום שוחט׳ס הויז צו זעהן די בלויע אויגען פון זיין שעהנער טאָכטער. אַלע זיינען מיר געווען בשותפות פאַרליבט אין איהרע אויגען. זי האָט פון דעם ניט געוואוסט און דערפאַר פלעגט זי אַמאָל בלויז צוקומען צום פענסטער אויף אַ פּאָר מינוטען און ארויסקוקען. מיר האָבען צוליב די פּאָר מי־נוטען געווארט גאַנצע טעג. ווען די גוטע פּאַר מינוטען זיינען געקומען זיינען מיר אַלע געווען ווילד פון באַגייסטערונג. איין בחור האָט אויסגעשריען אַ פּסוק פון ירמיהו: „מי יתנני במדבר!" „הלואי וואָלט איך איצט געווען אין דער מדבר!" דער ליבעס־שמערץ איז געווען אַזוי גרויס, אַז ער וואָלט געוואָלט אַנטלויפען אין דער מדבר אריין. אַנדערע האָבען אויסגעדריקט זייער באַ־גייסטערונג דורך אַנדערע פּסוקים. מען האָט געליבט און געזונ־גען פון באַגייסטערונג פּסוקים פון תנ"ך.

וואָס איז געוואָרען פון יענע בחורים?

אַט זעה איך פאַר מיר דער ערשטען אידישען סטודענט פון שטעטעל. ער קומט פון טשערנאָוויץ, ער רעדט דייטש. אַלע לויפען אויף איהם קוקען, ווען ער קומט אויף וואַקאַציע. מיר פּראַקטי־צירען אונזער דייטש אויף איהם. מיר באַוואונדערען זיין גלאַט פּנים אָהן פּאות. מיר זיינען איהם אַלע מקנא. פילע פון אונז לויפען איהם נאָך קיין טשערנאָוויץ שטודירען. אַ טייל קומען שנעל צוריק, אַ טייל מוטשען זיך דאָרט לענגער און קומען צוריק אָהן פּאות און מיט צוריסענע הויזען.

וואָס איז פון זיי אַלע געוואָרען?

אַט שטעהען פאַר מיינע אויגען יונגע לייט, איידימס, קעסט־קינדער, וואָס דאַווענען ניט, לייענען די „ווינער נייע פריע פּרעסע" און זאָגען וויצען.

אַט שטעהט פאַר מיינע אויגען אַ איד אַ כהן, וואָס האָט מיך געכאַפּט לייענען אַ העברעאיש ביכעל אויף דער גמרא און האָט עס פאַרברענט אויסרופענדיג: „ובערת הרע מקרבך!" דאָס שלעכ־טע זאָל מען אויסראָטען.

און וואָס איז געוואָרען מיט די ציוניסטען און סאָציאַליס־

טען, וועלכע זיינען אַלע געווען פאראייניגט (יונייטעד פראַנט) אין קאמף געגען ניט־דאַווענען?

אַלע זיינען זיי מיר איצט ליב און טייער.

איך נעם ארויס די בריף, וואָס איך האָב געקראָגען אין ווארשא פון מיינע קרובים. אזוי שנעל ווי די ווארשעווער אידישע צייטונגען האָבען באריכטעט, אַז איך געפין זיך אין ווארשע, האָב איך געקראָגען מאסען בריף פון לאַנדסלייט און קרובים.

איך לייען דעם ערשטען בריף:

„ליבער חנא! אזוי ווי דו ביזט מיינער אַ קרוב, בלוט פון מיין בלוט און פלייש פון מיין פלייש און אזוי ווי דו ביזט אַ גליקליכער מענש, וואָס דו ביזט אין אַמעריקע און ביזט נאָך דערצו אַ שרייבער און מען פיהרט נאָך אויף דיינע אַ פיעסע אין ווארשע, וואָס וועט מיט גאָט'ס הילף זיין אַ גרויסער ערפאָלג, אמן, בעט איך דיך מיך צו ראטעווען. איך וויל זיך מיט דיר ניט דינגען, ווייל איך וויים, אַז אַזא מענש ווי דו דינגט זיך ניט. מיט 2,000 זלאָטעס (400 דאָלאר) קענסטו מיך שטעלען אויף די פיס".

איך לייען אַ צווייטען בריף. יענער פארלאַנגט בלויז טויזענט זלאָטעס (צוויי הונדערט דאָלאר).

אַ דריטער פארלאַנגט בלויז 100 זלאָטעס. (50 דאָלאר) ער האָט פיינט, — שרייבט ער — אויף יענעמ'ס חשבון צו מאַכען גרויסע הוצאות. ער וועט אויסקומען מיט 100 זלאָטעס, זעהר פיין!

איך נעם ארויס אַ בליישטיפט און מאַך דעם חשבון וואָס אַלע פארלאַנגען. צוזאַמען פינף טויזענט דאָלאר.

איך באַשליס ביי מיר, אַז דאָס איז ניט קיין סך. נאָכדעם ווי איך האָב זיי שוין יאָהרען ניט געזעהן און נאָכדעם ווי זיי האָבען ניט קיין פרנסה, ווי זיי שרייבען, (מען קען זיי גלויבען. איך האָב אין ווארשע שוין געזעהן גענוג אידען אָהן פרנסה.) איז זיכער ניט קיין עולה ווען איך גיב זיי פינף טויזענט דאָלאר. דאָס, וואָס איך בין ניט קיין עושר, איז דאָך ניט זייער שולד. אַ מענש, וואָס איז שוין אזוי לאַנג אין אַמעריקע, האָט יאָ געמעגט זיין אַן עושר.

איך כאַפּ זיך באַלד, אַז פינף טויזענט דאָלאר איז ניט גענוג. איך האָב דאָך קרובים וואָס האָבען מיר גאָר ניט געשריבען. זיי

ווארטען אויף מיין קומען צו רעדען מיט מיר פערזענליך. איז פארוואס קומט די אנדערע יא און זיי ניט? איך רעכען אויס, אז מיט נאך פינף טויזענט דאלאר וואלט איך געקענט אויך העלפען די אנדערע קרובים. צוזאמען איז דאס צעהן טויזענט דאלאר.

איך כאפ זיך אבער, אז עס וואלט געווען אן עולה צו געבען בלויז קרובים. און וואס איז מיט אזוי גוטע ברידער, אמאליגע חברים און פריינט? און היינט אינסטיטוציעס פון שטעטעל. ווי אזוי לאזט מען זיי איבער אהן א פעני? איך רעכען ווייטער און באשלים, אז מען דארף אויסגעבען נאך פינף טויזענט דאלאר. עס איז זיכער ניט צופיל.

איך רעכען און רעכען און דערמאן זיך, אז איך האב נאך קרובים אין אנדערע שטעט. פארוואס קומט יענע גארניט? איך שטעל צו נאך פינף טויזענט דאלאר. איך בין ניט קיין קארגער. צוזאמען צוואנציג טויזענט דאלאר.

און איך טראכט: ווי שעהן עס וואלט געווען ווען איך לאז איבער אין שטעטעל 20 טויזענט דאלאר. איך וואלט געפיהלט גוט. מיינע קרובים וואלטען געפיהלט גוט. עס וואלט געווען שעהן און פיין . . . און עס פאלט מיר איין, אז ווען אייגענטליך איך וואלט אין אמעריקע זיך געווען אפגעגעבען מיט עפעס אנ־דערש אנשטאט שרייבעריי, וואלט עס אפשר טאקע געווען מעגליך. און אפשר, טראכט איך, ווען איך בין טאקע אן עושר, וואס 20 טויזענט דאלאר שפילט ביי איהם ניט קיין ראלע, וואלט איך גע־ווען א חזיר און גאר ניט געוואלט געבען. איז דאך אפשר אזוי בעסער. איך בין א גוטער, איך וויל געבען, און פאר זיי, פאר מיינע קרובים, איז ניט קיין חילוק. זיי וואלטען פון מיר מעהר ניט גע־קראגען ווען איך בין ניט קיין שרייבער און בין אן עושר. אזוי האבען זיי כאטש פון מיר כבוד. זייער לאנדסמאן איז א שרייבער, זייער לאנדסמאן שרייבט פיעסען.

וועט דאס פאר זיי זיין גענוג? איך ברען פון נייגער. איך וויל זיי שוין זעהן. און אזוי טראכטענדיג און חשובנ'ענדיג האט דער קאנדוקטאר אויסגעשריען: לעמבערג!

אין לעמבערג

אין לעמבערג בין איך אָנגעקומען ארום 12 ביינאכט. איך בין פארפאָהרען אין א האָטעל, איבערגעלאָזען מיינע זאכען, און זיך געלאָזען אין א באקאנטע קאפע־הויז צו טרעפען באקאנטע, שרייבער, שוישפילער. אָבער אין דעם קאפע־הויז האָט מען מיר געזאָגט, אז נאָך צוועלף קומט קיינער ניט. דאָס איז ניט ווארשע, וואו דאָס לעבען הויבט זיך ערשט אָן נאָך צוועלף. דאָ געהט מען פריה שלאָפען. עס איז ניט מעהר דאָס לעמבערג וואָס ס'איז געווען.

איך געה צוריק אין האָטעל. איך באגעגען דאָרט א פאָר אידישע געסט פון אנדערע שטעט. זיי רעדען צו מיר דייטש. גאליציע האָט זיך נאָך ניט אונטערגעגעבען צו פוילען, וויל די דייטשע שפראך ניט אויפגעבען.

פון זייער געשפרעך געפין איך אויס, אז זיי בענקען נאָך אַלץ נאָך פראנץ יאָזעפ'ן. זיי ווילען ניט פארגעסען אז גאליציע איז שוין ניט מעהר עסטרייך.

מיר, אידען אין גאליציע, ערקלערט מיר איינער, ליידען מעהר ווי די אידען אין פוילען, ווייל מיר געדענקען נאָך די פרייהייטען, וואָס מיר האָבען געהאט אין עסטרייך וועהרענד די פוילישע אידען האָבען פריהער געהאט דעם רוסישען צאר איז זיי לייכטער צו פארטראָגען דעם פוילישען יאָך.

איך קוק זיך איין אין די אידען. זיי זיינען גאנץ אנדערע ווי די אידען פון פוילען. זיי האָבען אנדערע מאניערען, זיי רעדען אן אנדערען אידיש. זיי זיינען אנדערע, זיי זיינען גאליציאנער אידען.

— און מיר זיינען מעהר אויף צרות ווי די פוילישע אידען, — זאָגט מיר איינער.

איך פרואוו איהם באווייזען, אז פוילישע אידען זיינען אויך אויף גרויסע צרות. אָבער ער לאָזט זיך ניט.

— איהר ווייסט ניט וואָס עס טוט זיך אין גאליציע, — ערקלערט מיר א צווייטער, — פארט אריין אין די קליינע גאליציאנער שטעטלאך וועט איהר זעהן צרות, וועט איהר זעהן א

דלות, וועט איהר ערשט זעהן דעם אמת'ן אומגליק.
— איך פאָהר טאַקע אהין, — האָב איך איהם געענטפערט.
— אָבער איהר זאָלט גוט קוקען, — זאָגט איינער, — איהר זאָלט האָבען געדולד אויסצוהערען אַלע צרות. איהר זאָלט ניט זיין ווי די מעהרסטע אַמעריקאַנער. זיי וואַרפען יענעם אַ דאָלאַר אין פנים אריין און ווילען ניט הערען וואָס מען רעדט צו זיי.
— די אידישע שטעטלאך אין גאַליציע שטאַרבען. די מענ־שען גוסס'ן. איהר זעהט ניט מעהר קיין לעבעדיגע מענשען. קוקט זיך גוט אין זיי איין וועט איהר זעהן, — זאָגט מיר אַן אַ צווייטער.
— איך וועל קוקען, איך וועל זעהן, — האָב איך איהם פאַרשפּראָכען.

פון לעמבערג קיין טארנאפאל

אַ געשפּרעך מיט פּאָליאַקען און אידען — וואָס איז וויכטיגער: לופט צו ברויט?

גאַנץ פריה בין איך אָפּגעפאָהרען פון לעמבערג קיין טאַר־נאָפּאָל אויפ׳ן וועג צו מיין געבורטס־שטעטעל. מיין הארץ ציטערט פון פרייד. אין אָוועגט וועל איך שוין זיין דאָרט, וואו איך בין געבוירען געוואָרען. איך דאַרף בלויז איבערוואַרטען דעם היינטיגען טאָג.

אין קופּע זיצט מיט מיר אַ פּוילישער אָפיצער און נאָך אַ פּאָליאַק. זיי וואַרפען אַ בליק אויף מיר, און דרעהען אַוועק די פּנים׳ער. איך געפעהל זיי מסתמא ניט. אַ ווײַלע שפּעטער באַמערקט דער אָפיצער מיין סעטשעל, אויף וועלכען עס געפינט זיך אַ צעטעל, אַז עס איז פון ניו יאָרק. ער זאָגט עפּעס שטיל צום פּאָליאַק. יענער דרעהט אויס דעם קאָפּ, באַטראַכט מיין אַמעריקאַנער סעטשעל און שענקט מיר אַ שמייכעל. ביידע דרעהען זיך אויס צו מיר און קוקען אויף מיר פריינדליך. אויף אַן אַמעריקאַנער קוקען אפילו פּאָליאַקען פריינדליך.

מיר שווייגען אַלע, אָבער בלויז פאַר אַ פּאָר מינוט צייט. דאַן פרעגט מיך דער אָפיצער אין פּויליש ווי לאַנג איך בין שוין פון אַמעריקע. איך ענטפער איהם אין ענגליש, אַז איך קען ניט קיין פּויליש. דערהערענדיג אַ פּאָר ענגלישע ווערטער האָבען די צוויי פּאָליאַקען נאָך פריינדליכער געשמייכעלט צו מיר.

נאָך אַ פּאָר מינוט פון שטילשווייגען פרעגט מיך דער אָפיציר אין דייטש, צי איך קען דייטש. יאָ, ענטפער איך איהם, און מיר הויבען אָן צו רעדען.

אָפיציר: — איז טאַקע אַזוי גוט אין אַמעריקע ווי מ׳זאָגט?

איך: — נאָכדעם ווי מען איז אין פּוילען אַ פּאָר וואָכען צייט פאַרשטעהט מען ערשט ווי גוט ס׳איז אין אַמעריקע.

אָפיציר: — און אין פּוילען גלויבט איהר איז זעהר שלעכט?

איך: — יאָ.

אָפּיציר: — מיט וואָס?

איך: — איך בין אַ גאַסט. צו וואָס זאָל איך רעדען זאַכען וואָס זאָלען אייך ניט געפעלען?

עס ווערט ווידער שטיל אַ פּאָר מינוט, דאַן נעמט דער צווייטער פּאָליאק דאָס וואָרט.

פּאָליאַק: — איז דאָס ריכטיג, אַז די אידען פיהלען זיך אין אמעריקע זעהר גוט, מען האָט פון זיי ניט קיין צרות?

איך: — וואָס פאַר אַ צרות? נחת האָט מען פון זיי.

פּאָליאַק: — אַ מאָדנע לאַנד דאָס אמעריקע. עס האָט אפילו ניט קיין צרות פון די אידען.

אָפּיציר: — מיר וואָלטען אויך דאָ געווען גוט צו די אידען, נאָר מיר האָבען ניט גענוג פּלאַץ. מען קלערט דאָ וועגען קריגען אַ קאָלאָניע אוועקצושיקען די אידען.

פּאָליאַק — (ארויסנעמענדיג אַ פּוילישע צייטונגעל): — אָט אין דער צייטונג ווערט געשריבען וועגען דער אידישער פראַגע. עס ווערט באַוויזען, אַז ווען די אידען וואַנדערען אוים קיין פּאַלעסטינא וואָלט געווען אַ גוט פאַר פּוילען און אַ גוט פאַר די אידען.

מיר איז געוואָרען היים. איך האָב געפיהלט צו זאָגען אַזעלכע שאַרפע ווערטער, וועלכע וואָלטען געפיהרט צו אונאַנגענעמליכקייטען, און עס האָט מיר אָנגעהויבען שטאַרק באַנג טאָן וואָס איך בין אריין אין אַזאַ געשפּרעך. צו וואָס אייגענטליך האָב איך אינגאַנצען גענדאַרפט פאַהרען 2טע קלאַס צווישען פּוילישע אַנטיסעמיטען? אין 3טע קלאַס איז דאָך היימישער, ווען אפילו די בענקלאַך זיינען האַרטע, אָבער די מענשען זיינען דאָך בעסערע. דאָרט וואָלט איך זיך דאָך געפונען צווישען אידען, צווישען אחינו בני ישראל.

איך האָב זיך באַלד איבערגעטראָגען אין 3טע קלאַס. איך בין אריין אין אַ קופּע, וואו עס איז געזעסען אַן עלטערע אידענע מיט אַ פּעקעל, גרעסער פון איהר, און אַ אידישער דאַרער יונגער מאַן מיט אַ פּאַק ברייטער פון איהם. אידען מוזען הפנים פיהרען מיט זיך פּעקלאַך.

אָהן שום צערעמאָניעס האָב איך צו זיי אַ זאָג געטאָן:

— וואו פאָהרען אידען ?

— וואו זאָלען אידען פאָהרען ? — ענטפערט די אידענע מיט א זיפץ — אידען פאָהרען אויפ'ן יאריד.

— און פון וואנען פאָהרט איהר ? — פרעגט מיך דער יונגערמאַן.

—איך פאָהר פון אמעריקע.

— פון אמעריקע ! — האָט דער יונגערמאַן אויסגערופען.

— פון אמעריקע ! — האָט די אידענע נאָכגעברומט.

— פון אמעריקע ! — האָט דער יונגערמאַן נאָך אמאָל ווי־דערהאָלט.

— פון אמעריקע — האָט די אידענע ווידער נאָכגעברומט — איהר מיינט, אז איך האָב ניט א ברודער אין אמעריקע ? — נאָר ווער הערט דען פון איהם ? איך שרייב, שרייב און שרייב און ער — אזוי ווי א שטיין אין וואסער אריין. ער וואָלט דאָך מיך געקענט ראטעווען. פון דעם יאריד קען איך דען אפילו פארדינען אויף וואסער ? איך טויג זיך דען צו א יאריד ? איהר מיינט, אז מיין ברודער איז א שלעכטער מענש ? ער איז דוקא א גוטער, א פיינער, אן עדעלער. ווי קען ער זיין שלעכט אז ער קומט פון אן עדעלער פאַמיליע, — א באַלעבאַטיש קינד, נאָר דאָס אמעריקע מאכט איהם קאליע.

— וואָס טויג מיר אייערע טענות ? — שלאָגט איהר איבער דער יונגערמאַן — לאָזט מיך א רעד טאָן צום אמעריקאנער. זאָגט מיר, איך בעט אייך, ווי לאנג וועלען די טויערען פון אמעריקע זיין פארמאכט ?

— דערווייל האַלט עס ניט ביים עפענען די טויערען — ער־קלער איך איהם.

— איך וועל אייך זאָגען אנטקעגען וואָס איך פרעג אייך — ערקלערט מיר דער יונגערמאַן — די הילף וואָס מען קריגט פון אמעריקע פאַלט אריין אזוי ווי אין א לעכערדיגען זאק. גנה האָדע־אָן א גאנץ לאנד מיט אידען וואָס האָבען ניט קיין פרנסה. אָבער ווען מען לאָזט אונז אריין קיין אמעריקע זיינען מיר דאָך געראַ־טעוועט, הארפען מיר דאָך ניט מעהר פאָרען אויף די יארידעם.

— אוי די יארידעם ! — רופט אויס די אידענע — זיי ליגען

מיר שוין דאָ אין די ביינער. איהר זעהט דאָ דעם פּאַק וואָס איך פיהר. איהר מיינט אַז עס איז עפּעס דאָ אין דעם, איך האָב דען וואָס צו פאַרקויפען? לויטער שמאַטעס. ווער דאַרף דאָס? טאָמער קומט שוין אַ ליטישער קונה, האָב איך איהם ניט וואָס צו פאַרקויפען?

— וואָס דאַרף דער אַמעריקאַנער וויסען די אַלע זאַכען — מישט זיך אריין דער יונגערמאַן ניט לאָזענדיג איהר רעדען — ערקלערט מיר, איך בעט אייך, פאַרוואָס לאָזט אַמעריקע, אַז די פּאַליאַקען זאָלען אונז אַזוי מוטשען? אַמעריקע איז דאָך עפּעס דאָס לאַנד פון יושר און גערעכטיגקייט, פאַרוואָס שווייגט זי?

— לאָזט מיך בעסער רעדען — שלאָגט איבער די אידענע — איהר הערט בעסער וואָס איך זאָג אייך, די הויפּט צרה איז וואָס אידען האָבען ניט קיין פּרנסה. ווען מיר וואָלטען געהאַט פּרנסה וואָלטען מיר שוין ווי עס איז דורכגעקומען.

— וואָס דרעהט איהר אַ קאָפּ מיט פּרנסה — שלאָגט איבער דער יונגערמאַן — ווער ווייסט עס ניט, אַז גאַליציאַנער אידען האָבען ניט קיין פּרנסה. זיי זיינען שוין צו דעם צוגעוואוינט. אָבער לעבען דאַרף מען דאָך. מילא, עסט מען ניט, געהט מען אָנגעטאָן אין צוריסענע מלבושים. אָבער אַביסעל פרישע לופט צו אָטעמען דאַרף מען דאָך. מען האָט דאָך ביי אונז צוגענומען די לופט. דאָ געה ניט און דאָ שטעה ניט. דאָ איז לעבען דער גרעניץ, טאָר מען ניט געהן און דאָ איז עפּעס גלאַט אַ הייליג אָרט טאָר אַ איד דאַרויף ניט קוקען. פאַרוואָס שווייגט אַמעריקע?

— און איך זאָג אייך, אַז די אַלע זאַכען זיינען ניט ווערט קיין אויסגעבלאָזען איי. — רייסט איבער די אידענע — איז געהט מען ניט, וואו מ'הייסט ניט, איז קוקט מען ניט וואו ס'איז ניט ערלויבט. איך קען אויספירען, אַז איך זאָל אינגאַנצען ניט ארויסגעהן אין גאַס. אָבער פּרנסה! ווי קען מען לעבען אָהן פּרנסה? איך האָב פינף קינדער.

— וואָס דרעהט זי אַ קאָפּ מיט קינדער און פּרנסה — האָט דער יונגערמאַן אויסגעשריען — איך רעד וועגען לופט, אָהן לופט קען מען ניט לעבען. מיר ווערען דערשטיקט.

— וואָס פאַר אַ לופט! — האָט די אידענע אויסגעשריען —

ווער דאַרף לופט? איך וויל ברויט.

— מאַלע וואָס איהר ווילט — טענה'ט דער יונגער מאַן — איהר האָט ניט קיין ברויט האָט איהר ניט, אָבער לופט האָט איהר און מ'נעמט עס ביי אייך אוועק.

דער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעשלאָגען זייער געשפּרעך אויס־רופענדיג טאַרנאָפּאָל.

אין טאַרנאָפּאָל

אין טאַרנאָפּאָל איז דער צוג געשטאַנען דריי שעה. איך האָב זיך אוועקגעלאָזען אין שטאָט.

איך בין קיינמאָל אין טאַרנאָפּאָל ניט געווען. אָבער דער נאָ-מען איז מיר גוט באַקאַנט. איך דרעה זיך אין די גאַסען. רעדלאַך אידען שטעהען. עס זעהט אויס זיי האָבען צייט. אַלע קוקען מיר נאָך. זיי קענען יעדען איינעם וואָס געהט אין זייערע גאַסען און דערפאַר ווייסען זיי אז איך בין אַ פרעמדער. איך געה צו צו איי־נעם און פרעג איהם:

— וואו איז דאָ אַ רעסטאָראַן?

— איך וועל אייך נעמען אין אַ רעסטאָראַן — ענטפערט אַ יונגערמאַן און געהט שוין מיט מיר.

די אַנדערע זיינען געבליבען ווי געפּלעפּטע וואָס יענער האָט אויסגעכאַפּט און פיהרט מיך. אַלע וואָלטען מיך וואהרשיינליך געוואָלט פיהרען.

געהענדיג מאַכט ער צו מיר:

— איך האָב באַלד דערקענט אז איהר זייט אַן אַמעריקאַנער.

— אין וואָס?

— אין אייערע שיך. איז ווי לאַנג בלייבט איהר אין טאַר־נאָפּאָל?

— דריי שעה.

— פיין. איך וועל אייך שוין ארומפיהרען איבער טאַרנאָפּאָל. איך וועל אייך שוין ווייזען די שטאָדט — זאָגט ער.

געהענדיג ווייטער מאַכט ער צו מיר: איך האָב היינט גע־זאָגט צו מיין ווייב, אז איך פיהל דאָס היינט וועל איך פאַרדינען

א פּאָר זלאָטעס. זאָגט זי צו מיר: מאַך דיך ניט נאַריש. פון וואָס? זאָג איך איהר: אז גאָט וויל קען אַלעס פּאַסירען. זאָגט זי: דו זעהסט דאָך, אז גאָט וויל ניט מען זאָל אין טאַרנאָפּאָל פּאַרדינען. זאָג איך: נאָר ניט פּאַרלירען קיין האָפנונג. נו, האָב איך טאַקע געהאַט רעכט. גאָט האָט מיר צוגעשיקט אַן אַמעריקאַנער. אז איך וועל מיט אייך ארומגעהן, וועט איהר דערפאַר מיר זיכער געבען א פּאָר זלאָטעס.

— זיכער — זאָג איך.

— נו, בין איך דאָך א שטיקעל נביא.

אריינקומענדיג אין רעסטאָראַן האָב איך איהם געבעטען מיט מיר צו עסען צוזאַמען. ער האָט זיך געפונען שטאַרק באַליידיגט.

— מיינט ניט, אז איך בין א שנאָרער — האָט ער אויסגערופען — איך עס ניט קיין אומזיסטע מאָהלצייטען. איך בין געוועהנט, אז אורחים זאָלען ביי מיר עסען, ניט איך ביי יענעם. פאַר ארומפיהרען אייך וועל איך קריגען א פּאָר זלאָטעס, איז עס אַרבייט. אָבער עסען אומזיסט, ניין!

אין ווייטערען געשפּרעך האָט ער מיר דערצעהלט, אז ער האָט א רייכען קרוב אין אַמעריקע, נאָר ער האָט איהם קיינמאָל ניט געבעטען איהם צו שיקען געלד.

— פאַרוואָס?

— ווייל איך בין ניט געוועהנט צו קריגען געלד פאַר גאָרנישט.

נאָכ'ן עסען האָט ער מיך געפיהרט איבער דער שטאָדט.

— אָט דאָ אַ! — האָט ער מיר געוויזען — האָט געוואוינט אַמאָל א רייכער איד. איצט וואוינט דאָ א פּאָליאַק.

— אָט דאָ האָט געוואוינט א זעהר רייכער איד. ער וואוינט נאָך דאָ. אָבער ער איז שוין א גרויסער אָרימאַן.

— אָט דאָ האָט מען געמאַכט א פּאָגראָם אויף אידען.

— אָט דאָ האָבען די רוסען געמאַכט א שחיטה אויף אידען ווען זיי זיינען אריין אין שטאָדט אין צייט פון דער מלחמה.

— איהר זעהט אָט דאָס רעדעל אידען? זיי שטעהען אזוי אָפּ שטונדען און רעדען.

— פון וואָס רעדען זיי?

— פון אַלעם.
— למשל ?
— פון פּאָליטיק. וועגען 'דער נעקסטער מלחמה.
— וואָס למשל, זאָגט מען דאָ וועגען דער נעקסטער מלחמה ?
— זיי גלויבען — זאָגט ער — אַז נאָך דער נעקסטער מלחמה וועט די אידישע לאַגע בעסער ווערען.
— פאַרוואָס ? — פרעג איך.
— ווייל — זאָגט ער — ערגער קען דאָך שוין ניט זיין מוז דאָך ווערען בעסער. ווען איהר זיינט אָנגעקומען האָבען מיר גע־רעדט וועגען דעם וואָס פּוילען ווייסט נאָך ניט מיט וועמען זי וועט האַלטען אין דער נעקסטער מלחמה, צו מיט פראַנקרייך, צו מיט דייטשלאַנד. איהר זעהט אָט די אַלע רעדלאַך אידען. דאָס רעדט מען אַלץ וועגען פּאָליטיק. מען רעדט אויך וועגען אַמעריקע.
— וואָס רעדט מען וועגען אַמעריקע ?
— פאַרשידענעס. מען פיהלט איבערהויפּט גוט ווען מען רעדט וועגען אַמעריקע. — אַז ניו יאָרק האָט אַ אידישען גובערנאַ־טאָר וואָס קען נאָך זיין מעהר ? יאָ איז וואָס מאַכט ער טאַקע דער גובערנאַטאָר לעהמאַן ?
— איז וואָס האָט איהר דאָ דערפון וואָס ניו יאָרק האָט אַ אידישען גאָווערנאָר ? — פרעג איך איהם.
— מיר האָבען שוין גאָר אַ סך. מיר זיינען שטאָלץ אויף דעם.
אַזוי רעדענדיג מיט מיר איז דורכגעגאַנגען אַן עלטערער מאַן וועמען ער האָט געגריסט.
— איהר זעהט — זאָגט ער מיר — דעם אידען געהט גוט. ער האָט אַ פיינע עלטער.
— פון וואָס געהט איהם אַזוי גוט ? — פרעג איך.
— ער האָט צוויי זיהן — ערקלערט ער מיר — איינער אין אַמעריקע און איינער אין פּאַלעסטינא.
— נו, איז וואָס ? — פרעג איך.
— וואָס קען נאָך זיין בעסער — זאָגט ער — דער פון אַמע־ריקע שיקט איהם געלד און דער פון פּאַלעסטינא שיקט איהם. אַז אין אַמעריקע איז געווען דער גרויסער קריזיס האָט איהם געשיקט

דער פון פּאַלעסטינא. דער איד איז פאַרזאָרגט.

ער האָט מיך אַזוי אַרומגעפיהרט אַ פּאָר שטונדען איבער דער שטאָדט, מיר געוויזען אונגליקליכע פּלעצער מיט אונגליקלי־כע אידען.

דאָ איז געווען אַ פּאָגראָם. דאָ וואוינט אַן אבגעקומענער גביר. דאָ איז געווען אַן אומגליק. דאָ איז געווען אַ צרה.

ביים געזעגענען זיך פרעגט ער מיך: — נו, ווי געפעלט אייך אונזער שטאָדט?

מיר האָט גענומען אַ ביסעל לאַנג צו ענטפערען אויף דער פראַגע. איז ער האָט פאר מיר געגעבען זיך דעם ענטפער: — וואָס איז דאָ צו געפעלען? אַ גאַליצישע שטאָדט. ס'איז ניט פּאַריז, ס'איז ניט לאָנדאָן. מען קען דאָ ניט זעהן קיין גוואַלדיגע זאַכען, קיין אַנטיקען, קיין פּאַלאַצען. מען זעהט בלויז אונגליקלי־כע אידען.

פון טארנאפאל קיין סקאלא

א באגעגעניש מיט א לאנדסמאן, וועלכער דער־קענט מיך ניט—פארוואס א איד דארף קענען אכט שפראכען

איך פאהר ענדליך פון טארנאפאל אין מיין געבורטס־שטעטעל סקאלא.

מען האט מיר געזאגט, אז די רייזע דארף געדויערען פיער שטונדען. דאס מיינט, אז 7 אוהר אין אווענט וועל איך שוין זיין אין מיין שטעטעל . . .

מען האט מיר אבער געגעבען אנצוהערען, אז איך זאל זיך ניט ריכטען צו זיין דארט פאר אכט אזייגער, ווייל איך דארף צוויי מאל איבערשטייגען אין אנדערע צוגען, און יענע צוגען האבען א טבע צו פארשפעטיגען. און טאמער, האט מען מיר געזאגט, וועל איך ערשט אנקומען 9 אזייגער זאל איך אויך זאגען „גם זו לטובה". אין יענער געגענד, האט מען מיר ערקלערט, האט מען א סך צייט. ס'איז ניטא וואס זיך צו איילען. קיינעם ארט דערפאר ניט ווען מען פאהרט פאר דעמזעלבען געלט אביסעל לענגער.

איך האב זיך אבער שוין גאר געאיילט. איך האב געוואלט אנקומען אהין וואס שנעלער, וואס פריהער. איך האב געוואלט אין דעמזעלבען אווענט נאך זעהן דאס שטעטעל, די גאסען, די מענשען.

ווען איך וואלט געהאט פליגעל וואלט איך געפלויגען. אבער איך האב ניט קיין פליגעל. זיץ איך אין מיין קופע, צווייטע קלאס, און דער צוג באוועגט זיך זעהר לאנגזאם. ס'איז ניט קיין אמעריקאנער טרעין. ס'איז א גאליציאנער באהן וואס קריכט.

איך זיץ אליין אין א קופע. איך בין צופרידען וואס איך בין אליין. איך וויל איצט מיט קיינעם ניט רעדען, נאר מיט זיך אליין. איך וויל זיין גרייט פאר דער אויפנאמע וואס דאס שטעטעל וועט מיר געבען.

איידער איך האָב אויפגעשטיגען אין באַהן האָב איך זיך ראַ־זירט ביי אַ באַרבער אין טאַרנאָפּאָל. איך וויל אויסזעהן פריש, שעהן, יונג, פרעהליך. איך וויל פאַר מיין שטעטעל זיך ניט ווייזען ווי אַ הומאָריסט, פאַר'מרה־שחור'ט.

אָבער ווי אויף צו להכעים הויבען אָן שווימען אין מיין מוח טרויעריגע עראינערונגען. איך דערמאָן זיך אָן מיין טאַטען, אָן מיין מאַמען, מיין איינציגער שוועסטער, וועלכע זיינען שוין טויט. די מגפות פון דער גרויזאַמער וועלט־מלחמה האָבען זיי אַוועקגערי־סען פון מיר.

ווען ניט די שוידערליכע וועלט־מלחמה וואָלטען זיי איצט אַלע געלעבט. זיי וואָלטען איצט ביים באַהן אין סקאַלא געוואַרט אויף מיר. זיי וואָלטען געצעהלט די מינוטען ביז דער צוג וועט אָנקומען.

ווי זיי וואָלטען זיך דערפרעהט מיט מיין אָנקומען. מיין מאַמע און שוועסטער וואָלטען געוויינט פון גליק. מיין טאַטע, וועלכער האָט ניט געהאַלטען פון וויינען, וואָלט געזאָגט: „הערט־אויף וויינען, הערט אויף!"

מיין פאַנטאַזיע טראָגט מיך ווייטער:

מיר קומען אַהיים אין אונזער הויז. איך לויף דאָס ערשטע אַ קוק טאָן אויפ'ן גאַניק, וואו איך האָב זיך אין מיין קינדהייט געשפּילט. מיין מאַמע און שוועסטער באַוואַרפען מיך מיט פראַגען און איך ענטפער און ענטפער און איך פיהל אַזוי גוט, איך בין ניט מיד צו ענטפערען.

— איז דיין ווייב גוט צו דיר? — פרעגט די מאַמע.

— איז דיין ווייב אַ שעהנע? — פרעגט די שוועסטער.

— און ווי זעהט אויס דיין קינד, מיין אייניקעל? — פרעגט די מאַמע.

— וועסט איהם פרעגען שפּעטער, — זאָגט דער טאַטע, — ער איז מיד און הונגעריג. גיב איהם עסען.

— אודאי דאַרף מען איהם געבען עסען, — זאָגט די מאַמע. — ער האָט שוין אַזוי לאַנג ביי מיר ניט געגעסען.

— איך וויל איצט ניט עסען, — זאָג איך, — איך וויל בעסער רעדען. און איך רעד און רעד, און דערצעהל און דערצעהל ווי איך

האָב די ערשטע צייט געליטען, געבידעוועט אין אַמעריקע. איך האָב זיך געלערענט זיין אַן אַפּרעיטאָר, אַ מאַשין־שטעפּער, און ניט געקענט. איך האָב זיך אַלע מאָל אריינגעשטאָכען אַ נאָדעל אין פינגער.

— איך שטעל זיך פאָר וואָס פאַר אַ באַלמעלאָכע דו ביזט געוועזן, — זאָגט דער טאַטע.

— איך האָב געוואָלט ווערען אַ געשעפטסמאַן, אַ סוחר, און ניט געקענט, — דערצעהל איך ווייטער.

— יאָ, — מאַכט דער טאַטע. — דו ביזט דער ריכטיגער סוחר.

און איך דערצעהל ווי אזוי איך האָב געעפענט אַ קענדי־סטאָרקע צוזאַמען מיט אַ שותּף, אַ דיכטער, און קיין קונים זיינען ניט געקומען. אָבער מיין שותּף איז געפּעלען דער סטאָר, ווייל ס'איז שטיל און רוהיג און ער קען אונגעשטערט שרייבען לידער.

איך דערצעהל און דערצעהל וועגען מיינע אַמאָליגע צרות, און מיין מאַמע קרעכצט. מיין טאַטע זאָגט איהר, אַז זי קרעכצט אומזיסט. די צרות זיינען שוין לאַנג אַריבער.

— איך האָב, מיינסטו, דאָ ניט געפיהלט ווען איהם איז גע־וועזן שלעכט? — קרעכצט ווייטער מיין מאַמע.

— נו, — זאָגט דער טאַטע, — האָסטו דאָך שוין דאַמאָלסט געקרעכצט. איצט הער אויף. איצט דאַרפען מיר זיך פרעהען.

— געדענקסט, זוהנדעלע, — זאָגט די מאַמע, — ווען דו ביזט אַוועקגעפאָהרען האָב איך געוויינט און געזאָגט: „ווער ווייסט צי וועל איך דיך שוין אַמאָל זעהן?" איך האָב דאַמאָלסט ניט געגלויבט, אַז איך וועל דיך אַמאָל זעהן און איצט דאַנקען גאָט...

אין דעם מאָמענט האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון מיינע חלומות און דערזעהן, אַז איך פאָהר איצט, אַז איך בין אויפ'ן וועג צו מיין שטעטעל, וואו מיין טאַטע, מאַמע און שוועסטער וועל איך שוין ניט טרעפען. זיי ליגען שוין אַלע אין קברים און יעדער אויף אַ בית עולם פון אַ באַזונדער שטעטעל: דער טאַטע אין סקאַלאַ, די מאַמע אין יעזיערזשאַני און מיין שוועסטער אין באָרש־טשאָוו.

קיינער וועט מיך ביי דער באַן ניט ערוואַרטען. איך האָב קיינעם ניט געלאָזען וויסען, אַז איך קום.

איך וועל אָנקומען ניט ערוואַרטעט און ניט באַקאַנט. איך וועל ריידען מיט די מענשען, ניט זאָגענדיג זיי ווער איך בין. זיי וועלען מיך געוויס ניט דערקענען.

איך וויל הערען ווי זיי ריידען ווען זיי וועלען מיך האַלטען פאַר אַ פרעמדען.

דער קאָנדוקטאָר האָט איבערגעשלאָגען מיינע געדאַנקען אויס־רופענדיג: „טרעמבאָוולאַ". דער צוג האָט זיך אָפּגעשטעלט. אַן עלטערער איד איז אויפגעשטיגען, זיך ארומגעקוקט אין די אַנדע־רע קופּעים, וואו עס זיינען געזעסען פּאַליאַקען, און ער האָט אויס־געקליבען מיין קופּעי.

„וואָלנאַ?" — האָט ער געפרעגט אין פּויליש, וואָס עס מיינט: איז דאָ פריי צו זיצען?

— יאָ, איהר קענט זיך דאָ זעצען — האָב איך איהם גע־ענטפערט.

דער איד האָט זיך אַוועקגעזעצט אַנטקעגען מיר.

— וואו פאָהרט איהר? — האָב איך איהם געפרעגט.

— קיין קאָפּעטשינצע — האָט ער געענטפערט.

— איהר זייט אַ קאָפּעטשינצער? — פרעג איך איהם.

— ניין — זאָגט ער — איך האָב אייגענטליך געוואוינט אין טשערנאָוויץ, איצט וואוין איך אין קאָפּעטשינצע. איך פאָהר פון טרעמבאָוולאַ, נאָר בינען בין איך אַ סקאַלער.

דערהערט, אַז איך האָב לעבען מיר אַ לאַנדסמאַן פון מיין שטאָדט, באַשלים איך איהם ניט אויסצוזאָגען ווער איך בין.

— איז וואו פאָהרט איהר? — פרעגט דער איד.

— איך פאָהר קיין מיעלניצאַ, פון ניו יאָרק — זאָג איך איהם.

— ניו יאָרק — מאַכט ער — איז שוין איינמאָל אַ שטע־טעל. איך וואָלט אייך געוואָלט פרעגען צי קענט איהר עפּעס סקאַלער לאַנדסלייט אין ניו יאָרק. אָבער איך וויים, אַז ניו יאָרק איז אַזאַ גרויסע שטאָדט, אַז איינער קען ניט דעם צווייטען.

— פון דעסטוועגען פרעגט, אפשר קען איך אימיצען.

— איך וויל זיך ניט מאכען נאריש — זאגט ער — ווי קומט איהר צו קענען סקאלער?

ער האט א ווײלע נאכגעטראכט און געזאגט:

— איך וועל אייך יא פרעגען וועגען אײנעם, וואס איך דענק, איהר דארפט קענען: ער איז א שרייבער.

— ווי הייסט ער?

— חנא גאטעספעלד — זאגט ער — איהר קענט איהם?

— איך קען איהם גאנץ גוט — זאג איך.

— עפעס א גוטער שרייבער?

— ניין, זאג איך.

— אויב אזוי, קענט איהר איהם ניט — זאגט ער.

— איך פארזיכער אייך, אז קיינער קען איהם ניט בעסער ווי איך. איך קען אלעס וואס ער האט אנגעשריבען.

— אויב אזוי זייט איהר ניט קיין מבין — זאגט ער — פארגעסט ניט, אז דער גאטעספעלד קומט פון סקאלא.

— איז וואס?

— אלעס וואס ס'קומט פון סקאלא איז גרויס — האט ער ערקלערט — אט, למשל, קומען פון סקאלא די בארימטע ברידער מארמארעקס. איינער איז געווען א גרויסער מעדיצינער, א צווייטער א גרויסער ארכיטעקט, און א דריטער — א גרויסער אדוואקאט.

ער האט אויסגערעכענט א ליסטע פון וויכטיגע מענשען, וואס קומען פון סקאלא און געענדיגט:

— ווייזט מיר נאך א שטעטעל, וואס האט ארויסגעגעבען אזויפיל וויכטיגע מענשען!

— איך גיב צו — האב איך איהם געזאגט — אז סקאלא האט ארויסגעגעבען וויכטיגע מענשען. אבער וועגען יענעם שרייבער מאכט איהר א טעות.

— איך מאך גאר ניט קיין טעות — האט ער אויסגערופען — מיין זוהן האלט פון איהם, און מיין זוהן איז ניט קיין אבי ווער.

— וואס איז אייער זוהן?

— מיין זוהן — זאגט ער — איז איצט אן אינזשיניר אין פאלעסטינע און ער שיקט מיר אויף צום לעבען בכבוד. ווי איהר

זעהט, פֿאַהר איך 2טע קלאַס. דאָס איז אַלץ פֿון מיין זוהנ׳ס געלד, וואָס ער שיקט מיר פֿון פּאַלעסטינע, און אַז ער זאָגט, אַז איינער איז אַ גוטער שרייבער, קען מען זיך אויף איהם פֿאַרלאָזען.

איך האָב אַ ווײַלע געשוויגען און זיך פֿאַרטראַכט וועגען דעם, וואָס איך האָב שוין פֿריהער געהערט, אַז גאַליציע ווערט איצט אויסגעהאַלטען פֿון פּאַלעסטינע. אָבער דער אַלטער האָט מיר אי־בערגעשלאָגען און געזאָגט:

— איהר מיינט אודאי, אַז מיין זוהן איז גלאַט אַן אינזשיניר, אַן אַמעריקאַנער אינזשיניר . . .ער איז אַ סקאַלע׳ר אינזשיניר, ער קען 8 שפּראַכען.

— אַכט שפּראַכען? צו וואָס דאַרף ער קענען אַכט שפּראַ־כען אויף צו זיין אַן אינזשיניר? — פֿרעג איך.

— וואָס הייסט, צו וואָס? ווען אַ סקאַלער יונגערמאַן וויל עפּעס ווערען, מוז ער קענען אַכט שפּראַכען — האָט ער געזאָגט, און ער האָט מיר דערצעהלט פֿאָלגענדעס:

„מיין זוהן איז געגאַנגען אין פֿאָלקס שול אין סקאַלאַ, האָט ער געלערנט דאָרט פּויליש און רוטהעניש (אוקראַיניש). האָב איך געזעהן, אַז עס איז ניט קיין תכלית. איך וויל דאָך, אַז מיין זוהן זאָל שטודירען, אַז פֿון איהם זאָל עפּעס ווערען. וואָס קען פֿון איהם ווערען אין סקאַלאַ? — אַ הערינג-סוחר! האָב איך זיך אַרויסגעצויגען קיין טשערנאָוויץ, וואו ער האָט געלערנט דייטש. האָבען מיר דריי שפּראַכען.

„ האָט מען טשערנאָוויץ אוועקגענומען פֿון עסטרייך און עס אוועקגעגעבען צו רומעניע, האָט מיין קינד שוין געמוזט לערנען רומעניש און פֿראַנצויזיש — האָבען מיר שוין 5 שפּראַכען.

„האָט מען מיין זוהן ניט געוואָלט אַריינגעמען אין דער אוני־ווערזיטעט אין רומעניע, האָב איך איהם געשיקט שטודירען אין איטאַליע, האָט ער דאָרט געמוזט לערנען איטאַליעניש. איז שוין זעקס שפּראַכען.

„האָט ער געענדיגט די אוניווערזיטעט אין איטאַליע און ניט געקענט קריגען קיין שטעלע, האָט ער געלערנט ענגליש און העברע־איש, אום צו פֿאַהרען קיין פּאַלעסטינע. איז צוזאַמען אַכט שפּראַ־כען".

דער קאָנדוקטאָר האָט אויסגערופען: „קאַפּעטשינצע!„

דער איד האָט זיך מיט מיר געזעגענט און געזאָגט: „איצט גלויבט איהר שוין, אַז סקאַלאַ גיט ארוים וויכטיגע מענשען? אכט שפּראַכען!"

אכט שפּראַכען!

דאָס איז ניט דער איינציגער יונגערמאַן פון גאַליציע, וועלכער קען אכט שפּראַכען, מיט דעם אונטערשיד וואָס יענער איז אין פּאַלעסטינע, וועהרענד די אַנדערע זיינען אין פּוילען.

איך האָב זיך דערמאָנט אָן אַ יונגענמאַן פון מיין שטעטעל, וועלכער האָט זיך מיט מיר געטראָפען אין ווארשע. ער האָט געענדיגט אַ גימנאַזיום, האָט שוין געלערנט עטליכע יאָהר אין דער אוניווערזיטעט און באַשעפטיגט זיך מיט טראָגען פּעק אין דער פּוילישער הויפּט־שטאָדט. ער איז צו מיר געקומען אַ בלאַסער, אין אַ צוריסענעם רעקעל און מיר דערצעהלט, אַז ער קען ענגליש, פראַנצויזיש און איטאַליעניש, אַז פון טראָגען פּעק פּאַרדינט ער ניט גענוג אויף צום לעבען, און מיר געבעטען אפשר קען איך אויסנוצען מיין איינפלוס צו קריגען פאר איהם אַ בעסערע באַשעפטיגונג אין פּוילען.

ווען איך האָב גערעדט צו פריינד וועגען דעם, האָבען זיי מיר געזאָגט, אַז טויזענדער אַזעלכע געבילדעטע אידישע יונגעלייט וואַלגערען זיך ארום אין גאַליציע און אין פּוילען און קענען גאָר ניט פּאַרדינען.

„מיר האָבען אַ וואונדערבארע אידישע יוגענט, האָט מען מיר ערקלערט, אָבער אָהן ברויט און אָהן אַ האָפנונג".

און אזוי קלערענדיג וועגען דעם, בין איך איבערגעשטיגען פון איין צוג אין אַ צווייטען און בין שוין געפאָהרען אין דעם וואַגאָן, וואָס פאָהרט דירעקט קיין סקאַלאַ. דאָס איז געווען עפּעס אַ ספּעציעלע סאָרט טרעין, וואָס אין אמעריקע קען מען דאָס ניט זעהן אפילו אין אַ מוזעאום — אַ מין סאַמאָוואר און אַ וואַגאָן מיט פּלאַץ פאַר דריי מענשען אין 3טען קלאַס און צוויי מענשען אין 2טען קלאַס. אָבער עס איז קיינער דאָרט ניט געווען. בלויז איך מיט'ן קאָנדוקטאָר זיינען אריינגעפאָהרען קיין סקאַלאַ.

עס איז געווען ארום 8 אזייגער אין אָוונט. איך האָב זיך

אריינגעזעצט אין אַ דראָשקע, וואָס האָט געוואַרט ביי דער סטאַנציע. דאָס פערדעל האָט אויסגעזעהן ווי אַ לולב. מסתמא שוין ניט געגעסען וואָכען־לאַנג. דער באַלעגאָלע האָט אַ פּאָכע געטאָן מיט דער בייטש און דאָס שוואַכע פערדעל האָט זיך קוים גענומען ריהרען.

מען האָט מיך צוגעפיהרט צו אַ גאַסט־הויז, דאָס איינציגע האָטעל וואָס געפינט זיך אין שטעטעל.

איך האָב געקוקט אין אַלע זייטען ווען איך בין דורכגעפאָהרען דאָס שטעטעל, אפשר וועל איך זעהן עפּעס אַ באַקאַנטען פּנים, אַן אַמאָליגען פריינד אָדער חבר. אָבער קיינער איז ניט געגאַנגען אין גאַס. וואו זיינען די מענשען? פאַרוואָס שפּאַצירען זיי ניט אין גאַס? און פאַרוואָס איז אַזוי פינסטער?

אין מיין געבורטס־שטעטעל

די פינסטערניש. — דער אַמאָליגער „ליבהאָבער"— מיינע קרובים מיינען, אַז איך בין ראָטשילד

איך בין שוין ענדליך אין מיין געבורטס־שטעטעל סקאַלאַ.

איך וויל דאָ פּרואווען דערצעהלען, לויט מיינע כחות, אַלץ וואָס איך האָב געזעהן און דורכגעלעבט אין דעם אומגליקליכען שטעטעל. אָבער איך פיהל, אַז איך מוז פריהער מאַכען אַ קליינע ערקלעהרונג פאַר'ן לעזער, אום ער זאָל בעסער באַגרייפען די גאַנצע לאַגע.

אין מיין שטעטעל האַלט מען מיך, זייט יאָהרען, פאַר אַ גרויסען עושר. מען האַלט אַלע אַמעריקאַנער פאַר גבירים, אָבער וועגען מיין רייכטום זיינען זיי איבערצייגט. זיי האָבען ספּעציעלע באַווייזע דערפאַר:

אין צייט פון דער וועלט־מלחמה בין איך געווען טעטיג פאַר דעם רעליף פון מיין שטעטעל. איך האָב געהאָלפען זאַמלען גרויסע סומען געלט. איך בין אַ צייט געווען דער פּרעזידענט פון דער סקאַלער רעליף קאָמיטע. אַלעם איז אוועקגעשיקט געוואָרען אויף מיין נאָמען. זיי האָבען דערפאַר געמיינט, אַז איך שיק זיי אַזויפיל געלט.

ווען דער פאַרשטאָרבענער מאַקס פּיין איז געפאָהרען קיין גאַליציע אַלס שליח פון דער דזשאָינט דיסטריביושאָן קאָמיטע, האָב איך איהם מיטגעגעבען רעליף געלד פאַר סקאַלאַ. ער האָט דאָרט געזאָגט, אַז איך האָב איהם דאָס געלד געגעבען. ווען ער האָט דאָרט געהערט רעדען וועגען מיין רייכטום, האָט ער ניט געפונען פאַר נויטיג דאָס אָפּצולייקענען. ער האָט זייערע חלומות ניט געוואָלט צושטערען, האָט ער מיר געזאָגט, ווען ער איז צוריקגעקומען.

היינט ווי איז שוין, ווען איך בין אין וואַרשע און מען פיהרט דאָרט אויף מיינע אַ פּיעסע. און זיי לייענען דאָרט כמעט יעדען

טאָג אין דער וואַרשעווער פּרעסע וועגען מיר, זיי זיינען זעהר גו־טע לייענער, זיי לאָזען ניט אויס אַ בוכשטאַב פון דער צייטונג, ווען זיי לייענען. מען קען זיך פאָרשטעלען, אַז זייער פאַנטאַזיע וועגען מיין רייכטום האָט זיך נאָך מעהר צופלאַקערט.

איך האָב שוין דערפאַר אין וואַרשע געקראָגען פילע בריף פון מיינע קרובים, וואָס האָבען ביי מיר געבעטען הילף. זיי האָ־בען אויף מיר אין סקאַלא געוואַרט מיט דער גרעסטער אומגע־דולד אַלס רעטער און משיח, וואָס וועט זיי אויסלייזען פון זייער דלות.

נאָך דער הקדמה, גלויב איך, וועט דער לעזער זיך לייכט אָנ־שטויסען, וואָס מיר האָט ערוואַרט אין מיין שטעטעל.

איך בין געקומען אין סקאַלא, 8 אַזייגער אין אָוונט. מען האָט מיך אריינגעפירט אין אַ האָטעל, וואָס איז דאָס אייגענטום פון אַן אַלמנה. זי האָט מיר גלייך דערקענט.

— שלום עליכם — האָט זי געזאָגט — איך דערקען אייך פון אייערס אַ בילד, וואָס מיר האָבען געזעהן אין אַ וואַרשעווער אידישער צייטונג. מיר האָבען אייך דאָ ערוואַרט פאַר די לעצטע צוויי וואָכען. זיצט. איהר זענט מסתמא מיד און הונגעריג. איך גיב אייך שוין עסען.

— אַ דאַנק — זאָג איך, אוועקלעגענדיג מיינע זאַכען — איך וויל ניט זיצען, איך וויל ניט עסען, איך וויל ארויסגעהן אי־בער'ן שטעטעל.

— דאָס קענט איהר ניט — זאָגט זי, — עס איז שרעקליך פינסטער.

— און אַז פינסטער? — זאָג איך — אין מיין שטעטעל קען איך געהן אין דער פינסטער.

— ניין, — זאָגט זי, — איהר וועט ניט קענען.

— איך וועל פּרובירען, — זאָג איך.

— איהר קענט פּרובירען, — זאָגט זי, — אָבער איהר זאָלט זיין זעהר פאָרזיכטיג און גלייך צוריקקומען.

איך האָב געעפענט די טיר און בין ארויס. אָבער מעהר ווי צוויי טריט האָב איך ניט געקענט מאַכען. איך האָב גאָר ניט גע־זעהן, ווי בלויז די פינסטערניש. אַזוי פינסטער האָט געמוזט זיין

בלויז אין מצרים, ווען די אידען זיינען אנטלאָפען פון דאָרט. איך האָב זיך שנעל געראַטעוועט פון פינסטערניש און בין צוריק אריין אין האָטעל.

— גוט האָט איהר געטאָן, וואָס איהר האָט זיך צוריקגעקערט, — האָט די בעל־הבית'טע געזאָגט. — איך, וואָס איך וואוין דאָ, וואָלט זיך ניט איינגעשטעלט אליין ארויסצוגעהן אין אָוועגט.

ווערענד איך בין געשטאַנען מיט דער בעל־הבית'טע און גערעדט, האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריין א יונגערמאַן, אין אָפּגעריסענע קליידער, מיט א פּנים וואָס האָט געשריען: „איך דאַרף א שעיוו", און זיך ארויפגעוואָרפען מיך קושען.

איך האָב איהם אָנגעקוקט פאַרוואונדערט.

— דו ווייסט ניט ווער איך בין? — זאָגט ער, — דו האָסט מיך איבערגעלאָזען א קינד. איך בין דיין קאָזין קלמן, וואָס האָט דיר געשריבען א בריף קיין ווארשע. איך וואוין אין פּראַבוזשנא, און איך בין געקומען אהער דיך צו טרעפען. איך וואָרט שוין אויף דיר עטליכע טעג. דער בעל עגלה, וואָס האָט דיר געבראַכט פון באַהן, האָט מיר געזאָגט, אז דו ביזט שוין דאָ.

איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו זאָגען א וואָרט, האָט זיך ווידער געעפענט די טיר (מ'קלאַפּט דאָ ניט אָן אין טיר) און עס איז ארוינגעקומען א יונגערמאַן מיט א פרוי, ביידע זעהר אָרעם געקליידעט, און מיך געכאַפּט קושען.

— דאָס איז דיין קאָזין שלמה און דאָס איז דיין קאָזינע פייגע, — האָבען זיי זיך פאָרגעשטעלט.

איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט זיך צו דערמאָנען ווער זיי זיינען, האָט זיך געעפענט די טיר און ס'איז אריינגעקומען א איד מיט א ווילדער ברייטער באָרד (אזא באָרד זעהט מען אין אמעריקע בלויז אין די מואווים, ווען מ'שטעלט פאָר א ווילדען מענשען, וואָס קעמפט מיט לייבען אין אפריקע). א חוץ דעם האָט ער נאָך געהאַט א געשוויר אויף איין באַק פון פּנים און האָט אויסגעזעהן אזוי אַלט — א זקן.

ער איז געשטאַנען א ווײַלע און געקוקט אויף מיר. איך האָב אין דערזעלבער צייט געקוקט אויף איהם.

— דו דערקענסט מיך ניט?

— ניין!
ער איז צוגעגאַנגען נעהנטער און געזאָגט:
— דאָס בין איך, דיין יוגענד־חבר זלמן.

מען פלעגט איהם אין שטעטעל רופען „דער ליבהאָבער", ווייל ער פלעגט זיין פאַרליבט אין פילע מיידלאַך און זיי באַזונגען מיט דייטשע פּסוקים פון פרידריך שילער.

ס'איז מיר געוואָרען זעהר אומעטיג, קוקענדיג אויף איהם. אָט דאָס איז עס „דער ליבהאָבער", דער בחור, וואָס איז געווען דער גרעסטער ברען אין שטעטעל! ווען איך, הייסט עס, וואָלט דאָ געווען די גאַנצע צייט, וואָלט איך שוין אויך אויסגעזעהן אזוי אַלט, אויך געהאַט אַזאַ ברייטע באָרד, און אפשר אויך אַ געשוויר אויפ'ן באַק.

— ווי קומט עס, וואָס דו דערקענסט מיך ניט? — פרעגט מיך מיין חבר. — איך וואָלט דיך יאָ דערקענט.

— ווי אזוי זאָל איך דיך דערקענען? — פאַרענטפער איך זיך, — אַז די באָרד פאַרשטעלט דיין פּנים.

איך האָב זיי אַלע געבעטען זיך זעצען, און זיך געווענדעט צו מיין חבר:

— ווי אזוי געהט עס דיר?
— גוט, זעהר גוט, — האָט ער געענטפערט.
— וואָס טוסטו?
— גאָר ניט, — האָט ער געזאָגט.
— איז פון וואָס־זשע געהט דיר גוט?
— פון אמעריקע, — האָט ער געענטפערט, — מיינע ברי־דער שיקען מיר פון אַמעריקע.

— אויב אַזוי, — זאָג איך איהם, — צו וואָס־זשע טויג דיר אַזאַ גרויסע באָרד?

— ווער האָט עס געדולד זיך צו פּוצען די באָרד, — האָט ער מיר ערקלערט. — פאַר וועמען זאָל איך זי פּוצען? זי וואַקסט, זאָל זי וואַקסען ווי זי וויל. איך וויל איהר ניט שטערען.

איך האָב אַלעמען געבעטען מיר זאָלען ארויסגעהן אַביסעל אין גאַס.

— גוט, — זאָגט מיין קאָזין קלמן — איך וועל דיך פירען

איבעראל. איך וועל זיין דיין גבאי.

— צו וואס טויג מיר א גבאי? — זאג איך, — איך בין דען א רבי, וואס נעמט געלט?

— א רבי, וואס גיט געלט, דארף אויך א גבאי, — האט מיין קאזין מיר ערקלערט.

מיר זיינען ארויס אין גאס. איך האב גאר ניט געזעהן א חוץ די פינסטערניש. מען האט די פינסטערניש געקענט אנטאפען און די בלאטע האט מען געקענט פיהלען — אי א בלאטע! מיינע אמעריקאנער שיך, וואס זיינען ניט געוועהנט צו קיין בלאטעס, האבען געקרעכצט ווען איך האב זיי פון איין בלאטע ארויסגעשלעפט און אין דער אנדער בלאטע אריינגעשטעקט.

— זיינען דא תמיד אזעלכע בלאטעס? — האב איך געפרעגט.

— די בלאטעס וואקסען דא פון יאהר צו יאהר, — האט מיין חבר מיר ערקלערט. — ווען דו וועסט קומען אהער נעקסטען יאהר, וועסטו טרעפען נאך א גרעסערע בלאטע.

— און ווי איז ווינטער?

— ווינטער ווערען די בלאטעס פארפרוירען, — זאגט מיין פריינד, — און בלויז סקאלער וויסען ווי צו געהן אויף די פארפרוירענע בלאטעס. א פרעמדער וואלט דארט איבערגעלאזען די פיס.

— איך געדענקט ניט אין מיינע צייטען אזעלכע בלאטעס, — זאג איך.

— אה, אין יענע צייטען, — מאכט מיין חבר, — איז אלעס געווען אנדערש. דאמאלסט האבען מיר געהאט לאמפען, וואס האבען געברענט אין אווענט. דאמאלסט האט מען געמעגט געהן אין די גאסען שפאצירען ביז שפעט אין דער נאכט. דו געדענקסט?

— צי איך געדענק! — זאג איך.

— געדענקסט, — זאגט ער, — די שניידער-יונגען פלעגען געהן שפאצירען מיט מיידלאך, און מיר פלעגען זיי נאכקוקען און מקנא זיין. רחל'ען מיט די בלויע אויגען, געדענקסטו?

— איך געדענק.

— און שבע'לען מיט די בלאנדע צעפעלאך, געדענקסטו?

— איך געדענק.

— ווי מיר פלעגען דאָס חלומ׳ען וועגען זיי! איך האָב איינמאָל גערעדט מיט שבע׳לען. זי האָט זיך פאַרשעהמט און ניט געוואָלט ענטפערען. אָבער איך האָב געוואגט, איך האָב געהאַט מוט — זאָגט ער — אי איז דאָס געווען צייטען!

דער „ליבהאָבער״ אין איהם האָט ווידער ערוואַכט, כאַטש די באָרד זיינע האָט איהם ווי געשטערט. ווי קען מען מיט אזא באָרד רעדען וועגען ליבע?

— נו, און איצט רעדט מען ניט וועגען ליבע? געהט מען ניט שפּאַצירען? — פרעג איך.

— וואָס פאַר א ליבע, וואָס פאַר א שפּאַצירען — זאָגט ער — נאָך 10 אזייגער אין אָוונט טאָר מען אין גאַנצען ניט ארויסגעהן אין גאַס.

— פאַרוואָס?

— ווייל ס׳איז א גרעניץ־שטאָט, — ערקלערט ער מיר. — פאַראַן פּלעצער, וואו מען טאָר בייטאָג אויך ניט געהן. פאַראַן פּלעצער, וואָס זיינען נאָהענט צו דער גרעניץ, טאָר מען אויף זיי אפילו ניט קוקען. ווען ניט, ווערט מען ארעסטירט אויפ׳ן פאַר־דאַכט, אז מען איז א שפּיאָן, א שמוגלער, א קאָמוניסט.

— איך פאַרשטעה דאָס ניט, — זאָג איך.

— מיר פאַרשטעהען דאָס אויך ניט — זאָגט ער, — ווייל מיר זיינען אמאָל געווען עסטרייכער. א פּך אידען זיצען איצט אין די טורמעס, ווייל זיי האָבען עס ניט פאַרשטאַנען, און פאַר־בלאָנדזשעט אויף די פאַרבאָטענע פּלעצער.

— לאָמיר רעדען פון פרעהליכערע זאַכען — זאָגט איינער פון מיינע קאָזינס — מיר זיינען לעבען דיין הויז, דיין טאַטענ׳ס הויז. ווילסטו אריינגעהן?

— געוויס — זאָג איך.

מיר זיינען אריין.

מיין טאַטענ׳ס הויז האָב איך מיט מיינע ברידער אוועקגע־שענקט צו מיינער א קרובה.

מיין קרובה וואוינט איצט בלויז אין איין צימער פון דער דירה. די אַנדערע צימערען האָט זי פאַרדונגען.

איך האָב באַטראַכט די דירה וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגענד. איך דערקען גאָרניט. מיר דוכט זיך, אַז יעדעס צימער איז פיל, פיל קלענער, איינגעשרומפען געוואָרען. די ווענט זעהען אויס פאַרוויינט, און פון סופיט פאַלט שטיקער.

— און וואו איז דער גאַניק? — פרעג איך.

דער גאַניק איז אַרונטערגעפאַלען, — ערקלערט מיר מיין קרובה, און דערצעהלט מיר אַז קיין דירה־געלט פאַר די פאַרדונגענע צימערען קריגט זי ניט, ווייל מען צאָהלט דאָ פשוט ניט, און גיט מיר דערביי אָנצוהערען, אַז איצט, ווען איך בין שוין דאָ, וועט די דירה אודאי אויפגעריכט ווערען. איך וועל דאָך ניט לאָזען, אַז מיין טאַטענ׳ס הויז זאָל זיין אַ חורבה, זאָגט זי, — זי האָט זיך שוין געקליבען צוליב דעם צו פאָהרען צו מיר קיין וואַרשע, ערקלערט זי מיר.

— ווען דו וואָלסט אַזוי שנעל ניט געקומען, וואָלט איך אויך געוועזען געפאָהרען צו דיר קיין וואַרשע — זאָגט מיין קאַזין קלמן.

— און איך — זאָגט מיין קאַזין שלמה — בין געוועזען זיכער, אַז דו וועסט קומען אַהער. איך האָב קיינעם ניט געלאָזט פאָהרען צו דיר קיין וואַרשע. אַ סך האָבען געוואָלט פאָהרען.

איידער איך האָב נאָך צייט געהאַט צו זאָגען וואָס איך דענק, האָט זיך געעפענט די טיר, און אַ מנין מענשען, פרויען און קינדער, זיינען אריין, אַ טייל קרובים און אַ טייל גלאַט אידען פון מיין שטאָט.

— אָ, דאָס איז ער, דער חנא׳לע מיט די פאה׳קעלאך! — האָט איינער אויסגערופען.

— כ׳געדענק גוט ווען דו פלעגסט פאָהרען צום מילניצער רבי׳ן — האָט אַ צווייטער געזאָגט.

— אַז ס׳איז באַשערט ס׳זאָל ווערען אַ לייט, פאָהרט עס אוועק קיין אַמעריקע! — האָט אַן עלטערע אידענע, אָנגעטאָן אין שמאַטעס, אויסגערופען.

איין איד האָט מיך באַגריסט מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„שלום עליכם הגביר, הנגיד, הסופר, מר. חנא גאַטעספעלד.

— די טיטלען גביר מיט נגיד גיט איהר מיר אומזיסט! —

האָב איך געזאָגט.

— וואָסזשע, דו ביזט נישט קיין נגיד? — פרעגט דער איד.

— וואָס דען, איך בין יאָ אַ נגיד? — פרעג איך.

— הלואי פאַרמאָגען מיר אַלע דיין מיסט — רופט זיך אָן דער איד, און אַלע שאָקלען נאָך מיט די קעפּ.

דאָ האָט זיך געעפענט די טיר און אַ אידענע איז אריינגעקומען:

— אַ גוטען אָוונט!

— אַ גוט יאָהר.

דאַן האָט זי זיך געווענדט צו מיין קרובה, וועמען מיר האָבען אָוועקגעשענקט מיין טאַטענ׳ס הויז:

— ליבע אייך אייער גאַסט, מזל טוב אייך, וואָס איהר האָט שוין דעם אמעריקאַנער. שיקט נאָך דער כלה!

„איך וועל מאָרגען גאַנץ פריה שיקען נאָך איהר" — האָט זי געענטפערט.

איך האָב אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען אויף מיין קרובה, ווי איינער רעדט, וואָס מיינט דאָס?

און מיין קרובה האָט אָהן הקדמות מיר ערקלערט פאָלגענדעס:

אזוי ווי זי איז געוואָר געוואָרען, אַז איך בין אין ווארשע, האָט זי באַשלאָסען אַ שידוך צו טאָן מיט איהר זוהן יאָסעלע. אמת, ער קען גאָר ניט פאַרדינען, אָבער די כלה איז זעהר אַ וואוילע און אַ שעהנע און טאָקע פון גרויסען יחוס. מיט מיין הילף האָפט זי, וועט איהר יאָסעלע שוין יאָ קענען פאַרדינען. די כלה געפינט זיך אין פּראָבוזשנאַ (בלויז אַ פּאָר מייל ווייט), און מען וועט זי מאָרגען ברענגען, איך זאָל זי זעהן און איך זאָל מיט איהר רעדען.

איך האָב ווידער אויסגעגלאָצט אַ פּאָר אויגען און געזאָגט:

„אסור אויב איך פאַרשטעה וואָס דאָ טוט זיך".

— הער מיך אויס — האָט צו מיר שטיל געזאָגט מיין יוגענט־חבר, — הער אויס מיין גוטער ברודער: מאָרגען וועלען דיך באַפאַלען אַ סך אָרימע לייט. גיב קיינעם גאָרנישט, נאָר דיינע קרובים. דו האָסט אַ סך אָרימע קרובים.

— הערט אויס, מיינע ליבע קרובים — רוף איך זיך אפ, — איך וואלט אייך אלע געוואלט העלפען. אבער איך האב מורא, אז איהר שאצט איבער מיין עשירות.

— מיר וועלען וועגען דעם רעדען מארגען — זאגט מיין חבר — איך וועל צו דיר אריינקומען גאנץ פריה, און מיר וועלען דאן מאכען דעם גאנצען חשבון. איצט דארף מען דיך אהיים פיהרען, ווייל באלד איז 10 אזייגער, און מען וועט שוין ניט טא־רען געהן אין גאס.

מען האט מיך צוריקגעפירט אין האטעל.

אויפ'ן וועג האט מיין קוזינע פייגע מיך אנגענומען ביי דער האנט און מיך געזאגט: ליבער קאזין, דו ביזט אנגעקומען אין דער ריכטיגער צייט. מיר איז אזוי שלעכט! איך האב דריי קינ־דער, איינס איז קראנק און די אנדערע צוויי זיינען אויך ניט גע־זונט. דו וועסט זיי זעהן מארגען. מיר האבען א שטיקעל קראם, אבער אהן סחורה. מיר איז זעהר שווער דיר צו זאגען אלעס.

זי האט נאך עפעס געוואלט זאגען, אבער איהר שטימע איז ווי דערשטיקט געווארען אין טרעהרען.

מיין קאזין שלמה האט זיך אריינגעמישט און געזאגט:

— מען דארף איהם קיין סך נישט זאגען, ווארים אז ער טוט א קוק, פארשטעהט ער שוין אלעס.

— יא, אבער מיר זיינען דאך נישט די איינציגע קרובים — רופט זיך אן מיין קוזינע פייגע — איך ווייס אז אלע ווארטען אויף איהם, און אפילו די קרובים פון אנדערע שטעט, פון יעזשיער־זשאני, פון פראבוזשנא וועלען אויך קומען.

— ער וועט אלעמען העלפען — רופט זיך אן מיין חבר — ער וועט טאן אלץ וואס ער קען נאר.

— איך האב אבער מורא, אז דאס וואס איך קען, איז ניט גענוג — זאג איך.

— מעהר ווי דו קענסט, פארלאנגען מיר גארנישט — רופט זיך אן מיין קאזין שלמה.

איך בין אהיים געקומען אין האטעל און בין אריין אין מיין שלאף צימער. צוויי זיינען שוין געשלאפען אין דעם זעלבען צי־מער. איינער האט שטארק געבראפעט.

איך האָב זיך אריינגעלעגט אין בעט. איינשלאָפען האָב איך ניט געקאָנט. מיר האָט זיך פאָרגעשטעלט דאָס בילד פון די אַלע קרובים וואָס ערוואַרטען פון מיר, אַז איך זאָל זיי אויסלייזען פון זייער אָרימקייט. מען ערוואַרט אַז איך זאָל צוריק אויפבויען די דירה פון מיין טאַטענ'ס הויז; מען וויל טאָן אַ שידוך אויף מיין חשבון; מען שיקט שוין נאָך דער כלה; מען וועט קומען אויך פון אַנדערע שטעט, און ווער ווייס וואָס זיי ערוואַרטען? זיי מיינען אַז איך בין ראָטשילד. ווען זיי וואָלטען געוואוסט וויפיל געלט איך האָב מיט מיר? ווי אזוי וועל איך זיי אַלעם ערקלערען? און אַז איך וועל זיי ערקלערען, וועלען זיי דען גלויבען?

די גאַנצע געשיכטע האָט ביי מיר אויסגעזעהן ווי אַ קאָמעדיע. אָבער עס איז שוין גאָר ניט קיין קאָמעדיע ווען איך אַליין שפּיל אין דעם די הויפּט־ראָלע מיט מיינע אָרימע קרובים אַלס העלדען. ווי אזוי וועל איך זיך פון דעם אויסדרעהען?

אין „האָטעל״

איך ליג אין בעט און רעד מיט אַ טשאַרטקאָווער אידען פון אַ צווייטען בעט. — דער אַמאָליגער „בר כוכבא״

די ערשטע נאַכט אין מיין שטעטעל איז ביי מיר געווען לאַנג ווי דער גלות. איך האָב זיך געלעגט שלאָפען פריה, ווייל ס'איז ניט געווען מיט וועמען צו רעדען. נאָך צעהן אזייגער אין אָוונט שלאָפט שוין דאָס גאַנצע שטעטעל.

איך ליג אין בעט פון מיין „האָטעל״. לעבען מיר אין מיין צימער (פאַראַן בלויז איין שלאָף־צימער אין אַ סקאַלער האָטעל), זיינען פאַראַן נאָך צוויי בעטען, וואו עס ליגען צוויי געסט. איינער שנאָרכט און דער צווייטער וואַרפט זיך פון איין זייט אויף דער צווייטער.

— זאָלען מיר איהם אפשר אויפוועקען כדי ער זאָל ניט שנאָרכען — זאָגט צו מיר פּלוצלונג דער גאַסט וואָס וואַרפט זיך.

— ניין — זאָג איך — צו וואָס אויפוועקען אַ מענשען?

— איהר זייט גערעכט — זאָגט ער — זאָל ער שלאָפען און פאַרגעסען אָן זיינע צרות.

— וואָס פאַר אַ צרות? — פרעג איך.

— ער איז אַ רייזענדער (אַ טרעוולינג סעילסמאַן), ער איז געקומען אהער אזש פון סטאַניסלאַוו. ער האָט געמיינט, אז דאָס איז די סקאַלאַ פון אַמאָל, אז מען קען דאָ מאַכען געשעפטען. נו האָט ער נעבאך געמאַכט אומזיסטע הוצאות — ערקלערט ער מיר.

— פון וואַנען קומט איהר? — פרעג איך איהם.

— פון טשאַרטקאָוו — ענטפערט ער — איך בין אויך געפאָהרען אהער אומזיסט — ערקלערט ער — אָבער פון טשאַרטקאָוו איז נאָהענט. כאָטש דאָס פאָהרען אהער נעמט געווענליך לאַנג,

און אז מען וויל צוריקפאָהרען דעם זעלבען טאָג, קען מען ניט. מען מוז איבערנעכטיגען און וואַרטען ביז אין דער פריה אויף א צוג.

— פאַרוואָס איז דאָס אזוי? — פרעג איך.

— ווייל סקאַלאַ איז קיין שטאָט ניט. צו פאָהרען אהער איז אזוי ווי צו פאָהרען עק וועלט, און די געשעפטען זיינען ניט קיין געשעפטען. אמאָל פלעגט מען כאַטש דאָ אָנזעצען. היינט קענען זיי ניט. מען באָרגט זיי ניט.

— און ווי איז אין טשאָרטקאָוו? — פרעג איך.

— וואָס פאַר א פאַרגלייך — זאָגט ער — טשאָרטקאָוו געגען סקאַלאַ איז דאָך א כרך. פאַראַן דאָרט לאָמפּען, וואָס ברענען ביינאַכט. מען זעהט וואו צו געהן.

— און ווי איז מיט פרנסה?

— פרנסה, דאָס איז שוין אַן עדעלע זאַך — זאָגט ער — ווער האָט עס היינט אין גאַליציע פרנסה? אָבער דאָך איז דאָס טשאָרטקאָוו. ס'איז טאַקע ניט די זעלבע שטאָט וואָס געווען. אמאָל איז דאָרט געווען א רבי מיט חסידים. איצט איז דאָרט ניטאָ ניט קיין רבי און ניט קיין חסידים. אמאָל זיינען דאָרט געווען נגידים מיט גרויסע סוחרים. ניטאָ מעהר קיין נגידים און ניט קיין סוחרים. די שטאָט איז היינט טויט ווי אַלע גאַליצישע שטעט. אָבער דאָך לעבעדיגער ווי סקאַלאַ.

— אין וואָס באַשטעהט די לעבעדיגקייט? — האָט איך גע־פרעגט.

ער האָט ניט געענטפערט. ער איז פּלוצלונג איינגעשלאָפען און אויך אָנגעהויבען שנאָרכען.

די צוויי געסט האָבען געגעבען א שנאָרכען דועט. מיך האָט עס ניט געאַרט. מיך וואָלט אפילו ניט געאַרט ווען עם שלאָפען און שנאָרכען נאָך עטליכע. אין אַן אַנדער שטאָט וואָלט איך ניט געוואָלט שלאָפען מיט נאָך איינעם אין איין צימער. אָבער דאָ איז מיין שטעטעל. ווען מען וואָלט מיך אפילו געלעגט שלאָפען אויפ'ן פּלאָר, וואָלט איך אויך ניט געזאָגט א וואָרט. מיך האָט בלויז פאַרדראָסען, פאַרוואָס איך מוז אזוי פריה שוין ליגען אין בעט.

איך וואָלט געוואָלט, אַז די נאַכט זאָל וואָס שנעלער אַריבער און ס'זאָל שוין זיין אין דער פריה. איך וויל זעהן מיין שטעטעל. איך בין שוין דאָ עטליכע שטונדען און האָב נאָך כמעט גאָרניט געזעהן.

נאָך שווערער מיה האָב איך איינגעדרעמעלט און פאַרשידענע חלומות האָבען מיך גענומען פּלאָגען און מאַטערען:

אַט חלום'ט זיך מיר ווי איך קריג זיך מיט מיין טאַטען.

מיין טאַטען פאָדערט פון מיר, איך זאָל דאַווענען, און איך זאָג: ניין, דאָס איז געגען מיינע פּרינציפּען.

„מילאַ, דו האָסט ניט געדאַוועט אַזוי פיל יאָהרען אין אַמעריקע", — טענה'ט מיין טאַטע, — „איז דאָס אַמעריקע. אָבער דאָ, ביי מיר אין הויז, דו ביזט געקומען אויף אַ קורצע צייט, טוט מען צוליב דעם טאַטען און מען דאַוועט".

„ אַז ס'איז אָבער געגען מיין איבערצייגונג צו דאַווענען", טענה איך.

„טאָ נאַר אָפּ דעם טאַטען", טענה'ט ער, „מאַך מיט'ן מויל בלויז, און זאָל איך מיינען אַז דו דאַווענסט, אַבי ערגער ניט דעם טאַטען".

אָבער איך בין איינגעשפּאַרט. איך גיב ניט נאָך.

איידער איך בין פאַרטיג מיט דעם חלום, מאַטערט מיך אַ צווייטער חלום:

מיין מאַמען קריגט זיך מיט מיר. זי פאָדערט, אַז איך זאָל אָנטאָן צום עסען אַ יאַרמולקע. איך וויל איהר איבערצייגען, אַז ס'איז געזינטער צו עסען אָהן אַ היטעל. מיין מאַמע לאָזט זיך אָבער ניט איבערצייגען און ערקלערט מיר שטרענג, אַז אויב איך טו ניט אָן קיין יאַרמולקע, קריג איך ניט קיין עסען. איך ענטפער איהר אין דעמזעלבען שטרענגען טאָן, אַז אין אַ היטעל עס איך ניט.

מיין מאַמע וויינט, אַרגומענטירט, אַז זי איז עלטער און איך דאַרף זי פאָלגען. איך, ווידער, זאָג, אַז היינט זיינען קינדער עלטער פון די עלטערען און קליגער אודאי און אַ מאַמע דאַרף זיי פאָלגען.

„גע האָדעווע אויס קינדער", שרייט די מאַמע, „אַז זיי זאָלען זאָגען, אַז די מאַמעס האָבען ניט קיין שכל".

מיין טאטע ערגערט זיך שטארק. מיין טאטען פארדריסט וואס איך ערגער די מאמען. מיר פארדריסט וואס כ'ערגער זיי ביידען. מיין הארץ ווערט צוריסען אין שטיקער. אבער נאכגע־בען קען איך ניט. עפעס א געהיימע קראפט לאזט מיך ניט. איך בארע זיך מיט דער געהיימער קראפט: „לאזט מיך נאכגעבען מיינע עלטערען, לאזט מיך!" שריי איך, אבער די געהיימע קראפט זאגט: „ניין! ניין! פרינציפ!"

דא האב איך זיך אויפגעכאפט און געזעהן, אז איך ליג אין אין א בעט, אז די אלע חלומות זיינען ניט געשטויגען און ניט געפלויגען. מיין טאטע־מאמע זיינען שוין יאהרען־לאנג טויט. ווען זיי וואלטען געלעבט, וואלטען זיי ניט פארלאנגט פון מיר קיין דאוו־נען און ניט קיין יארמולקע. און ווען זיי וואלטען יא פארלאנגט, וואלט איך זיי נאכגעגעבען. איך וואלט אפילו אנגעטאן צעהן יארמולקעס, ווען זיי וואלטען עס פארלאנגט פון מיר. אבער זיי פארלאנגען פון מיר גארניט. זיי וויסען אפילו ניט צי איך געפין זיך דא. זיי זיינען טויט.

איך האב זיך אזוי געמאטערט מיט פארשידענע אומעטיגע גע־דאנקען, ביז ס'איז געווארען טאג. איך בין ארונטער פון בעט, זיך שנעל אנגעטאן, אום שנעל ארויסצוקומען אין גאס און זעהן דאס שטעטעל.

ווען איך האב געעפענט די טיר פון מיין צימער, האב איך געזעהן אויף מיין סטופ זיצען אן עלטערען מאן, מיט א קורץ געשוירען בערדעל, ארים געקליידעט, אבער ניט אפגעריסען.

ווען ער האט מיך דערזעהן, האט ער זיך אויפגעשטעלט, מיר דערלאנגט די האנט און געזאגט:

„שלום עליכם, דו דערקענסט מיך?"

זיין שטימע האט מיר געקלונגען באקאנט, זעהר באקאנט. אבער איך האב זיך ניט געקענט דערמאנען ווער ער איז.

ער האט מיר געזאגט זיין נאמען. איך האב באלד זיך דער־מאנט. זיין אויסזעהן איז אפילו גאנץ אנדערש. ער איז דאמאלס געווען אין די מיטעלע יאהרען, איצט איז ער שוין א זקן. ער איז דאמאלס געווען הויך געוואקסען, האט ער אויסגעזעהן העל־דיש, איצט איז ער געבויגען. אבער זיין שטימע איז דיזעלבע.

זיין שטימע קלינגט נאָך פונקט אזוי קרעפטיג ווי אמאָל.

מען פלעגט איהם אין שטעטל רופען דער „מאָדערנער שוסטער", ווייל ער איז געווען א שוסטער און מ'האָט איהם געהאלטען פאַר א מאָדערנעם מענשען. ער האָט א צייט געאַר־בייט אין א גרויסער שטאָט, און איז פון דאָרט צוריק געקומען מיט וואונדערבארע געשיכטעס, וואָס האָבען געמאַכט א גרויסען פוראָר אין שטעטל.

איך געדענקט עס אזוי ווי היינט, מיר זיינען געזעסען אין בית המדרש איבער די גמרות און ניט געהאַט קיין חשק צו לער־נען. דאמאָלס איז ער, דער „מאָדערנער שוסטער", אריינגעקומען, זיך אוועקגעשטעלט און אונז דערצעהלט נסים ונפלאות פון דער גרויסער שטאָט.

ער האָט אונז דערצעהלט פון דער ציוניסטישער באַוועגונג, וואו עס געפינט זיך א דאָקטאָר הערצל, א דאָקטאָר מיט א שעהנער באָרד, וואָס וויל אָפּקויפען ביים טערק ארץ ישראל און עס אוועק־געבען די אידען פאַר אַן אייגענע היים, מיט אַן אייגענעם קעניג אָדער א פרעזידענט ווי אין אמעריקע, און טאָמער וועט דער צאַר מאַכען א פּאָגראָם אויף אידען, וועט דער אידישער קעניג, אָדער פרעזידענט, שיקען א שטרענגען בריף צו איהם און איהם זאָגען אזוי: „דו, פּאָניע חזיר, דו פּאַסקודניאַק, דו כוליגאַן, וואָס הייסט דו שלאָגסט אידען? מיר וועלען דערפאַר דאָ, אין ארץ ישראל, ארעסטירען יעדען רוס. אויב דו וועסט זיך ניט באַלד שלאָגען על-חטא אין הארצען פאַר דעם פאַרברעכען, וועל איך אַננעמען די שטרענגסטע מיטלען געגען דיר".

מיר זיינען אַלע געוואָרען ענטציקט פאַר דער אידעע. עס איז אָבער ענטשטאַנען ביי אונז א דעבאַטע, צי דאַרף מען האָבען א אידישען קעניג, צי א פרעזידענט. איינער, דעם רב'ס א זוהנדעל, איז געווען שטאַל און אייזען פאַר א קעניג. די מאַיאָריטעט אָבער איז געווען פאַר א פרעזידענט, פאַר א רעפּובליק.

דער „מאָדערנער שוסטער" האָט אָבער די דעבאַטע וועגען דער פראַגע פון רעפּובליק און מאָנארכיע איבערגעריסען, און דער־צעהלט וועגען נאָך א באַוועגונג — די סאָציאַליסטישע באַוועגונג. ער האָט דערצעהלט ווי מען וויל אוועקנעמען דאָס געלט ביי

די רייכע און עס צוטיילען גלייך אויף גלייך צווישען פאָלק. עס זאָל מעהר ניט זיין קיין אָרימע און רייכע, קיין אונטערדריקער און אונטערדריקטע. אַלע גלייך!

אָט די אידעע איז אונז גאָר געפעלען. דאָס איז זעהר יושר׳דיג, האָבען מיר אַלע געשריען. אפילו די וואָס זיינען געווען פאַר א מאָנארכיע אין פאַלעסטינע, אריינרעכענענדיג דעם רב׳ס זוהנ׳דעל, איז שטאַרק געפעלען געוואָרען די אידעע פון גלייכהייט.

אָבער דאָס איז נאָך ניט געווען אַלעס. דער „מאָדערנער שוסטער" האָט אין דער גרויסער שטאָדט געזעהן שפּילען א אי־דישע פּיעסע „בר כוכבא". האָט ער געדענקט יעדעס וואָרט און פאַר אונז עס איבערגעגעבען. ער האָט ניט בלויז געשפּילט נאָר אויך געזונגען, און אויב מיין זכרון נאַרט מיך ניט אָב האָט ער דאָס געשפּילט אויסגעצייכענט. אז ער האָט א געשריי געטאָן: „איך בין בר כוכבא, דער אידישער העלד!" האָבען מיר געמיינט, אז דאָ שטעהט פאַר אונז דער אידישער גבור בר כוכבא, וואָס האָט באַזיגט די רוימער.

זיין העלדיש אויסזעהן און שטאַרקע שטימע האָט געפּאַסט פאַר דער ראָלע.

זיין שטימע איז מיר געווען דערפאַר אַזוי באַקאַנט. ווען ער האָט מיר געזאָגט ווער ער איז האָט ער מיך גלייך דערמאָנט אין מיין בית־המדרש יוגענד און אין דער צייט וואָס איך האָב דאָס ערשטע מאָל געהערט זינגען א ליד פון א אידישער פּיעסע.

איך האָב איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער איז געקומען אַזוי פריה.

ער האָט מיר ערקלערט, אז ער איז געקומען פריה, ווייל ער ווייסט, אַז שפּעטער וועלען קומען צו מיר מאַסען מענשען און איך וועל ניט האָבען קיין צייט איהם אויסצוהערען. א חוץ דעם וויל ער ניט, אַז אַנדערע זאָלען הערען וואָס ער דערצעהלט, ווייל זיי וועלען איהם ניט פאַרשטעהן. ער איז זיכער, אַז איך וועל איהם יאָ פאַרשטעהן. און ער וויל מיר דאָס אַלעס איצט דער־צעהלען.

איך האָב איהם אריינגענומען אין קיך פון האָטעל, וואו קיינער איז ניט געווען. מיר האָבען גערעדט שטיל אום די אַנדערע ניט

אויפצואוועקען, און ער האָט גערעדט:

„ווי דו ווייסט, איז מיין שטרעבען אימער געווען פאַר פּראָ־גרעס. איך בין ביז היינטיגען טאָג ציוניסט און סאָציאַליסט. איך האַלט, אז די אידען דאַרפען האָבען אַ היים און אז די קאַפּיטאַ־ליסטישע אָרדנונג טויג אויף כפרות. מיין הויפּט ציעל אין לעבען איז אָבער געווען צו מאַכען אַ לייט פון מיינע קינדער. מילא, איך בין שוין געווען פאַרפאַלען. געדענקסט ווי איך פלעג אַמאָל זינ־גען בר־כוכבא?"

— איך געדענק, — זאָג איך.

„ווען איך וואָלט געלעבט אין אַ גרויסע שטאָט וואָלט אפשר פון מיין בר כוכבא עפּעס געוואָרען", — האָט ער געזאָגט, — „אָבער אין סקאַלאַ, וואו עס איז פינסטער ביינאַכט און ניט ליכ־טיג בייטאָג, וואָס קען מען ווערען? איך האָב דערפאַר אַלעס אָנ־געווענדעט פאַר מיינע קינדער.

„איין זוהן מיינער האָט שטודירט און געפינט זיך אין פּאַ־לעסטינע, אין דער אידישער היים, און ער איז פאַרזאָרגט. ער שיקט מיר נאָך אַמאָל אַ פּאָר סענט.

„דער צווייטער איז אויפגעוואַקסען אַ גרויסער פידל־שפּילער. ער האָט געלערענט ביי דעם בעסטען פידעלשפּילער אין לעמבערג, און ער קען. אי קען ער! ער איז איצט אין לעמבערג. ווען ער זעצט זיך אַוועק שפּילען קוועלט מיין האַרץ. איך זעה, אז מיין גאַנץ האָרעוואַניע איז ניט אומזיסט.

„ער קען זיך אַמאָל אַוועקזעצען איינער אליין און שפּילען. איך שטעה אונטער דער טיר און הער זיך איין. ער ווייסט ניט, אז איך הער. ער האָט ליב צו שפּילען ווען קיינער הערט ניט. און וואָס זאָל איך דיר זאָגען? דער גאַנצער אידישער גלות וויינט ארויס פון זיינע סטרונעס. ער שפּילט און איך וויין. איך וויין און ער שפּילט. און פּלוצלונג הויבט ער אָן שפּילען פון טרייסט, פון האָפנונג, און איהר פיהלט ווי אידען ווערען באַפרייט פון גלות, קעהרען זיך צוריק אַהיים, און וואָס אַמאָל ווערט אַלץ פרעהליכער. איהר פיהלט ווי די גאַנצע וועלט זינגט. איך הויב אָן טאַנצען. אונטער דער טיר שטעה איך און טאַנץ, אז אַ טאַטע האָט דאָס דער־לעבט מען זאָל טאַנצען!"

ער האָט זיך אויסגערוהט אביסעל און פאָרטגעזעצט:

„אקעגען וואָס דערצעהל איך דאָס? אקעגען דעם וואָס אזא קינסטלער דאַרף שפּילען אין פּוילען. איז פּוילען איהם דען ווערטה?"

„מיין וואונש איז", — האָט ער געזאָגט, — „אז ער זאָל שפּילען אין אמעריקע, אין דעם לאַנד וואו אידען האָבען אַלע פּריויהייטען. אַט דאָרט וואָלט ער ערשט ריכטיג געשפּילט!"

נאָך אַ קליינער פּויזע האָט ער פאָרטגעזעצט:

„איך וויל, אז דו זאָלסט זאָגען צו מיינע קרובים פון אמע־ריקע:

„איהר האָט מיר געהאָלפען אויסצוהאַלטען מיין זוהן. איהר האָט אפילו געשיקט געלד אויף צו קויפען איהם זיין פידעל. איהר פאַרדינט, ער זאָל שפּילען פאַר אייך. נעהמט איהם אהין ארויף און זאָל ער געבען אַ קאָנצערט אין ניו יאָרק!

„איך בין שוין אַלט. קיין סך יאָהרען וועל איך שוין ניט לעבען. אָבער איך ווינש זיך צו דערלעבען, אז מיין זוהן זאָל גע־בען אַ קאָנצערט אין אמעריקע. עס מאַכט ניט אוים וואָס איך וועל דאָרט ניט זיין. אָבער איך וועל דאָ זיצענדיג זיך פאָרשטעלען ווי מיין זוהן שפּילט אין אַ גרויסען זאַאַל, אין אמעריקע. די אמערי־קאַנער קלאַפּען איהם בראַוואָ, און מיינע קרובים הערען, שעפּען נחת און קוועלען. איי וואָלטען זיי געקוועלט!

„איך בעט אייך, גיט דאָס איבער צו מיינע קרובים".

צוויי אומגליקן

איין פרוי דערצעהלט וועגן איהר זוהן וואָס זיצט אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער — אַ צווייטע פרוי דערצעהלט וועגן איהר מאַן וואָס זיצט אין טורמע אין טשאָרטקאָוו

ס'איז מיין ערשטער פריהמאָרגען אין מיין שטעטעל. איך זיץ אין מיין האָטעל. איך רוף עס האָטעל. אין אַ גאַליציש שטעטעל האָט מען ליב אַלעס צו רופען מיט שעהנע נעמען.

די בעל־הבית'טע פון דעם זאָגענאַנטען האָטעל ברענגט מיר אריין פריהשטיק און זאָגט מיר, אַז עטליכע מענשען האָבען געפרעגט אויף מיר, אָבער זי האָט זיי געזאָגט, אַז זיי זאָלען קומען שפּעטער, ווייל זי וויל ניט מען זאָל מיר שטערען ביים עסען.

איך האָב איהר ערקלערט, אַז איך האָב ליב צו רעדען ביים עסען און אַז זיי מעגען אריינקומען. זי האָט מיר געענטפערט, אַז אויב איך וויל מיט עמיצען רעדען עסענדיג, וויל זי זיין דער עמיצער. שפּעטער, זאָגט זי, וועל איך מסתמא זיין פארנומען, וויל זי אויסנוצען די איצטיגע געלעגענהייט.

זי איז אַ פרוי פון אַ יאָהר פופציג. לויט ווי עס זעהען אויס די אנדערע פרויען פון שטעטעל, זעהט זי אויס גאַנץ גוט. זי איז אָנגעטאָן אָרעם, אָבער ריין און ציכטיג. זי שטאַמט פון אַ גרויסען יחוס, פון דור דורות רבנים. די עדעלקייט ליגט איהר אויפ'ן פּנים. אמאָליגע צייטען וואָלט אַזאַ פרוי אויף קיין פאַל זיך ניט אָבגעגעבען מיט האָטעל־ביזנעס אין דעם שטעטעל. אָבער איצט זיינען אנדערע צייטען.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט מיר אַנטקעגען און געזאָגט:

„איידער איהר וועט זיך אָנהערען אַנדערע צרות, און איהר וועט הערען זעהר אַ סך, וויל איך איהר זאָלט פריהער הערען וועגען מיין אומגליק. איך ווייס, אַז איהר קענט מיר ניט העלפען.

אפילו מיינע קרובים אין אַמעריקע קענען מיר אויך ניט העלפען. זיי זיינען גוטע מענשען, אָבער אָרימע. זיי שיקען מיר אַמאָל עטליכע דאָלער, און איך ווייס, אַז זיי קענען דאָס אויך ניט".

זי איז פּלוצלונג אַנטשוויגען געוואָרען.

איך פרעג זי, פאַרוואָס זי דערצעהלט ניט ווייטער. ענט־פערט זי:

„איצט האָב איך זיך באַרעכענט, אַז פרויען זיינען ניט קלוג. פּונקט ווען איהר עסט, זעץ איך זיך אַוועק אייך דערצעהלען מיינע צרות. איך קען דאָך אויסוואַרטען ביז איהר וועט אָפּעסען."

איך האָב איהר געזאָגט, אַז דאָס מאַכט ניט, אַז איך בין אַהער ניט געקומען זיך אַמוזירען. אָבער זי האָט ווייטער ניט געוואָלט רעדען.

ערשט ווען איך האָב געענדיגט טרינקען מיין קאַווע, האָט זי אָנגעהויבען ווידער רעדען.

„איך וויל זיך ניט באַקלאָגען וועגען מיר אליין", האָט זי געזאָגט, „גוט איז מיר ניט. אָבער וועמען איז היינט יאָ גוט? איך וויל אָבער רעדען וועגען מיינעם אַ זוהן. איך האָב צוויי זיהן,ביידע געלערענטע. איינער האָט געענדיגט גימנאַזיום, געפינט זיך איצט אין וואַרשע, און ער פּלאָגט זיך דאָרט. אָבער ער איז ווע־ניגסטענס פריי. ער זיצט ניט אין טורמע".

און וואָס איז מיט אייער צווייטען זוהן?" פרעג איך, „ער איז אַרעסטירט?

„נאָך ערגער!" זאָגט זי.

„וואָס מיינט איהר, ערגער? " פרעג איך.

„ער זיצט אין אַ קאָנצענטראַציע לאַגער אין ברעזע", האָט זי מיר ערקלערט מיט טרערען אין די אויגען.

וועגען דעם פּוילישען קאָנצענטראַציאָנס־לאַגער אין ברעזע, האָב איך שוין פיל געהערט אין וואַרשע. דאָס איז אַ טורמע פאַר פּאָליטישע אַרעסטירטע, אויפ'ן מוסטער פון היטלער'ס קאָנצענ־טראַציע־לאַגערען. עס זיצען דאָרט מייסטענס אַרעסטירטע, געגען וועמען עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזע און מען וויל זיי צווינגען זיך מודה צו זיין. מען פּייניגט זיי דאָרטען אויפ'ן שוידערליכסטען אופן.

די אומגליקליכע מוטער האָט אַ ווײַלע געשוויגן. די טרערן האָבן זי געשטיקט. אָבער זי האָט זיך געוואָלט קאָנטראָלירן. זי איז ניט פון די פרויען, וואָס האָבן ליב צו וויינען.

איך האָב זי געוואָלט טרייסטן און איהר געוואָלט זאָגן, אַז אין אַ טורמע, וואו עס זיצען פּאָליטישע אַרעסטירטע, איז ניט אַזוי שלעכט. פּאָליטישע אַרעסטירטע באַהאַנדעלט מען בעסער ווי געוועהנליכע פאַרברעכער. אָבער די אָרימע מוטער האָט גע־וואוסט מעהר וועגן דער טורמע פון ברעזע ווי איך. די גאַלי־ציאַנער מאַמעס ווייסן וואָס אַ פּוילישער קאָנצענטראַציע־לאַגער איז.

„עס זיינען אַמאָל געווען צייטן, ווען אַ פּאָליטישען אַרעס־טירטען האָט מען אין טורמע באַהאַנדעלט מיט רעספּעקט. דאָס איז געווען אפילו אין רוסלאַנד אין די צייטען פון צאַר", האָט די אומגליקליכע מוטער געזאָגט, „אָבער איצט, אין דער צייט פון דיק־טאַטורען, ווערט אַ פּאָליטישער אַרעסטירטער באַהאַנדעלט פיעל ערגער ווי אַ פאַרברעכער".

און די ליידענדע מוטער האָט מיר גענומען שילדערן מיט איינצעלהייטען ווי מען מוטשעט מענשען אין אַ פּוילישען קאָנ־צענטראַציע־לאַגער. זי איז אַן אינטעליגענטע פרוי. זי האָט געוואָלט וויסען אַלעס וועגן דעם פּלאַץ, וואו מען מוטשעט איהר זוהן, און זי האָט אַלעס אויסגעפונען.

„איך ווייס ווי אַזוי מען פּלאָגט מיין קינד", האָט זי געזאָגט, „איך פיהל דאָ ווי מען מוטשעט איהם דאָרט. יעדען קלאַפּ וואָס מ'גיט איהם דאָרט, טוט מיר דאָ וועה."

זי האָט זיך צעוויינט, און מעהר ניט געקענט רעדען.

איך האָב ניט געהאַט קיין ווערטער אפילו זי צו טרייסטען. איך האָב געוואוסט, אַז אַלעס וואָס זי דערצעהלט וועגן די פּיי־ניגונגען אין יענעם קאָנצענטראַציע־לאַגער, איז אמת. און וואו זיינען דאָ ווערטער צו טרייסטען אַ מאַמע, וואָס ווייסט אַז איהר קינד ליידט אַזוי פיל?

ווען זי האָט געזעהן, אַז איך בין געריהרט פון איהר אומגליק, האָט זי געזאָגט:

„ענטשולדיגט מיר, אַ מאַמע האָט ליב זיך אָפּצורעדען פון

הארץ. וואָס זיינט איהר שולדיג! פאַרוואָס דאַרף איך אייך דער־צעהלען וועגען אַן אומגליק וואָס איהר קענט ניט העלפען, און האָ־בען בלויז יסורים".

נאָכדעם ווי זי האָט זיך אַביסעל בארוהיגט, האָט זי מיר דערצעהלט, אַז איהר זוהן איז ארעסטירט אלס קאָמוניסט, כאָטש ער איז עס ניט. ער איז גאָר אַ ציוניסט. אָבער מען מאַכט איצט בלבולים אויף אידישע יונגעליט, אום זיי צו מוטשען. עס זיינען ניטאָ קיין באַווייזע געגען איהם, משפּט מען איהם ניט, נאָר מען מוטשעט איהם.

„איך וואָלט איהם געקענט ארויסראַטעווען," האָט זי געזאָגט, „ווען איך וואָלט געהאַט טויזענט דאָלער. אָבער וואו קען אַ פרוי אין סקאַלאַ קריגען טויזענט דאָלער?"

„איך האָב דאָס דערצעהלט", האָט די אומגליקליכע מאַמע געזאָגט, „צוליב צוויי אורזאַכען: ערשטענס, ווייל איך האָב זיך געוואָלט אָפּרעדען פון הארצען און, צווייטענס, אום איהר זאָלט האָבען אַ גוטען באַגריף וואָס עס טוט זיך דאָ ביי אונז. ווען איהר וועט הערען וועגען אומגליקען אין אונזער אומגליקליכען גאַ־ליציע, אָדער פּוילען, זאָלט איהר וויסען וועגען נאָך אַן אומגליק! פאַראַן דאָ פילע אידישע מאַמעס, וועמעס זיהן זיצען אומזיסט און אומנישט אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערען. די בעסטע קינ־דער זיצען דאָרט. דערצעהלט עס אין אַמעריקע."

זי איז דאַן צוריקגעגאַנגען צו איהר ארבייט אין קיך, און מיך געלאָזען אליין. איך האָב געטראַכט:

מיט טויזענט דאָלער וואָלט מען געקענט צוריקגעבען אַ זוהן צו אַ מאַמען. מען וואָלט באַפרייט אַ אידישען יונגענמאַן פון אַ פּוילישען קאָנצענטראַציע־לאַגער! מיר טוט וועה דאָס הארץ אויף דער אומגליקליכער מאַמע. אָבער איך וועל צוריקפאָהרען קיין אַמעריקע, וועל איך מסתמא פארגעסען אָן דער גאַנצער געשיכטע, און דאָ וועט אַ מאַמע אויסגעהן פון וועהטאָג וועגען די פּייניגונ־גען פון איהר קינד.

מיינע געדאַנקען זיינען איבערגעשלאָגען געוואָרען פון דער טיר, וואָס האָט זיך געעפענט, און אַ פרוי, זעהר אָרים געקליידעט, איז אריינגעקומען.

איך האָב אין אָנפאנגס געמיינט, אז דאָס איז אריינגעקומען א פרוי נאָך א נדבה, איהר האַלטונג איז אָבער ניט געווען ווי פון א בעטלערין. זי האָט זיך אוועקגעשטעלט אקעגען מיר, און מיר געקוקט אין די אויגען אריין.

איך האָב ניט פארשטאנען וואָס זי קוקט אזוי אויף מיר.

„דו דערקענסט מיך ניט?" האָט זי געפרעגט.

איך האָב געשוויגען.

„דערקענסט ניט, אז איך בין פון דיין פאמיליע?" האָט זי ווייטער געזאָגט.

איך האָב זי גוט באטראכט און אַלץ ניט געוואוסט ווער זי איז.

„פארוואָס דערקענען איך דיך?" האָט זי געפרעגט.

איך האָב ווידער געקוקט אויף איהר, און אַלץ איהר ניט דערקענט.

„וואָס־זשע, איך בין שוין אזוי אַלט געוואָרען?" האָט זי געפרעגט מיט א געוויין.

איך האָב אַלץ זי ניט דערקענט.

„וויפיל מאָל דו ביזט געווען אין מיין הויז און מיין מאמע פלעגט דיר נאָכלויפען מיט דעם גלאָז מילך דו זאָלסט טרינקען — האָסט שוין פארגעסען?"

איך האָב זיך שוין אָנגעהויבען עפּעס דערמאָנען. אָבער איך בין אַלץ ניט געווען זיכער.

„דיין מאמע איז דאָך ביי אונז אין הויז געשטאָרבען", האָט זי געזאָגט מיט א געוויין, „זי איז דאָך געשטאָרבען מיט דיין נאָמען אויף די ליפּען. זי האָט דאָך איין מינוט אָן דיר ניט פארגעסען. „וואו איז מיין חנא'לע? ווען מיין חנא וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער מיר דאָך ניט געלאָזט שטארבען", האָט דיין מאמע געזאָגט פאר'ן טויט".

איך האָב שוין איצט געוואוסט ווער זי איז, כאָטש עס ווילט זיך מיר ניט גלויבען, אז דאָס איז זי. זי איז די טאָכטער פון מיין מאמע'ס א שוועסטער אין יעזשיערזשאני. איהרע עלטערן זיינען געווען רייך. זי איז געווען אָן איין איינציגע טאָכטער. מען האָט איהר אַלעס נאָכגעגעבען. קיין זאך האָט איהר ניט געפעהלט.

זי פלעגט אימער שטיפען און לאַכען. איצט געהט זי אַזוי אָרים אָנגעטאָן, און זעהט אויס אַזוי פאַר׳מרה־שחור׳ט.

„דו ביזט מיין קוזינע חנה", האָב איך צו איהר געזאָגט. מעהר איז מיר שוין געווען שווער צו רעדען. אי פון דעם וואָס זי האָט מיך דערמאָנט אָן מיין מאַמע׳ן, אי פון דעם וואָס איך זעה מיין געוועזענע רייכע קוזינע אין אַזעלכע שוידערליכע אָרימע מלבושים.

איך האָב זי געבעטען זיצען.

זי האָט זיך אָװעקגעזעצט און אָנגעהויבען וויינען.

נאָכדעם ווי זי האָט זיך בארוהיגט, האָט זי געזאָגט:

„מען האָט מיר געלאָזען וויסען, אַז דו ביזט דאָ, בין איך געקומען צו דיר פון יעזשערזשאַני. איך וואָלט מיינע קינדער אויך געווען מיטגענומען. איך האָב צוויי קינדער, און דער בעל־עגלה וואָס האָט מיך מיטגענומען, האָט זיי אויך געוואָלט נעמען. זיי האָבען געהערט פון דיר און אויך געוואָלט פאָהרען דיך צו זעהן, אָבער זיי געהען אָפּגעריסען, האָב איך זיי אין דער קעלט ניט גע־וואָלט מיטנעמען".

זי האָט זיך ווידער צעוויינט.

איך האָב זי געבעטען זי זאָל זיך בארוהיגען.

זי האָט מיך באַטראַכט און געזאָגט:

„געלויבט איז גאָט, וואָס דו ביזט אין אַמעריקע, ניט אין פוילען. ווען דיין מאַמע וואָלט געווען דערלעבט דיך איצט צו זעהן! פאַר מיין מאַמע׳ן איז שוין בעסער וואָס זי איז געשטאָר־בען און זעהט ניט ווי איהר איינציגע טאָכטער מוטשעט זיך".

„איז וואָס איז מיט דיר?" פרעג איך איהר, „דערצעהל".

„מיין מאַן זיצט איצט אין טורמע, אין טשאַרטקאָוו", דער־צעהלט זי, „איין יאָהר איז ער געזעסען פאַר׳ן פראָצעס, און דער־נאָך האָט מען איהם גע׳מפשט און פאַר׳משפט צו דריי יאָהר טורמע".

„פאַר וואָס?" האָב איך איהר געפרעגט.

„ווייל ער איז אַ איד און וואוינט אין פוילען", האָט זי גע־ענטפערט.

„אָבער פאָרט, פאַרוואָס?" האָב איך געפרעגט.

„מיין מאַן איז אַ פאַרטראַכטער. ער האָט ליב צו טראַכטען ווען ער געהט. איז ער געגאַנגען אין אַ דאָרף קויפען זאַכען ביי פויערים, צוליב פרנסה, און האָט פאַרבלאָנדזשעט אין אַ פּלאַץ לע־בען דער גרעניץ, וואו עס איז פאַרבאָטען צו געהן", האָט זי מיר ערקלערט, „ער האָט אפילו ניט געוואוסט וואו ער געפינט זיך".

איך האָב שוין פריהער געהערט וועגען פילע אידען אין גאַ־ליציע, וואָס זיצען אין די טורמעס פאַר אַזאַ „פאַרברעכען".

מיין קוזינע האָט מיר דערנאָך געשילדערט איהר לאַגע ווי שווער עס איז איהר זיך צו ערנעהרען, פאַר דער צייט וואָס איהר מאַן זיצט אין טורמע.

„דאָס גאַנצע שטעטעל סימפּאַטיזירט מיט מיר, האָט אויף מיר רחמנות", האָט זי מיר ערקלערט, „אָבער די מענשען פון שטעטעל זיינען אַלע אָרים. יעדער האָט זיינע אייגענע צרות".

ווען זי וואָלט געהאַט — זאָגט זי — אביסעל געלט, וואָלט זי געעפענט אַ שטיקעל קראָם. פילע פון שטעטעל וואָלטען, אויס סימפּאַטי מיט איהר, געקומען צו איהר קויפען.

איך האָב איהר געזאָגט, אַז אביסעל הילף וועל איך איהר געבען, און דאָס איבריגע וועל איך זעהן צו קריגען פאַר איהר פון די אַנדערע קרובים, ווען איך וועל קומען קיין אַמעריקע.

זי איז מיט אַמאָל אַזוי ווי איבערגעביטען געוואָרען. איהרע קנייטשען אויפ'ן שטערען האָבען זיך אויסגעגליכען. זי איז גע־וואָרען פרעהליך. זי האָט אָנגעהויבען זאָגען וויצען. איך האָב אָנגעהויבען צו דערקענען דאָס שטיפערישע מיידעל פון אַמאָל.

אָבער דאָס האָט אָנגעהאַלטען בלויז אַ ווייל. פּלוצלונג האָט זיך איהר שטערען ווידער פאַרוואָלקענט, און זי האָט געזאָגט: „מיין ברודער אברהם האָט אויך צוויי קינדער, און געהט אויך אויס פון הונגער. ער איז אָבער ניט געקומען, ווייל ער האָט פשוט ניט וואָס אָנצוטאָן. ווען איך וועל קומען מיט אַ פּאָר דאָלער פון דיר און איהם גאָרניט ברענגען, וועט ער פיהלען שרעקליך. „אויב דו ווילסט מיר געבען, מוזטו אויך איהם געבען", האָט זי צו מיר אַפּעלירט. „גיב איהם וואָס דו קענסט. איך קען מיט לעדיגען צו איהם ניט צוריקקומען".

אין די גאַסען

דאָס איינִיקעל פון אַמאָליגען גרעסטען גביר. — די בענקשאַפט נאָך פראַנץ יאָזעף׳ן און נאָך דעם אַמאָליגען אידישען בירגערמייסטער

אין די גאַסען פון מיין שטעטעל סקאַלאַ.

עס איז מיין ערשטער פריהמאָרגען אין מיין געבורטסהיים נאָך פילע יאָהרען. איך האָב אין דער קורצער צייט, וואָס איך געפין זיך דאָ שוין, געהערט אַ סך צרות וועגען די מענשען, וואָס וואוינען דאָ. איך וויל איצט זעהן די גאַסען, די הייזער.

איך געה ניט אליין. איך ווער געפיהרט פון צוויי: מיין קאָזין קלמן, אַ יונגערמאַן מיט אַ באָרד, וואָס ער גאָלט אָפּ איינמאָל אין חודש, און מיין יוגענד־פריינד, זלמן, וואָס ווען מען וואָלט געגעבען פרייזען אויף ברייטע בערד, וואָלט זיין באָרד געוואונען דעם פרייז.

מיין קאָזין קלמן, וועלכער האָט זיך אָנגעבאָטען צו זיין מיין גבאי, מיין מענעדזשער, וויל מיך פיהרען צו מיינע קרובים, איך זאָג איהם: „לאָז די קרובים אויף שפעטער״.

מיין קאָזין קלמן האָט זיך פון די ווערטער געפונען שטאַרק באַליידיגט.

„ווען דו וואָלסט געוואוסט״, האָט ער געזאָגט, „ווי די קרובים דיינע האָבען זיך נעכטען געערגערט וואָס דו קענסט ניט ביי זיי וואוינען, ווייל ס׳איז ניטאָ וואו, און דו קענסט ניט ביי זיי עסען, ווייל ס׳איז ניטאָ וואָס, וואָלסטו ניט געזאָגט אזוי לייכט: „לאָז זיי אויף שפעטער״.

„ס׳איז ריכטיג״, האָט מיין יוגענד־פריינט צוגעגעבען, „זיי זיינען שטאָלץ אויף דיר, זיי זיינען גליקליך מיט דיר. אָבער וואָס זאָלען זיי טאָן, אז זיי זיינען אזוי אָרים? זיי האָבען דאָך אפילו ניט געהאַט מיט וואָס דיך מכבד צו זיין.״

„דו גערענקסט", זאָגט מיר מיין קאָזין קלמן, „וויפיל פרעמ־דע מענשען עס פלעגען עסען ביי מיין טאַטען? מיין טאַטע האָט דאָך אָהן אורחים ניט געקענט זיך זעצען עסען."

„ס'איז אמת", גיב איך צו, און איך דערמאָן זיך ווי ברייט מען האָט געלעבט ביי מיין אָנקעל. עס פלעגען צו איהם קומען חסידים יעדען פרייטאָג צו־נאַכטס, און בראַנפען און ביר האָט זיך געגאָסען ווי וואַסער. מען האָט פעטע קוגלען פון אויווען ארויסגעשלעפט און דערמיט פאַרביסען. מען האָט גע'שכור'ט און געהוליעט ביז אין טאָג אריין.

איצט שטעהט לעבען מיר זיין זוהן, מיין קאָזין, אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען, זיין איינציגע האָפנונג איז, אז איך, זיין קרוב, זאָל איהם ראַטעווען, זאָל איהם שטעלען אויף די פיס. ער האָט ניט קיין אַנדערע האָפנונג.

מיר איז זעהר אונאַנגענעם זיינע האָפנונגען צו צוקלאַפּען. איך וויים אָבער, אז סוף כל סוף וועל איך דאָך מוזען ארויסקומען מיט לשון. איך וויל איהם געבען אַנצוהערען. איך זאָג איהם:

„הער אויס, ליבער קאָזין, מיר זיינען מיינע קרובים זעהר ליב. זייער נויט איז גרויס. ווען איך וואָלט געקענט ארויסנעמען געווען געלט זיי צו העלפען, וואָלט איך גאַנץ פריה צו זיי געלאָפען. אָבער איך וויים, אז זיי וועלען פון מיין הילף ניט זיין צופרידען, ווייל ס'איז ניט גענוג; איז בעסער, אז זיי זאָלען דערפון געוואָר ווערען אביסעל שפּעטער. דערווייל לאָז מיך אביסעל אָנקוקען די גאַסען.

„הער אויס, מיין ליבער קאָזין", ענטפערט מיר קלמן, „מיר אליין האָבען שוין וועגען דעם איבערגערעדט. מיר האָבען פון דיינע רייד זיך אָנגעשטויסען, אז דו ביזט ניט אזוי רייך ווי מיר האָבען געמיינט. יעדער איינער פון אונז האָט א סך שוין ארונ־טערגעלאָזען פון דעם, וואָס ער האָט ערוואַרט."

„אויב אזוי", זאָג איך, „בין איך גרייט צו געהן צו מיינע קרובים".

„ניין", מאַכט מיין יוגענד־חבר, „איין זיך ניט. איך האָב זיך שוין מיט זיי גערונגען פאַר דיר, כאָטש איך וויים ניט דיין

עשירות. זיי לאָזען זעהר וועניג ארונטער. זעה פריהער די גאַסען פון שטעטעל".

מיר געהען איבער די גאַסען.

די זון שיינט. די זון איז דעמאָקראַטיש. זי מאַכט ניט קיין אונטערשיד פון אַ גאַליציש, פראַנצויזיש אָדער אַמעריקאַניש שטעטעל. אָבער די בלאָטע, זי האַלט בלויז פון פוילישע שטעטלאַך. זי ליגט זיך צולעגט אין דער לענג און אין דער ברייט.

נעכטען אָוועגד האָב איך, געהענדיג אין דער פינסטער, גע־פיהלט, אַז די בלאָטע איז גרויס, אָבער איצט זעה איך זי. איך קוק אויף איהר און זי קוקט אויף מיר, ווי זי זאָל צו מיר זאָגען: „דו מיינסט, אַז איך וויל דאָ ליגען? וואָס קען איך טאָן, אַז מ'טשעפּעט מיך ניט, אַז מ'לאָזט מיך אויף הפקר?"

איך קוק אויף די הייזער. די ווענט זעהען ביי מיר אויס ווי כותל מערבי'ס. זיי וויינען, עס פאַלט פון זיי שטיקער. די דעכער זעהען אויס ווי די מלבושים פון די מייסטע היגע מענשען, צור־ריסען, צופליקט.

איך בין קיינמאָל ניט געווען אין ירושלים און דערפאַר ניט געזעהן די כותל מערבי. אָבער איך שטעל מיר פאָר, אַז די כותל מערבי דאַרף אויסזעהן ווי אַ הויז אין סקאַלאַ, אַלט, צופאַלען, שוואַרץ, מיט לעכער, מיט לאַטעס, און אפשר איז נאָך די כותל מערבי אַ סך שעהנער.

איך דערקען די גאַסען, כאָטש זיי זעהען ביי מיר אויס אַ סך קלענער. אָבער די הייזער דערקען איך ניט. אַ סך הייזער, וואָס זיינען אַמאָל געווען, פעהלען. זיי זיינען אין אַ שרפה אָפּגעווישט געוואָרען, און קיין נייע האָט מען אויף זייער פּלאַץ ניט אויפ־געשטעלט. די נייע הייזער, וואָס מען האָט יאָ אויפגעבויט, זיינען שוין אויך אַלט.

איין הויז זעהט אויס נישקשה'דיג. איך פרעג וועמעס הויז דאָס איז. מען זאָגט מיר. איך דערקען עס אַביסעל, כאָטש עס איז איבערגעב.יט. דאָרט האָט געוואוינט דער רייכסטער איד, ניט נאָר פון שטעטעל, נאָר אויך פון פילע אַנדערע שטעטלאַך. זיין פאַר־מעגען איז געשאַצט געוואָרען אין מיליאָנען רייניש.

ער איז געווען אַ פלאַם־פייערדיגער טשאָרטקאָווער חסיד און

א כהן. א בייזער, א כעסן. זיין כעס האט ער אויסגעלאזען בלויז צו די וואס דאוונען נים. ער האט גאר נים געוואוסט וועגען וועלט־זאכען. ער האט זיך אפגעגעבען א סך מיט געשעפט. ער האט ליב געהאט צו האנדלען אפילו מיט מצוות. ער פלעגט קויפען א מצוה בלויז א מציאה, א בארגען. למשל, אז מ׳האט געוואלט פון איהם א טובה, האט מען איהם גערארפט באווייזען, אז ער וועט דורך דעם האבען א גרויסע מצוה. א קליינע מצוה האט ער נים געקויפט.

ער האט, למשל, געהאלטען פון דער מצוה גמילת חסדים. האט ער געהאט א ספעציעלע קאסע צו לייהען א אידען א געוויסע סומע אהן פראצענט. אבער ער האט געליהען בלויז צו אידען, וואס זיינען בטוחים. ער האט אין דעם פארלוירען בלויז דעם פראצענט, וואס דאס געלט איז ווערטה געווען, און דערפאר גע־טאן א סך מצוות. עס איז, לויט זיין חשבון, געווען א גוט גע־שעפט.

ער האט געגעבען א סך געלט צום טשארטקאווער רבי׳ן. אבער דאס איז ביי איהם אודאי געווען א מציאה. דער רבי האט איהם געוואונשען הצלחה, און ס׳איז מקוים געווארען.

איך געדענק דעם גביר גאנץ גוט, ווייל ער האט געגען מיר געפיהרט א ספעציעלע מלחמה. ווען איך בין געווען א אינגעל פון א יאהר צעהן, פלעגט ער מיך תמיד ארויסווארפען פון דער טשארטקאווער קלויז. איך האב ליב געהאט צו רעדען מיט די אנדערע אינגלאך ביים דאוונען, אריינרעכנענדיג זיין אייניקעל, און ער האט דערפאר געהאלטען אויף מיר אן אויג. אזוי שנעל ווי איך פלעג עפענען די טיר פון קלויז, פלעגט ער זיך א לאז טאן פון מזרח־וואנט, מיך אננעמען ביים לאץ פון מיין רעקעל און מיך ארויסווארפען.

איך פלעג זיך רייצען מיט איהם. אזוי שנעל ווי ער האט מיך ארויסגעווארפען, בין איך באלד צוריקגעקומען, און ער האט מיך ווידער ארויסגעווארפען. איך פלעג איהם וועלען מיד מאכען, אבער ער איז נים מיד געווארען. דאס איז געווען זיין ספעציעלע ארבייט יעדען שבת. איך פלעג איהם אבער באזיגען, ווען ער איז געשטאנען שמונה־עשרה. דאמאלס בין איך אריינגעקומען, און ער האט מיר גארנים געקענט טאן. אבער ער פלעגט מיך אין

מיטען שמונה־עשרה באמערקען, און אזוי שנעל ווי ער האט גע־ענדיגט די שמונה־עשרה האט ער מיך א כאפ געטאן און ווידער ארויסגעוואָרפען.

איך שטעה איצט ביי זיין הויז.

א מאן מיט א פראנצויזיש בערדעל, מאָדערנע געקליידעט, איז ארויסגעקומען און מיר דערלאנגט ווארים די האנט.

ער האָט מיר געזאָגט ווער ער איז. ער איז דאָס אייניקעל פון דעם גביר. זיין זיידע ווי אויך זיין פאָטער זיינען שוין טויט. ער פלעגט מיט מיר ליב האָבען צו רעדען אין מיט'ן דאווענען און צו להכעיס טאָן זיין זיידען.

איך האב איהם געפרעגט, ווי ס'געהט איהם. ער האט מיר געענטפערט: „מיר געהט ווי ס'געהט א אידען אן עושר אין גאַ־ליציע."

איך האב ניט פארשטאנען וואס ס'מיינט. ער האט מיר ער־קלערט, אז אם ערגסטען געהט דאָ די רייכע אידען. ביי די אָרעמע האָט מען ניט וואָס מעהר אוועקצונעמען. זיי געהען אוים פון הונגער און זיי האָבען ניט מורא פאר קיין גזירות. זיי קען מען גאָר ניט טאָן. אָבער ווען איינער האט אביסעל פארמעגען מוטשעט מען איהם, אום ביי איהם עס אוועקצונעמען.

ער האָט מיר ערקלערט, אז פון זיין זיידענ'ס גרויסען פאר־מעגען איז נאָך עפּעס ביי איהם פארבליבען. אָבער די שטייערען און די ספּעציעלע גזירות געגען די אידען און די באַיקאָטען מאַ־כען אזוי, ער זאָל אלעס פארלירען.

ער האָט מיט מיר ניט געהאט קיין צייט א סך צו רעדען, ווייל ער האט געדארפט געהן צום צוג. ער האָט געמוזט אוועק־פאָהרען. טאקע צוליב א נייער גזירה געגען זיינע געשעפטען. ער האָט אויסגעדריקט באדויערען וואָס ער מוז אוועקפאָהרען. ער וואלט מיט מיר געוואָלט א סך רעדען.

מען האָט מיר דאן ערקלערט אין שטעטעל, אז ער איז א וואונדערבארער גוטער מענש, און אז ער איז א געבילדעטער, אז דער אונטערשיד פון זיין זיידען ביז צו איהם איז אזוי ווי פון הימעל ביז צו דער ערד. יענער האָט א סך געדאווענט און זעלטען ווען א טובה געטאָן. ער דאווענט ווייניג און טוט א סך טובות.

געהענדיג ווייטער איבער די גאסען שטעלט זיך אפ מיין יוגענד־חבר זלמן לעבען א הויז און פרעגט מיך:

— דו דערקענסט דאס הויז?

— ניין, — זאג איך.

— דאס, — זאגט ער, — איז וואלף איציק'ס הויז.

ער האט געמיינט דאס הויז פון דעם אמאליגען אידישען בירגערמייסטער, וואס האט יאהרען לאנג רעגירט איבער'ן שטעטעל. אייגענטליך איז ער אימער ערוועהלט געווארען בלויז אלס וויצע־בירגערמייסטער און אן אוקראינער איז ערוועהלט געווארען אלס דער בירגערמייסטער. אבער דעם אוקראינער פלעגט מען ארעסטירען פאר גנבה. מען פלעגט איהם מייסטענס כאפען גנב'ענען עופות. (מען האט איהם אונטערגעשטופט אן עוף, האט ער עפ געמוזט גנב'ענען), און אזוי ווי א באשטראפטער פאר גנבה טאר ניט זיין קיין בירגערמייסטער, האט דער איד פארנומען זיין פלאץ.

אין דעם הויז פלעג איך אין מיין יוגענד אפט אריינקומען, ווייל דעם בירגערמייסטער'ס מיזיניק איז געווען מיין חבר. איך פלעג ניט איינמאל הערען ווי מיין חבר האט זיך געקריגט מיט זיין טאטען צוליב פאליטישע פראגען. מיין חבר איז געווען געגען זיין טאטענ'ס פאליטיק צו שטיצען די פוילישע קאנדידאטען ביי די וואהלען. ער האט געהאלטען, אז אידען דארפען האבען אייגענע קאנדידאטען.

דער אלטער בירגערמייסטער פלעגט אנקוועלען פון די ארגומענטען פון זיין זוהן, כאטש ער איז ניט געווען איינשטימיג מיט איהם. „אבי ער גיט גוטע ארגומענטען, מעג ער אפילו ניט זיין גערעכט", פלעגט ער זאגען וועגען זיין זוהן.

ער אליין איז געווען איינער פון די בעסטע רעדנער אין פויליש און אין אוקראיניש, כאטש ער האט אויף די שפראכען ניט געקענט אפילו לייענען.

ווען ער האט זיך אוועקגעשטעלט מיט זיינע לאנגע פאות און לאנגער בארד בעת די וואהלען און געהאלטען א רעדע אין פויליש, אז מען דארף ערוועהלען א פוילישען פריץ, פלעגט ער באוואונדערט ווערען אפילו פון זיינע געגנער, צוליב זיין גרויסער רעדנער קראפט.

זיין זוהן, אַ יונגער סטודענט, פֿלעגט אין דעמזעלבען שטע־טעל רעדען געגען די קאַנדידאַטען פֿון זיין פֿאַטער.

דער אַלטער פֿאַטער פֿלעגט זיך נאָכפֿרעגען, צי זיין זוהן האָט גוט גערעדט.

איך שטעה איצט לעבען דעם בירגערמייסטער׳ס הויז, וואָס זעהט אויס פֿאַרוויינט גליך מיט די אַנדערע סקאַלאַ׳ר הייזער. עס וואוינען איצט דאָרט גאַנץ פֿרעמדע מענשען וואָס איך קען ניט. דער בירגערמייסטער איז שוין לאַנג טויט. זיין זוהן, וואָס האָט געקעמפֿט געגען זיין טאַטען, איז שוין אויך לאַנג טויט. ער איז געפֿאַלען וועהרענד דער וועלט־מלחמה אויפֿ׳ן איטאַליענישען שלאַכטפֿעלד. ער ליגט איצט אין אַ קבר צוזאַמען מיט פֿילע סאָל־דאַטען וואָס האָבען געקעמפֿט פֿאַר עסטרייך און זיין שטעטעל איז איצט אַ טייל פֿון דעם „באַפֿרייטען" פּוילען.

מיין חבר דערצעהלט מיר, ווי אַזוי מען בענקט דאָ נאָך די צייטען ווען גאַליציע איז געווען אַ טייל פֿון עסטרייך. מען בענקט נאָך פֿראַנץ יאָזעף׳ן און מען בענקט נאָך דעם אידישען בירגער־מייסטער.

— נאָך דעם אידישען בירגערמייסטער בענקט מען? — פֿרעגט איך איהם איבער. — מען פֿלעגט דאָך אין מיינע צייטען אַזוי פֿיל רעדען געגען איהם.

— ווען האָט ער דען שלעכטס געטאָן? — זאָגט מיין חבר. — ער פֿלעגט רעדען מען זאָל שטימען פֿאַר פּוילישע פּריצים. האָט מען איהם סיי ווי ניט געפֿאָלגט. ער פֿלעגט צווינגען מען זאָל פֿאָהרען צום וויזשניצער רבי׳ן, אַנשטאָט צום טשאָרטקאָווער. איז וואָס איז דאָס געווען פֿאַר אַ חילוק דער רבי צו יענער רבי, אַבי אַ רבי.

— אָבער דאָך, — זאָג איך, — האָט מען דאָך מענשען גע־צוואונגען.

— ער האָט ניט געצוואונגען, — זאָגט מיין חבר, — מיר זיינען געווען יונג און היציג, האָבען מיר אַ סך זאַכען איבער־טריבען געגען איהם. ער האָט געגלויבט, אַז דורכ׳ן וויזשניצער רבי׳ן קענען אידען שנעלער געהאָלפֿען ווערען, ווי דורכ׳ן טשאָרט־קאָווער רבי׳ן, האָט ער אויסגעאיבט זיין איינפֿלוס פֿאַר וויזשניצע.

— און ווי איז עפּעס היינט מיט חסידים דאָ?

— זעהר שוואַכע חסידים, — זאָגט מיין יוגענד־פריינד זיך גלעטענדיג זיין ברייטע באָרד.

— וואָס איז געשעהן מיט די חסידים? — פרעג איך איהם.

— אז עס איז ניטאָ קיין רבי׳ס, טאָ ווי קען זיין חסידים?

— וואו זיינען אהינגעקומען די רבי׳ס? — פרעג איך איהם.

— קיינער וויל איצט ניט זיין קיין רבי, — ערקלערט ער מיר — ווייל זיי ווייסען, אז ווען זיי וועלען דאָ ווינשען פּרנסה, וועט עס ניט מקוים ווערען.

דער אַמאָליגער
בירגערמייסטער
און זיין זוהן

וואָלף איציק פרייפעלדער און זיין זוהן הירשל

אַמעריקע איז איהם ניט געפעלען

משה דער שטאַרקער. — אפילו די אַמעריקאַנער פערד זיינען ביי איהם קיין פערד ניט. — איצט וואָלט איהם אַמעריקע שוין געפעלען

ווען איך בין געזעסען אין דעם זאַגענאַנטען האָטעל פון מיין שטעטעל, א מידער פון אויסהערען געשיכטעס פון נויט און אומגליק, איז אריינגעקומען אן אַלטער מאַן, שרעקליך אָרעם געקליידעט, און געזאָגט מיט א שמייכעל:

„דו דערקענסט מיך?"

איך האָב לאַנג געקוקט אויף איהם און געזאָגט:

„מיר טוט לייד, איך דערקען אייך ניט."

„דו דאַרפסט מיך קענען", זאָגט ער.

איך קוק ווידער. איך דערקען איהם אַלץ ניט.

„מיין נאָמען איז משה, משה דער שטאַרקער".

„משה דער שטאַרקער?!" — פאַרוואונדער איך זיך.

איך האָב איהם אמאָל גוט געקענט. ווער אין שטעטעל האָט איהם דען ניט געקענט? אָבער זיין אויסזעהן איז אזוי געענדערט, אז מען זעהט בלויז א שפּור פון דעם אמאָליגען משה.

ער האָט אמאָל געשפּילט א גרויסע ראָלע דורך זיין שטאַרקייט, דורך קענען געבען א גוטען קלאַפּ. וואו ס'איז געווען א געשלעג אין שטעטעל איז ער געווען פאַרמישט. אָהן איהם האָט קיין געשלעג ניט געקענט זיין, און געשלעגען זיינען אָפט פאָרגעקומען.

מען האָט אימער געפונען וועגען וואָס זיך צו שלאָגען. מען האָט זיך למשל געשלאָגען וועגען א שוחט. עס זיינען געווען פאַרשידענערליי חסידים און יעדער טייל חסידים האָט געוואָלט האָבען זיינעם א שוחט. רבנים זיינען געווען צוויי, איינער א טשאָרטקאָווער חסיד און איינער א וויזשניצער חסיד, ווייל די טשאָרטקאָווער

חסידים און די וויזשניצער זיינען געווען די גרעסטע אין צאָהל. אָבער עס זיינען אויך געווען אַנדערע חסידים, און זיי האָבען גע־וואָלט אויב ניט זייערען אַ רב, איז כאָטש אַ שוחט. מאַנכע האָ־בען אָבער געדענקט, אַז דאָס שטעטעל האָט גענוג שוחטים. עס זיינען שוין געווען זעקס, און עס איז ניטאָ גענוג עופות פאַר נאָך שוחטים. האָט מען זיך געקריגט און אויסגעדריקט די מיינונגען דורך קלעפּ.

מען האָט זיך אַלע יאָהר געשלאָגען איבער אַ גבאי אין שוהל. עס זיינען אימער געווען צוויי צדדים און יעדער האָט אימער גע־וואָלט אַן אַנדערען פאַר אַ גבאי. אזוי ווי צוויי גבאים האָבען ניט געקענט זיין, און אזוי ווי פון דעמאָקראַטיע, פון וואהלען, האָבען זיי ניט געוואוסט, האָט מען זיך געשלאָגען, און ווער ס'האָט געהאַט משה'ן אויף זיין זייט, האָט געזיגט.

מען קען זיך פאָרשטעלען וואָס פאַר אַ וויכטיגע ראָלע משה האָט געשפּילט. יעדער צד האָט געוואָלט קריגען משה'ן. אָבער דאָס איז ניט געווען אזוי לייכט.

מען פלעגט אמאָל אָנפּאַטשען אַן עסטרייכישען זשאַנדאַר, ווייל ער איז געווען שטרענג און געוואָלט צווינגען דורכצופיהרען אַן עסטרייכישען געזעץ, אַז זונטאָג זאָלען אידען האַלטען פאַר־מאַכט די געשעפטען. אידען האָבען אונטער קיין פאַל זיך ניט געוואָלט אונטערגעבען צו אַזאַ געזעץ. זיי האָבען געהאַלטען, אַז ס'איז אַ חילול השם צו מאַכען פון אַ זונטאָג אַ יום־טוב. די עסטרייכישע זשאַנדארען האָבען שוין געוואוסט, אַז מען דאַרף זיך וועגען דעם מאַכען ניט זעהענדיג. אָבער אמאָל, אַז עס איז געקומען אַ נייער זשאַנדאַר, אַ נאַאיווער, און ניט געוואוסט פון די אָרטיגע מנהגים און געפאָדערט, אַז מען זאָל אָבהיטען דעם זונטאָג־געזעץ, פלעגט איהם משה אָנפּאַטשען, און דער אידישער בירגער־מייסטער האָט דערנאָך גע'פועל'ט ביי די באַאמטע, אַז מ'זאָל דעם זשאַנדאַר אַוועקנעהמען פון שטעטעל, אויפ'ן גרונד וואָס ער ווייס ניט ווי צו האַלטען אָרדנונג. ער שלאָגט זיך מיט די בירגער.

עס זיינען אויך געווען אַנדערע סאָרטען געשלעגען, נאָר איך געדענק שוין ניט גענוי צוליב וואָס מען האָט זיך געפּאַטשט. איך

בין דאַן געווען נאָך זעהר יונג. וואָס איך געדענק, איז בלויז, אַז משה האָט דאָרט פיגורירט.

פּרנסה האָט משה געהאַט. ער איז געווען אָנגעשטעלט ביים בירגערמייסטער אַלס אַ נאַמן (פּארטרויאונגסמאַן) אין איינעם פון זיינע געשעפטען, און ווער ס'האָט געארבייט פאַר'ן בירגערמייס־טער האָט געמאַכט אַ לעבען. דער בירגערמייסטער איז געווען אַ מענש וואָס האָט געשטרעבט נאָך מאַכט. נצחון איז ביי איהם געווען דאָס וויכטיגסטע אין זיין לעבען. געלד אָבער האָט ביי איהם קיין ראָלע ניט געשפּילט. ווער ס'איז געווען מיט איהם איז געווען פאַרזאָרגט.

פאַר שלאָגען זיך האָט משה קיינמאָל קיין געלד ניט גענו־מען. מען האָט איהם ניט געקענט קויפען. ער האָט זיך געשלאָגען בלויז פאַר זיינע פּרינציפּען און איבערציינגונגען. אָפט האָט ער זיך אפילו געשלאָגען געגען אַ צד וואָס האָט געהאַלטען מיט זיין בעל הבית, דעם אידישען בירגערמייסטער.

פאַר דער וועלט־מלחמה איז משה געפאָהרען קיין אַמעריקע. איהם איז אַמעריקע ניט געפעלען און ער איז באַלד צוריקגע־פאָהרען און איז צוריקגעקומען מיט אַ שלעכטע מיינונג וועגען אַמעריקע.

„ס'איז גאָר קיין לאַנד ניט", האָט ער באַריכטעט. „שטעלט אייך פאָר, איך געה ארוים אין גאַס און קיינער קען מיך ניט. עס איז ניט צוגעקומען קיין איין מענש צו זאָגען: „וואָס מאַכסטו, משה?"

אפילו די פערד אין אַמעריקע זיינען איהם ניט געפעלען, האָט מען מיר דערצעהלט. ער האָט אַ קורצע צייט געארבייט אין אַן אַמעריקאַנער שטאַהל פאַר פערד. ער האָט ליב געהאַט פערד אין זיין שטעטעל. אָבער די פערד, האָט ער געזאָגט, ווערען אין אַמע־ריקע פּונקט אַזוי שלעכט באַהאַנדעלט ווי די מענשען. זיי טראָ־גען בלויז שווערע משא. זיי זיינען ניט אויף פרישע לופט, זיי זעהען ניט די ליכטיגע וועלט פאַר זיך. אַ פערדעל, אין סקאַלאַ, אַז עס פלעגט אַ פאָר טאָן קיין טשאָרטקאָוו צום רבי'ן, פלעגט עס דאָך דורכפאָהרען פעלדער, וועלדער, פלעגט הערען חסידישע נגונים. ווען מען פלעגט אויפ'ן וועג אָראָבשטייגען צו טרינקען

ביער, האָט מען דעם פערד דערווייל געגעבען צו עסען האָבער.

אין אַמעריקע אָבער, האָט ער געזאָגט, זיינען די פערד מיט די מענשען פרעמד. זיי קענען זיך ניט. אין שטעטעל האָט יעדער מענש געקענט יעדעם פערדעל און יעדעם פערדעל האָט געקענט יעדען מענש. אין אַמעריקע קענען ניט די פערד די מענשען און ניט די מענשען די פערד. און די מענשען אליין קענען זיך אויך ניט.

אזא לעבען האָט משה'ן ניט געקענט געפעלען.

אויך דאָס שלאָגען זיך אין אַמעריקע איז משה'ן שוין גאָר ניט געפעלען. ער האָט געהערט, אַז מען שלאָגט זיך דאָ עפּעס אויף א מאָדנעם אופן. מען שלאָגט זיך אין ראַונדס. מען רוהט זיך אַלע פּאָר מינוט אוים און דערנאָך שלאָגט מען זיך ווידער. און מען שלאָגט זיך בלויז א געוויסע צייט, דאַן הערט אויף דאָס געשלעג און דער זיגער איז דער וואָס האָט געגעבען מעהר קלעפּ. ער האַלט ניט פון אזא סאָרט געשלעג. מען דאַרף זיך שלאָגען ביז מען זיגט, ביז יענער אַנטלויפט אָדער ליגט מיט אָפּגעהאַקטע זייטען. איבערהויפּט איז איהם ניט געפעלען וואָס די אַמעריקאַנער פּרייז-פייטערס שלאָגען זיך צוליב קריגען געלד. פאַר איהם איז שלאָגען זיך געווען א כבוד זאַך. ער האָט זיך געשלאָגען צוליב א רב, צוליב א שוחט, צוליב איבערצייגונגען. אָבער צוליב געלד? — פע!!

ווען ער איז צוריקגעקומען אין שטעטעל, האָט ער געשאָטען פּעך און שוועבעל אויף אַמעריקע. אַלץ איז דאָרט פאַר געלד, האָט ער געזאָגט. מען פאַרקויפט די נשמה פאַר געלד. מען שלאָגט זיך אפילו פאַר געלד.

איצט שטעהט ער פאַר מיר, דער אמאָליגער גבור, אָנגעטאָן אין טראַנטעס, כמעט באָרוועס, זיינע נאַקעטע פינגער ווייזען זיך ארוים פון די צוריסענע שיך.

איך זעה פאַר זיך א חרוב געוואָרענע וועלט.

ער געדענקט מיך גוט, ווייל איך בין געווען א חבר פון הערשלען, דעם בירגערמייסטער'ס זוהנ'דעל, ועמען ער פלעגט אָפט אָבפיהרען אין חדר.

„אי", זאָגט ער, „ניטאָ הערשעל! ווען הערשעל וואָלט גע-

לעבט, וואָלט איך ניט געגאַנגען באָרוועס. אי איז דאָס געווען א הערשעל !!״

ער האָט זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך דעם אידישען ביר־גערמייסטער מיט זיין זוהן, וואָס זיינען שוין ביידע טויט, און מיר אויסגערעכענט א סך פון זייערע מעלות.

ער איז דאַן אריבער צו דער טעמע פון אמעריקע.

„דו ווייסט, אז איך בין געווען אין אמעריקע?״ — זאָגט ער צו מיר.

„איך ווייס״.

„און מיר איז דאָך אמעריקע ניט געפעלען״.

„איך האָב געהערט וועגען דעם״, זאָג איך איהם. „איך האָב אפילו געהערט, אז די אמעריקאַנער פערד זיינען אייך ניט געפעלען״.

„אמת״, זאָגט ער, „איך האָב זעהר רחמנות געהאט אויף די אמעריקאַנער פערד, ווייל דאַמאָלסט איז אונזערע פערד געווען זעהר גוט. אָבער היינט, ווען מען טוט א קוק אויף אונזערען א פערד, רייסט דאָס הארץ. די יונגע פערד זיינען שוין אַלט, האָבען ניט קיין כח א שפּאַן צו טאָן, ווייל מען גיט זיי ניט צו עסען. וועגען האָבער איז אָפּגערעדט. וועלכער פערד קריגט היינט האָ־בער? סיידען עס ווערט געבוירען ביי א גראַף.

„אי, אמאָליגע צייטען, אז מען פלעגט א פאָר טאָן מיט אונ־זערען א פערדעל, איז עס דאָך געלאָפען א סך שנעלער ווי אונזער באהן, און ס'האָט דאָך עפּעס געפיהרט מענשען וואָס ס'איז זיי געגאַנגען גוט, וואָס עס איז זיי געווען פרעהליך אויפ'ן הארצען. וועמען פיהרט היינט דען א פערדעל? אַן אָרימאַן וואָס פאָהרט אויף א יאריד און איז א גרויסער בעל חוב״.

ער וואָלט נאָך ווייטער אזוי גערעדט וועגען דער שלעכטער לאַגע פון פערד, ווען איך וואָלט איהם ניט איבערגעשלאָגען און איהם ארויפגעפיהרט אויף אַן אַנדער טעמע. איך האָב איהם דער־מאָנט אָן די געשלעגען, וואו ער האָט געשפּילט א ראָלע.

„געדענקסט״, זאָגט ער, „ווי איך פלעג געהן איבער'ן נאָס מיט א שטעקען. אָהן א שטעקען בין איך ניט געגאַנגען, און דער שטעקען האָט געהאט אַן אייזערנעם קאָפּ, וואָס, אז מען האָט פון

איהם געקראָגען אַ זעץ, האָט מען זיך געקענט זעהן מיט דער באָבען. אָבער איך האָב זיך קיינמאָל ניט געשלאָגען מיט׳ן שטע־קען. אז ס׳איז געקומען צו אַ געשלעג האָב איך אוועקגעוואָרפען דעם שטעקען און זיך געשלאָגען מיט די הענד. דעם שטעקען האָב איך געטראָגען בלויז פאַר אַ גויטפאַל, טאָמער באַפאַלט מען מיר".

„און איצט שלאָגט מען זיך דאָ ניט אין שטעטעל?" — פרעג איך איהם.

„ניין", האָט ער געענטפערט. „אַז אידען איז געגאַנגען גוט, האָט מען זיך אַביסעל געשלאָגען. אָבער אַז עס געהט אַזוי שלעכט, איז וועמען ליגט עס אין קאָפּ זיך צו שלאָגען?"

„אָבער עולות זיינען דאָ פאַראַן?" — פרעג איך.

ער האָט אַביסעל נאָכגעטראַכט און געזאָגט: „פאַראַן, פאַ־ראַן. אָט למשל, איז ביי אונז אין שטעטעל איצט דאָ בלויז איין רב און אויך דער איז נאָך אַ בחור. האָסט שוין געהערט אַ רב אַ בחור?"

„פאַרוואָס ניט?"—ענטפער איך איהם. „אָט איז דער ענגלי־שער קעניג געוועזן אַ בחור".

„איז דאָס אויך אַן עולה", זאָגט ער. „נאָר וועגען ענגלישען קעניג איז ניט מיין זאָרג. זאָלען זיך די גוים זאָרגען. אָבער אַ רב אין מיין שטעטעל וואָלט איך געוואָלט, אַז ער זאָל האָבען אַ ווייב. אַמאָליגע צייטען וואָלט איך וועגען דעם ניט געשוויגען, נאָר היינט שווייגט מען וועגען אַלעס. מיר האָבען זיך אויסגעלערענט שווייגען. ווען גוים וואָלטען אַמאָל דאָס געטאָן צו אונז, וואָס זיי טוען היינט, וואָלטען מיר זיי דען געשוויגען? ווי אַלט איך בין, וואָלט איך זיי נאָך היינט ניט געשוויגען."

ער האָט, זאָגענדיג דאָס, זיך אויפגעשטעלט, ווי געוואָלט באַווייזען, אַז ער איז נאָך שטאַרק, נאָר ער האָט זיך באַלד צו־ריקגעזעצט, דערפיהלענדיג הפנים, אַז ס׳איז בלויז גערעדט, אַז עס איז איהם אפילו שווער צו שטעהן אויף די פיס.

„טוט אייך ניט באַנג פאַרוואָס איהר זייט אוועקגעפאָהרען פון אַמעריקע?"

ער איז געבליבען זיצען א ווײלע א טרויעריגער, און גע־זאָגט:

„איך האָב ניט ליב וועגען דעם צו רעדען. ס'איז דאָך שוין פארפאלען".

איך האָב געזעהן, אז איך האָב איהם מיט דער פראגע שטארק געטראָפען און איך האָב געוואָלט איבערגעהן צו אן אנ־דער טעמע. אָבער ער האָט ווייטער פאָרטגעזעצט:

„אנדערע זיינען ברוגז וואָס אמעריקע האָט פארמאכט די טויערען און לאָזט אונז מעהר ניט אריין. איך קען צו אמעריקע ניט האָבען קיין טענות. איך בין דאָרט געוועזען און בין פון דאָרט אנטלאָפען און גערעדט געגען איהר. איך האָב אמעריקע באליי־דיגט. זי האָט א רעכט מיך ניט אריינצולאָזען".

איך האָב געזעהן, אז די פראגע טוט איהם שטארק וועה און געוואָלט רעדען וועגען עפּעס אנדערש. אָבער ער האָט ניט גע־לאָזען און ווייטער גערעדט:

„איך בין געקומען קיין אמעריקע פון עסטרייך, ניט פון פוילען, דערפאר איז מיר אמעריקע ניט געפעלען. אָבער איצט בין איך אין פוילען, איצט וואָלט מיר אמעריקע געפעלען".

ער איז איינער פון פילע גאליציאנער וואָס זיינען געלאָפען צוריק אהיים. אמעריקע איז זיי ניט געפעלען. דאמאָלסט איז אָבער גאליציע געוועזען א טייל פון עסטרייך, איצט איז עס פוילען. איצט וואָלט זיי שוין אמעריקע געפעלען. זיי וואָלטען צוריקגע־לאָפען קיין אמעריקע. עס איז אָבער שוין צו שפּעט. די טויערען זיינען פארהאקט.

ביים פּאָסט־אָפיס

ווי אידען וואַרטען אויף בריף. — דער היינטיגער בריף־טרעגער

דעם ערשטען טאָג, וואָס איך האָב פארבראכט אין מיין שטעטעל האָב איך געברענט פון נייגעריגקייט צו געהן צו דער פּאָסט אין דער צייט ווען דער בריף־טרעגער געהט ארויס פון דאָרט מיט בריף.

דאָס בילד פון אמאָל ווי אזוי אידען פלעגען שטעהן ביי דער פּאָסט און וואַרטען אויפ'ן בריף־טרעגער איז קיינמאָל ניט ארויס פון מיין זכרון. איך זעה עס ווי עס וואָלט איצט פּאַרגעקומען.

מען פלעגט אהין קומען נאָך מיט א שטונדע פריהער איידער דער בריף־טרעגער איז ארויסגעקומען, אום מען זאָל האָבען צייט צו שמועסען.

ווער פלעגט דען אהין ניט קומען? אויל־פאבריקאנטען (עס זיינען דאמאָלסט געווען אויל־פאבריקאנטען אין שטעדטעל); אייגענטימער פון שניט־קראָמען, סוחרים; אידידמס אויף קעסט, וואָס האָבען געהאט א סך צייט און זיינען געווען זיכער, אז זיי וועלען ניט צוריקגעהן מיט לעדיגען, ווייל זיי זיינען געווען אבאָנענ־טען פון א טעגליכער דייטשער צייטונג, די „וויענער נייע פרייע פּרעסע", אָדער „דאָס וויענער טאַגעבלאַט"; בחורים, ציוניסטען, וואָס האָבען ערוואַרט ציוניסטישע בלעטער אָדער העברעאישע ספרים'לאך, און סאָציאַליסטען, וועלכע האָבען ערוואַרט א סאָ־ציאַליסטישע צייטונג.

אפילו איך, וואָס בין נאָך געווען גאָר א יונגער בחור, האָב שוין אויך געקראָגען פּאָסט. איך פלעג באַשטעלען קאטאַלאָגען פון ביכער און פּראָבע־נומערען פון צייטונגען (צייטונגען, דייטשע און העברעאישע, פלעגען שיקען אומזיסט איין נומער אַלס פּראָבע).

אָבער ניט בלויז אום אָפּצונעהמען צייטונגען אָדער בריף



דער פּאָסט־אָפּיס און אידען וואָס וואַרטען אויף דער פּאָסט

איז מען אהין געקומען. דאָרטען איז געווען דער צוזאַמענקונפט פון אַלע ריכטונגער און פּאַרטייען פון שטעטעל.

פאַר די סוחרים איז דאָרט געווען אַ מין בערזע און פאַר די ציוניסטישע בחורים, משכילים און איידעמס אויף קעסט איז דאָס געווען אַ קאַמף־פּלאַץ, וואו מען האָט געקעמפט פאַר מיינונגען.

לאַנגווייליג איז דאָרט קיינמאָל ניט געווען. די גרעסטע שלאַכטען זיינען דאָרט פאָרגעקומען צוליב פּאַלעסטינע. ציוניסטישע בחורים האָבען געקעמפט מיט גאַנצע לייט־אַרטיקלען (עדיטאָריעלס), וואָס זיי האָבען אויסגעלערענט פון ציוניסטישע צייטונגען.

די געגנער פון די ציוניסטען האָבען געהאַט איינעם, אַן איידים אויף קעסט, וואָס פלעגט געגען די ציוניסטישע בחורים קעמפען מיט וויצען. ער האָט געקענט זאָגען וויצען. ער פלעגט, למשל, אַ זאָג טאָן אַ וויץ וועגען דעם, וואָס מען זינגט „עוד לא אבדה”, פלעגט עס ארויסרופען אַ שטאַרקען געלעכטער, און די בחורים פלעגען אַ ווילע בלייבען אָהן לשון. זיי האָבען ניט געהאַט קיין איינעם, וואָס זאָל קענען צוריק ענטפערען מיט אַ וויץ אויפ׳ן פּלאַץ. זיי פלעגען דאָס צווייטע מאָל דערפאַר שוין קומען בעסער באַוואָפענט געגען יענעם געגנער. זיי פלעגען מיט זיך ברענגען איינעם אַ בחור, דער זוהן פון אַ שוחט, וואָס האָט געשריבען קאָרעספּאָנדענציעס און אַרטיקלען אין העברעאישע צייטונגען. קיין וויצלער, ווי יענער משכיל, איז ער ניט געווען. אָבער ער איז געווען שנעל און שאַרף. איידער יענער איז ארויסגעקומען מיט אַ וויץ, איז ער איהם מיט אַ ווערטעל אריינגעפאָהרען אין דער זיבעטער ריפּ. יענער האָט געהאַט אַ שוואַכקייט. ער האָט זיך שנעל באַליידיגט און איז דאַן געוואָרען ערנסט, און רעדען ערנסט האָט דעם שוחט׳ס בחור בעסער געקענט.

וועגען סאָציאַליזם האָט מען נאָך דאַמאָלסט זיך ניט געקריגט. עס זיינען געווען עטליכע סאָציאַליסטען, אָבער זיי אַליין האָבען נאָך ניט געוואוסט ריכטיג וואָס דאָס איז. זיי האָבען געוואָלט קריגען אַ סאָציאַליסטישען רעדנער, וואָס זאָל דאָס ריכטיג ערקלערען. די ציוניסטען האָבען זיי פאַרשפּראָכען זייער זאָל

פאר'ן רעדנער. אין אנדערע שטעדט האָבען ציוניסטען און סאָציאַליסטען זיך שוין דאמאָלסט געפּאַטשט וועגען זייערע פאַרשיידענהייטס־מיינונגען. אָבער דאָ איז צווישען זיי געווען שלום ושלוה. די ציוניסטען זיינען אליין געווען זעהר נייגעריג צו הערען אַ סאָציאַליסטישען רעדנער. אָבער אין מיין צייט איז דאָס געווען שווער דורכצופיהרען. מען האָט איהם געדאַרפט ברענגען פון לעמבערג און שיקען אויף הוצאות, און די עטליכע סאָציאַליסטישע אָנהענגער האָבען דאָס ניט געקענט דורכפיהרען.

צוויי מאָל אַ טאָג, אינדערפריה און בייטאָג, פלעגען אַזעלכע פּאַרטיי־פאַרזאַמלונגען פאָרקומען ביי דער פּאָסט ביז דער בריף־טרעגער איז ארויסגעקומען און איבערגעשלאָגען די דעבאַטען.

דער בריף-טרעגער, אָפּט אַ אידישער און אַמאָל אויך אַ פּויר־לישער, איז געווען זעהר באַפריינדעט מיט אַלעמען. ער פלעגט ארויסקומען מיט אַ פּאַק בריף, וואָס איז איהם געווען שווער צו טראָגען. ער איז געווען זעהר דאנקבאר, וואָס ביי דער פּאָסט האָט מען שוין ביי איהם אַ העלפט בריף אוועקגענומען. ער פלעגט זיי לאָזען די בריף אליין איבערקוקען. מאַנכע פלעגען ביי איהם אפילו איבערלאָזען די פרעמדע פּאָסטעל־קאַרטלאַך.

איך האָב דאָס אַלס גוט געדענקט און דערפאַר האָט מיך אַזוי געצויגען צו געהן איצט צו דער פּאָסט צו זעהן וואָס קומט איצט דאָרט פאָר.

מיר איז דעם ערשטען פריהמאָרגען ניט געלונגען צו געהן צו דער פּאָסט, ווייל פילע פריינד זיינען געקומען צו מיר און מיך אָפּגעהאַלטען. בייטאָג אָבער האָב איך, ווי מיט געוואַלד, זיך אוועקגעריסען פון אַלעמען און אוועק צו דער פּאָסט.

איך בין געגאַנגען אין באַגלייטונג פון מיין קאַזין קלמן (ער האָט מיך אליין ניט געלאָזען געהן) און נאָך אַ פּאָר פריינד. איך האָב זיי ניט געזאָגט פארוואָס איך רייס זיך אַזוי אַהין. זיי האָבען געמיינט, אַז איך וויל זעהן די געביידע פון פּאָסט אָפּיס און מיר געזאָגט, אַז ס'איז ניטאָ וואָס צו זעהן.

איך בין ענדליך ביי דער פּאָסט. די געביידע אינטערעסירט מיך ניט. ס'איז כמעט עהנליך ווי אַמאָל, נאָר מיר דוכט זיך, אַז איצט איז עס קלענער (אַלע הייזער זעהען ביי מיר איצט אויס

קלענער ווי אמאָל). איך זעה ניט אַ מענשען שטעהן.

איך קוק אין אַלע זייטען.

— וואָס קוקסטו? — פרעגט מען מיך.

— איך זוך די מענשען, וואָס קומען אָפּנעהמען די בריף, — זאָג איך.

אַלע קוקען מיך אָן פארוואונדערט.

— צו וואָס דארף מען לויפען אהער אָפּנעהמען בריף? — פרעגט מען מיך.

— פארוואָס ניט? — פרעג איך.

— עס איז נאָך פריה, — זאָגט מיר איינער. — דער בריף־טרעגער וועט ערשט ארויסקומען אין אַ פופצעהן מינוט ארום.

איינער פרעגט מיך, צי איך וויל אריינגעהן אין פּאָסט־אָפּיס זעהן ווי ס'זעהט אויס.

— ניין, — ענטפער איך איהם. — איך וויל שטעהן אין דרויסען. איך וויל זעהן ווי עס זעהט אויס, ווען דער בריף־טרעגער געהט ארויס.

— איך פארזיכער דיר, אז עס איז ניטאָ וואָס צו זעהן, — זאָגט מיר מיין פריינד.

איך פיהל ביי מיר אָבער, אז ער איז ניט גערעכט. פאר מיר איז יאָ דאָ וואָס צו זעהן.

עטליכע אידען זיינען אָנגעקומען. אַלע געהען אָנגעטאָן שרעקליך אָפּגעריסען. זיי שטעלען זיך פאר מיר פּאָר. ווען איך ווער געוואָר ווער זיי זיינען ווערט מיר דאָס הארץ צוריסען.

איין איד, מיט אַ גרויער באָרד, לויפט. ער לויפט גלייך צו מיר.

— מען האָט מיר געזאָגט, אז דו ביסט געגאנגען צו דער פּאָסט, בין איך געלאָפען אהער, — זאָגט ער מיר.

איך קוק אויף איהם און זיין גרויע באָרד. איך הויב ניט אָן צו וויסען ווער ער איז.

— דאָס בין איך, נחמן־משה, — זאָגט ער.

איך דערמאָן זיך באַלד. דאָס איז ער, וואָס האָט אמאָל געקראָגען אַ פּאַטש ביי דער פּאָסט פאר באַליידיגען אַ אידען, וואָס איז געווען געגען די ציוניסטען.

— איך געדענק אייך גאנץ גוט, — זאָג איך צו איהם. — איך געדענק אפילו, ווי איהר האָט געכאפּט אַ פּאַטש ביי דער פּאָסט.

— אָבער וואָס זאָגסטו מיר איהר? — פרעגט ער.

— ווי אזוי קען מען זאָגען „דו" צו אַ גרויע באָרד? — פרעג איך.

— ווען דו וואָלסט געוועזן ביז איצט דאָ אין שטעטעל, וואָלסטו אויך געהאט אַ גרויע באָרד, — זאָגט ער מיר.

— און ווי איז עפּעס וועגען פּעטש? מען כאפּט נאָך היינט אויך פּעטש ביי דער פּאָסט? — פרעג איך.

— ניטאָ מעהר יענע צייטען, — זאָגט ער, — און ניטאָ מעהר ווער עס זאָל געבען פּעטש, און ס'איז ניטאָ פאַר וואָס. מיר זיינען אַלע ציוניסטען, אז מיר וואָלטען אַלע ביי דער ערשטער מעגליכקייט אהין אוועקגעפאָהרען.

— און וואָס איז וועגען די פּאָגראָמען פון די אראַבער? ער האָט זיך צולאַכט.

— וואָס לאַכסטו?

— אַ גאַליציאַנער איד האָט מורא פאַר פּאָגראָמען? — האָט ער געפרעגט. — פאַרקערט, אויב די אראַבער מאַכען פּאָ־גראָמען, דאַרפען מיר ערשט פאָהרען אהין זיך שלאָגען מיט זיי.

— און וואָס איז מיט בירא־בידזשאַן? — פרעג איך.

— וואָס־זשע, אונז פעהלט אַ נייער גלות? — האָט ער געפרעגט.

— דאָרט לייִדען דאָך ניט אידען אַלס אידען, — זאָג איך.

— איך פאַרזיכער דיר, — האָט ער געזאָגט, — אַז דו וועסט ניט געפינען קיין איד דאָ, ער מעג זיך געפינען אין דער גרעסטער נויט, ער זאָל וועלען פאָהרען קיין בירא־בידזשאַן. קיין פּאַלעסטינע ווילען אַלע פאָהרען אפילו די, וועלכע זיינען רייך. אַלע זיינען דאָ געפּאַקט צו פאָהרען קיין ארץ ישראל, אַלע.

איך בין געבליבען וועגען דעם שטעהן אביסעל פאַרטראַכט. צו וואָס־זשע אייגענטליך טומעלט מען אין ניו יאָרק אזוי פיל מיט בירא־בידזשאַן? איך האָב אויפ'ן וועג פון ניו יאָרק געטראָפען

אמעריקאנער, וואָס פאַהרען אויף באַזוך קיין בירא־בידזשאַן. אָבער פאַרוואָס האָב איך נאָך ניט געטראָפען אין פוילען אַ אידען, וואָס זאָל וועלען אַהין פאַהרען? אייגענטליך איז דאָך בירא־בידזשאַן ניט פאַר די אמעריקאנער, נאָר פאַר די פוילישע אידען.

ווערענד איך האָב זיך וועגען דעם פאַרטראַכט, איז דער בריף־טרעגער ארויסגעקומען.

ער האָט מיט זיך געהאַט אַ פעקעל פון עטליכע בריף. ער האָט זיך ניט אָפּגעשטעלט, נאָר איז מיט די בריף אַנטלאָפען. די אידען זיינען איהם נאָכגעלאָפען.

איך בין געבליבען שטעהן און געקוקט אויף דעם בילד. ערשטענס, וויפיל בריף, מ'שטיינס געזאָגט, דער בריף־טרעגער האָט פאַר דעם גאַנצען שטעטעל; צווייטענס, דאָס גדלות פון דעם פוילישען בריף־טרעגער. עס שטעהט איהם ניט אָן זיך אָפּצושטעלען און זאָגען די פּאָר אידען, צי ער האָט פאַר זיי אַ בריף, צי ניט.

אַז אַ בריף-טרעגער וואָלט אין מיינע צייטען דאָ אַנטלאָפען מיט די בריף, וואָלט מען איהם צוריסען. ער וואָלט עס ניט געוואַגט.

די אידען זיינען צוריקגעקומען פון בריף־טרעגער פאַרסאָפּע־טע און אָהן בריף.

— איך בין אומזיסט געלאָפען, — זאָגט איינער. — איך האָב ערוואַרט אַ בריף פון מיינעם אַ קרוב אין אַמעריקע. אַז מען שרייבט ניט, קומט ניט אָן.

— איך האָב געוואוסט, אַז איך וועל גאָרניט קריגען, — זאָגט מיר אַ צווייטער. — מיר שרייבען שוין ניט מיינע קרובים פון אַמעריקע זייט יאָהרען, אינגאַנצען פאַרגעסען אָן מיר. פונ־דעסטוועגען גייט איך אַהער יעדען טאָג צו דער פּאָסט. אפשר האָט זיך איינער דערמאָנט אָן מיר, אפשר. אַז איך האָב ניט קיין אַנדער האָפנונג.

— און איך זאָג אייך, — רופט זיך אָן אַ דריטער, אַז ווען זיי וואָלטען דאַרטען געוואוסט, ווי וויכטיג עס איז זייערער אַ בריף פאַר אונז, וואָלטען זיי אונז אָפט געשריבען. זיי ווייסען ניט.

— וואָס וואָלט איהר געהאַט פון אַ בריף? — זאָג איך —

ווען זיי שיקען געלט פארשטעה איך. אָבער וואָס איז אַ בריף.

אַ בריף איז אויך גוט, — זאָגט מיין פריינד, וואָס האָט גע־כאַפּט אַמאָל אַ פּאַטש ביי דער פּאָסט.

— וואָס איז דאָס גוט אָהן געלד? — פרעג איך.

— מען קריגט דערפאר קרעדיט, — זאָגט מיין פריינד. — איך האָב אַמאָל דורך אַ בריף פון אַ קרוב געקראָגען געלד אויף צו האַנדלען און וואָס ניט.

— אַז זיי ווייסען דאָרט ניט, וואָס אַ בריף פון אמעריקע מיינט, — ערקלערט מיר איינער.

איך בין אַזוי געגאַנגען מיט די אידען פון דער פּאָסט, און יעדער איינער האָט מיר אַגיטירט אויף אַ באַזונדערען אופן, אַז ווען איך וועל צוריקקומען קיין אמעריקע, זאָל איך זיי דאָרט ער־קלעהרען, וואָס עס מיינט אַ בריף פון זיי.

אונזער געשפּרעך איז איבערגעשלאָגען געוואָרען פון אַ פרוי, וואָס איז מיר אָקעגען געקומען, אַנגעטאָן אין שמאַטעס. זי האָט זיך פאַרגעשטעלט. איהר מאַן איז אין אמעריקע. זי הערט פון איהם ניט זייט די לעצטע עטליכע יאָהר. זי האָט דריי קינדער. זיי האָבען אַלע ניט וואָס צו עסען. זיי פריהרען פון קעלט. זי בעט, איך זאָל זעהן איהר מאַן און ווירקען אויף איהם, ער זאָל אויף איהר רחמנות האָבען. זי וויינט יאָמערליך. זי פרעגט מיך, פאַרוואָס איז איהר מאַן אַזוי האַרצלאָז. ווי אַזוי קען אַ פאָטער פאַרגעסען זיינע קינדער?

איך פאַרשרייב זיך אין ביכעלע איהר נאָמען אום זי צו באַ־רוהיגען, כאָטש איך וויים, אַז איך קען גאָרניט טאָן. איך קען איהר מאַן. ער איז ניט ביים זינען. ער איז אין אַ משוגעים־הויז.

איידער די פרוי איז אוועק, איז אַ צווייטע פרוי אָנגעקומען, אויך אָנגעטאָן אין שמאַטעס, און שרעקליך געוויינט. זי האָט אַ זוהן אין אמעריקע, און ער שרייבט איהר אפילו ניט קיין בריף.

— איך האָב זיך געצויגען דעם מאַרך, אום איהם אויפצו־ציהען. איך האָב זיך געליהען און געבאָרגט, זיך פאַר'משכונ'ט, כדי איהם צו שיקען קיין אמעריקע, אום ער זאָל ווערען אַ לייט, און ער שרייבט מיר אפילו ניט. פאַרוואָס איז ער אַזוי? מיט וואָס האָב איך אַזוי געזינדיגט, אַז מיין קינד, מיין בלוט און

פלייש זאָל אָן מיר פאַרגעסען? וואָס וואָלט איהם געאַרט, ווען ער שרייבט מיר אַ בריף? זאָל ער מיר ניט שיקען קיין געלט. איך בין איהם מוחל. איך בין שוין געוועהנט צו הונגערען. אָבער זאָל ער מיך כאָטש שרייבען, איך זאָל זיך ניט שעהמען פאַר מענשען, וואָס איך האָב אַ זוהן, וואָס שרייבט מיר ניט.

זיי בעטען פאַר מיינע קרובים

אַ געוועזענער באַנקיר דינגט זיך מיט מיר פאַר מיינער אַ קרובה

ווען איך בין געזעסען אין מיין אכסניה, ארומגערינגעלט פון מענער און פרויען וואָס האָבען מיר איבערגעגעבען גרוסען צו זייערע קרובים אין אמעריקע, איז אריינגעקומען אַן עלטערער מאַן מיט אַ בלאַס פּנים, מיט אַ קליין גרוי בערדעל, אין אַ סאַמעטענעם קאַפּעליוש, און אין אַן אָפּגעטראָגענעם לאַנגען מאַנטעל. ער האָט זיך אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל, זיך פארראויכערט אַ שטיקעל פון אַ סיגארעטעל, און איז ניט צוגעגאַנגען צו מיר.

נאָכדעם וויא איך האָב זיך אָפּגעפארטיגט מיט אַלעמען, אַלע זיינען שוין אוועק, איז ער צוגעקומען, מיר געזאָגט זיין נאָמען און מיר געגעבען שלום־עליכם.

איך האָב איהם אַמאָל גוט געקענט. ער איז געווען איינער פון די אָנגעזעהענסטע אין שטעטעל. ער איז געקומען פון אַ גרעסערער שטאָט אַלס איידים פון אַ היגען גביר. ער איז געווען אַ מיטגליד פון אַ באַנק־געשעפט אין אַ גרעסערער שטאָט. אידען, סוחרים, פלעגען דורך איהם לייהען געלט פון זיין באַנק. ער איז שוין צוליב דעם אַליין געווען חשוב. אָבער אַזוי ווייט ווי איך געדענק, האָט מען איהם געהאַלטען פאַר אַ פּראַקטישען, קלוגען מענשען, און אידען פלעגען זיך מיט איהם האַלטען עצות.

איך האָב איהם געבעטען זיצען און בין געווען זעהר פאַראינטערעסירט צו וויסען, ווי איז איצט די לאַגע פון דעם אַמאָליגען באַנקיר און וואָס ער פאַרלאַנגט פון מיר.

אָבער נאָך איידער איך האָב איהם עפּעס געפרעגט, האָט ער זיך אַליין גענומען דאָס וואָרט און גערעדט רוהיג, לאַנגזאַם, צעהלענדיג די ווערטער. ער האָט געמאַכט דעם איינדרוק פון איינעם

וואָס רעדט ניט קיין איבעריגס, אַלץ וואָס ער זאָגט איז אויסגערע־כענט און צוליב אַ געוויסען צוועק.

„איך בין געווען זעהר באַפריינדעט מיט דיין פאָטער", האָט ער אָנגעפאַנגען. „פאַר דיין טאַטען איז מיין קאַסע געווען אָפען. ער איז געווען אַ גרויסער בטוח און זעהר פּינקטליך".

ער האָט רעדענדיג געקוקט אויף מיר. אויף מיר מאַכט אימער אַן איינדרוק, ווען מען רעדט גוטעס וועגען מיין פאָטער. ער האָט עס ווארשיינליך באַמערקט און פאָרטגעזעצט:

„דיין טאַטע איז געווען אַ גוטער מענש, שוין צו אַ גוטער. ער פלעגט אָפט אונטערשרייבען וועקסלען פאַר אַנדערע און גע־מוזט באַצאָלען. איך האָב איהם אַמאָל געזאָגט: „סטייטש, דו מאַכסט זיך דאָך אומגליקליך, דו גיסט דאָך אוועק אַלעס וואָס דו פאַרמאָגסט!" ער האָט געענטפערט: „איינער האָט פאַרגע־ניגען פון האָבען געלט און איינער האָט פאַרגעניגען פון אוועק־געבען געלט, פון טאָן יענעם אַ טובה. דאָס איז מיין פאַרגעניגען".

איך האָב איהם געוואָלט עפּעס פרעגען, אָבער איך שלאָג קיינמאָל נישט איבער יענעם ווען ער לויבט מיין טאַטען. ער האָט ווייטער גערעדט:

„אַי, ווען דיין טאַטע וואָלט איצט געלעבט! ווי ער וואָלט זיך געפרעהט מיט דיר! ער פלעגט מיט מיר אָפט רעדען וועגען דיר נאָך דיין אָפּפאָהרען קיין אַמעריקע. אַז דו האָסט עפּעס אָפּגעדרוקט אין די צייטונגען און איהם צוגעשיקט, איז ער גע־ווען גליקליך. ער פלעגט עס מיר ווייזען און זאָגען: „איך האָב תמיד געפיהלט, אַז פון איהם וועט עפּעס אויסוואַקסען!"

דאָ איז אריינגעקומען אַ פרוי פרעגען וועגען אַ גרוס פון איהרען אַן אַמעריקאַנעם קרוב.

ער האָט זיך אויפגעהויבען און געזאָגט: „רעד מיט איהר. איך וועל רעדען שפּעטער."

ער האָט זיך ווידער אוועקגעשטעלט אין אַ ווינקעל, זיך פאַררויכערט אַ שטיקעל סיגאַרעטעל און געוואַרט.

איך האָב דער פרוי ערקלערט, אַז לײדער האָב איך איהר קרוב אין אַמעריקע ניט געזעהן.

זי איז געווען זעהר אונצופרידען. „ווי אַזוי זעהט ניט איין

לאנדסמאן דעם צווייטען?" האָט זי גע'טענה'ט, „ניו יאָרק איז דאָך ניט קיין וואלד."

מיר איז געווען שווער דער פרוי צו איבערצייגען, אַז ניו יאָרק איז אַ ריזיג גרויסע שטאָט, אַז מען וואוינט איינער פון צווייטען מיילען ווייט. זי האָט זיך געהאלטען ביי איהרען — אַז איך האָב געדאַרפט זעהן איהר קרוב.

דער אמאָליגער באַנקיר איז געשטאַנען אין ווינקעל און זיך ניט אריינגעמישט מיט אַ וואָרט. ער האָט מיך אליין געלאָזען פיהרען דעם קאמף מיט דער פרוי וואָס האָט זיך געבייזערט אויף מיר, פאַרוואָס איך בין געקומען אהער אָהן אַ גרוס פון איהר קרוב.

ווען זי איז אוועק, איז ער צוגעקומען, זיך אוועקגעזעצט אַקעגען מיר, פאַרקנייטשט דעם שטערען און נאָכגעדענקט.

מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז דער אמאָליגער באַנקיר איז געקומען בעטען אַ טובה ביי מיר, און ס'איז איהם שווער אַנצוהויבען. איך האָב איהם געוואָלט לייכטער מאַכען און גע־זאָגט:

„ווי געהט עס אייך?"

ער האָט געענטפערט:

„איך בין שוין געווים ניט מעהר וואָס געווען. איך האָב ניט מעהר קיין באַנק. איך קען קיינעם מעהר ניט לייהען קיין געלט, און קיינער וועט אויך מיר ניט לייהען. אָבער איך בא־קלאָג זיך קיינמאָל ניט, צי מיר איז גוט, צי שלעכט. דאָס איז מיין פריוואַטע אנגעלעגענהייט."

דאָ איז אריינגעקומען מיין קאָזין קלמן. ער האָט מיך קיינמאָל ניט געלאָזען צו לאַנג אליין.

דער אמאָליגער באַנקיר איז שטיל געבליבען.

מיין קאָזין קלמן האָט אויך געשוויגען. ער איז געשטאַנען, געקוקט מיט אָנגעשטעלטע אויערען צו הערען וואָס יענער וועט רעדען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דער אַלטער וועט אין דער אנ־וועזענהייט פון אנדערע ניט רעדען. איך האָב געבעטען מיין קאָ־זין ארויסגעהן.

ווען מיין קאַזין איז ארויס, האָט דער אלטער פאַרטגעזעצט:
„איך בין געקומען מיט אייך רעדען וועגען אייער קוזינע פייגע.

דער געוועזענער באַנקיר איז ביי מיר אין דעם מאָמענט שטאַרק אויסגעוואַקסען. ער האָט געליובט מיין טאַטען, ער האָט אַלע זיינע איינדרוקספולע ווערטער באַנוצט ניט צוליב זיך, נאָר צוליב אַן אַנדערען, צוליב מיינער אַ קרובה.

„איך וויל", האָט ער געזאָגט, „אַז איהר זאָלט וויסען, אַז אייער קוזינע איז אין דער גרעסטער נויט. איהר האָט אויך אַנ־דערע קרובים אָרעמע. אָבער איהר לאַגע איז אַמערגסטען. איהר מאַן איז אַ טייערער מענש, אַן עדעלער מענש, אַ גוטער מאַן און אַ גוטער פאָטער. ער וואָלט אַלעס געטאָן אום צו ערנעהרען זיין ווייב און קינדער. אָבער וואָס זאָל ער טאָן?"

רעדענדיג האָט ער זיך אויפגעשטעלט און געקוקט אויף מיר ווי אַן אדוואָקאַט קוקט צו דער דזשורי ווען ער פאַרטיידיגט זיי־נעם אַ קליענט.

ער האָט געזאָגט:

„זיי האָבען אַ קראָם. ווען דאָרט וואָלט געווען וואָס צו פאַרקויפען, וואָלטען זיי עפּעס פאַרדינט, אָבער שטעל דיר פאָר דעם וועהטאָג, ווען אַ קונה קומט אריין עפּעס קויפען און מ'האָט איהם ניט וואָס צו פאַרקויפען. צוויי מענשען, דיין קאַזין און קוזינע, דרעהען זיך ארום און ווארטען אויף אַ קונה. ענדליך דער קונה איז דאָ. האָבען זיי גאָר ניט פאַר איהם. צוויי מענשען דרעהען זיך אין אַ קראָם, ווילען געבען עסען זייערע קינדער און קענען ניט."

ער האָט מיך גוט באַטראַכט, צי זיינע רייד האָבען געווירקט אויף מיר, און געזאָגט:

„ענטשולדיג, איך וויל דיך קיין סך ניט פּלאָגען. איך זעה אַז דו פאַרשטעהסט אַליין. אָבער איך וויל דו זאָלסט וויסען, אַז איינס פון איהרע צוויי קינדער איז קראַנק און מ'האָט ניט פאַר קיין דאָקטאָר און פאַר קיין מעדיצין און דאָס צווייטע קינד איז אויך אַ שוואַכס. פון אַזאַ ערנעהרונג וואָס ס'קריגט וועט עס גע־ווים קראַנק ווערען."

ער האָט מיך נאָכאמאָל באטראכט און געזאָגט:

„איך ווייס, אז צופיל דארף מען וועגען אזעלכע זאכען צו דיר ניט רעדען. איך האָב געקענט דיין טאטען. אָבער דו דארפסט פארשטעהן, אז מיט בלויז א פּאָר דאָלאר וועסטו דיין קוזינע ניט העלפען. זיי וועלען עס אויפעסען אין איין וואָך. זיי וועלען באַצאָהלען א חוב און זיינען פארטיג. דו מוזט זעהן, אז זיי זאָלען האָבען סחורה צו פארקויפען אין זייער קראָם. דו פאָהרסט אוועק פון דאנען אין א לאַנד, וואו מ'האָט פרנסה און זי בלייבט דאָ אין א לאַנד, וואו מ'האָט ניט קיין פרנסה. מאָרגען וועל איך צו דיר נאָך אמאָל אריינקומען. רעכען אוים גענוי וויפיל דו ווילסט גע־בען. גיב אזוי ווי דיין טאטע וואָלט געגעבען. א גוטען טאָג!"

ער איז אוועק און איך האָב ביי מיר אין קאָפּ אויסגערעכענט מיין קאסע. זי איז זעהר שוואך, זעהר בלוט־אָרעם. ווען דער אמאָליגער באנקיר וואָלט ניט אוועק, טראכט איך, וואָלט איך איהם איבערגעגעבען מיין גאנצע קאסע זאָל ער מיר בלויז געבען אויף הוצאות צוריק און דאָס איבעריגע צוטיילען.

מיינע געדאנקען זיינען איבערגעשלאָגען געוואָרען פון דער טיר וואָס האָט זיך געעפענט און ס'איז אריינגעקומען מיינער אן אמאָליגער פריינד, א מאן מיט א רויטער געשווירענער באָרד. אָבער אָפּגעשווירענערהייט איז זי נאָך גענוג לאנג און פון ברייט איז אָפּגערעדט. ער שערט ווארשיינליך אונטער בלויז די לענג. די ברייט פון דער באָרד טשעפּעט ער ניט.

מיין אמאָליגער פריינד האָט א טבע, אז ער הויבט אָן זאָגען א זאַץ, ענדיגט ער איהם ניט. דאָס איבעריגע דארף מען זיך אליין אָנשטויסען און מ'שטויסט זיך ווירקליך אָן פון זיינע באַוועגונגען. אָבער דאָס איז בלויז ביים אָנהויב פון געשפּרעך. ווען ער צעוואָרעמט זיך אין רעדען זשאָלעוועט ער שוין ניט קיין ווערטער.

זיין ערשטע פראגע צו מיר ביים אריינקומען איז געווען:

„ער איז געווען?"

„יאָ", האָב איך געזאָגט זיך אָנשטויסענדיג, אז ער מיינט דעם געוועזענעם באנקיר.

„גערעדט וועגען איהר?"

„יאָ", האָב איך געזאָגט, זיך אַנשטויסענדיק, אַז ער מיינט, דאָ, אַז ער האָט גערעדט וועגן מיין קוזינע פייגע.

„ער קען", זאָגט ער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמיינט, אַז יענער קען רעדען.

„ער האָט געליובט?", זאָגט ער.

„יאָ", זאָג איך, „ער האָט געליובט מיין טאַטען".

„און דיך?" פרעגט ער.

„מיך האָט ער ניט געליובט," זאָג איך.

„האָט ער ניט געדאַרפט," זאָגט ער. „ער פאַרשטעהט".

„אָבער ער האָט דאָך דאָס געטאָן ניט פון זיינעט וועגען", זאָג איך.

„יאָ, אָבער שרה," זאָגט ער.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער מיינט אַז מיין קרובה שרה איז אויך אויף צרות און איך זאָג איהם:

„ער האָט ניט גערעדט וועגן שרה'ן. ער האָט גערעדט בלויז פאַר פייגע'ן."

„שרה איז וויכטיגער", זאָגט ער.

„מיט וואָס איז שרה וויכטיגער?" פרעג איך איהם.

„אַן אלמנה, קראַנק, און טוט אַ שידוך," זאָגט ער.

איך האָב זיך דערמאָנט. מיין קרובה שרה האָט מיר שוין געזאָגט, אַז זי ברייגגט אַ כלה פאַר איהר זוהן צוליב מיין קומען אהער.

„צו וואָס טויג איהר אַ שידוך?" פרעג איך איהם. „צו וואָס דאַרף זי איהר זוהן זאָל חתונה האָבען, ווען ער קען קיין ווייב ניט געבען קיין ברויט. זאָל ער צוערשט האָבען פּרנסה און דערנאָך זוכען אַ כלה.

„ער איז אַ בן־יחיד, און זי איז אַ מאַמע", זאָגט ער מיר.

„איז וואָס," זאָג איך, דאַרף ער חתונה האָבען אָהן פּרנסה?"

„פּרנסה איז געשטאָרבען," זאָגט ער.

„רעד צו מיר קלאָרע דיבורים, ניט קיין האַלבע זאַצען," זאָג איך איהם. „וואָס הייסט פּרנסה איז געשטאָרבען?"

„מען האָט שוין דאָ באַגראָבען די פּרנסה", זאָגט ער. „ווען

א מאמע זאָל וואַרטען מיט א שידוך ביז איהר זוהן וועט האָבען פּרנסה, וועט זי דאָך קיינמאָל ניט דערלעבען איהר זוהנ'ס חתונה", זאָגט ער.

„אלזאָ, וואָס ווילסטו זאָל איך טאָן?" פרעג איך איהם.

„כלה מתנות," זאָגט ער.

„הער אוים," זאָג איך איהם, „ווען דו ווייסט וויפיל געלט איך פּאַרמאָג, וואָלסטו אַנדערש גערעדט".

„וויפיל פּארמאָגט אַן אַמעריקאַנער עושר?" פרעגט ער.

„איך וועל דיר זאָגען דעם אמת. איך קען דיר אויף דער פּראגע ניט ענטפערען, ווייל איך ווייס ניט, ווייל איך בין נאָך קיינמאָל ניט געווען קיין עושר."

„וויפיל פארמאָגט אין אמעריקע אַן אָרימאַן?" פרעגט ער.

„גאָר ניט," זאָג איך.

„וויפיל פאַרמאָגסטו?" פרעגט ער.

„גאָרניט", זאָג איך.

„איצט איז ניט די צייט פאַר וויצען", זאָגט ער.

„ס'איז ניט קיין וויץ," זאָג איך.

„געה שוין געה," מאַכט ער.

„איך האָב פריהער געוואוסט, אז דו וועסט מיר ניט גלויבען," זאָג איך.

„ער האָט ניט קיין געלט!" צולאַכט ער זיך. „אָהן געלט האָסטו זיך געמאַכט א רייזע קיין אייראָפּע, קיין וואַרשע, קיין סקאלא. לאָם איך וועלען פאַהרען בלויז קיין לעמבערג, קען איך?"

„ און ווי איז, למשל, אז איינער האָט ניט מעהר ווי אויף הוצאות קיין אייראָפּע און מאַכט אזא רייזע?" פרעג איך איהם.

„אויב איינער טוט אזא זאַך, איז ער א משוגענער," זאָגט ער.

„נו, בין איך א משוגענער," זאָג איך.

„אי אַן אָרימאַן, אי א משוגענער," צולאַכט ער זיך, „דו שרייבסט טאַקע וויצען, אָבער איך לאָז פון זיך ניט חוזק מאַכען. איך רעד וועגען אַן ערנסטער זאַך. איך רעד ניט וועגען מיר. איך רעד פאַר דיינעם א קרוב, און דו דאַרפסט אויך וועגען דעם זיין ערנסט."

ער האָט גערעדט זעהר שטרענג, אזוי, אז איך האָב אויף א ווײלע זיך ווי פארלוירען, אָבער באלד האָב איך זיך געכאפט, אז דעם גאנצען ענין דארף מען ערקלעהרען דעם געוועזענעם באנקיר. יענער וועט גיכער עס פארשטעהן, ער איז געווען א באנקיר.

„הער אוים", זאָג איך איהם, „איך וועל טאָן פאר איהר וואָס איך קען. ביזטו צופרידען?"

„נאָך מעהר ווי צופרידען," זאָגט ער.

ער האָט שוין געוואָלט אוועקגעהן, נאָר האָט זיך פון דער טיר צוריקגעקערט און געזאָגט:

„פארוואָס מיינסטו האָט דער געוועזענער באנקיר גערעדט פאר דיין קאָזין און קוזינע?"

„פארוואָס?"

„ווייל ער איז זייערער א שכן".

„בלויז צוליב דעם?"

„יאָ," האָט ער געזאָגט. „און פארוואָס רעד איך פאר דיין קרובה שרה?"

„פארוואָס?"

„ווייל איך בין איהרער א שכן."

„איך פארשטעה ניט. און אז מען איז א שכן איז וואָס?"

„אז מען איז א שכן", ערקלערט ער מיר, „זעהט מען יענעמס צרות, טהוט עס וועה. איך פארזיכער דיר, אז די נויט פון דיין קרובה שרה איז גרעסער פון אַלעמענס נויט. ווען זי טהוט ניט קיין שידוך, וואָלט דער אומגליק נאָך ניט געווען אזוי גרויס".

„צו וואָס־זשע דארף זי א שידוך — צו מאכען דעם אונגליק גרעסער?"

„זי איז דאָך א מאמע", זאָגט ער. „זי וויל דאָך האָבען נחת. הכלל, לאָם איך הערען וויפיל. לאָם איך וויסען."

„מיר וועלען רעדען מאָרגען וועגען דעם," האָב איך איהם געזאָגט, ניט האָבענדיג קיין מוטה איהם אַלעם צו ערקלערען.

„פיין," זאָגט ער, „פיין. מאָרגען וועלען מיר זיך דינגען".

אזוי שנעל ווי מיין אמאָליגער פריינד, דער פארטיידיגער פון מיין קרובה שרה, איז אוועק, איז מיין קאָזין קלמן אריין און געזאָגט:

„ווי איך זעה, שיקט מען אדוואָקאטען. אויב אזוי, וועל איך זיך מוזען אליין פארטרעטען. איך וויל זאָלסט וויסען, אז איך בין א דאָפּעלטער קאָזין דיינער. מיין ווייב איז אויך דיינע א קוזינע.

„נו, איז וואָס?" פרעג איך.

„איז קומט מיר צוויי מאָל אזוי פיל ווי א פּשוט'ן קאָזין", ערקלערט ער מיר. „וואָס וואָלסטו געטאָן, ווען מיין ווייב האָט חתונה מיט אַן אנדערען, ניט מיט מיר, וואָלסטו דאָך געהאט נאָך א קוזינע צו העלפען. היינט אז זי האָט חתונה געהאט מיט מיר, באַדאַרפסטו פון דעם ניט פּראָפיטירען."

„דאָס וואָס זי האָט חתונה געהאט מיט דיר, איז מיין גליק", זאָג איך.

„דו ביזט ניט גערעכט," זאָגט ער.

„איך וועל דיר באַווייזען אז איך בין יאָ גערעכט," זאָג איך איהם. „שטעל דיר פאָר, ווען זי וואָלט חתונה געהאָט מיט אַן אנדערען און יענער וואָלט געהאט פּרנסה, וואָלט איך דאָך איהר ניט געדאַרפט העלפען."

„האָט זי דאָך אָבער חתונה געהאט מיט מיר, וואָס האָט ניט קיין פּרנסה," זאָגט ער.

„דערווייל ניט געזאָרגט," האָב איך איהם געזאָגט, זעהענדיג ווי ער ווערט טרויעריג. — „מיר וועלען וועגען דעם רעדען מאָר־גען."

דער געוועזענער באַנקיר ראַטעוועט מיך

גיט מיר אַן עצה וואָס צו טאָן מיט ווייניג געלד און אַ סך קרובים

מאָרגען.

מיינע קרובים חשבונ'ען געווים שוין וואָס זיי וועלען טאָן מיט'ן געלד וואָס איך וועל זיי געבען. וואָס זאָל איך טאָן?

זאָל איך צוזאַמענרופען מיינע קרובים און זיי ווייזען מיין גאַנצע קאַסע? מען וועט מיר ניט גלויבען. עס וועט ארויסרופען די גרעסטע אונצופרידענהייט. די אַלע אומגליקליכע אָרימע לייט וועלען נאָך פיהלען אומגליקליכער ווי זיי זיינען.

איך האָב זיך נאָכגעפרעגט וועגען באַנקיר ביי מיין בעל־הבית'טע פון „האָטעל". זי האָט מיר געזאָגט, אַז ער איז אַ קלוגער, עדעלער און גוטער מענש און אַז ער אליין איז איצט אויף גרויסע צרות; אַז ער אליין האָט ניט וואָס צו עסען.

ער אליין ליידט הונגער און דאָך האָט ער גערעדט צו מיר מיט אַזוי פיל הארץ וועגען מיינע אַ קרובה וואָס הונגערט! ניט וועגען זיך, נאָר וועגען אַנדערע האָט ער גערעדט! ער האָט מיר אפילו געזאָגט, אַז אַנדערע אָרימע דאַרף איך ניט געבען. איך דאַרף בלויז העלפען מיינע קרובים.

מיר איז איינגעפאַלען איהם צו רופען, איהם דערצעהלען די גאַנצע לאַגע און זיך מיט איהם האַלטען אַן עצה וואָס צו טאָן. איך האָב געבעטען מיין קאָזין קלמן, וואָס איז געזעסען לעבען מיר, ער זאָל איהם רופען.

עס האָט לאַנג ניט געדויערט, דאָס גאַנצע שטעטעל איז דאָך גרויס ווי אַ געניץ, און דער געוועזענער באַנקיר איז געקומען. ער

האָט מיך פריינדליך באגריסט, זיך פאררויכערט א שטיקעל פון א סיגאַרעטעל און זיך אַוועקגעזעצט. זיין פּנים האָט אויסגעדריקט גרויס צופרידענהייט וואָס איך האָב איהם גערופען.

איך וואָלט, פארשטעהט זיך, געוועזן שפּעטער אליין געקומען צו דיר — זאָגט ער — אָבער מיך פרעהט וואָס דו האָסט מיך גערופען. דיין טאַטע איז אויך געוועזן אזוי; אז ער האָט געדאַרפט טאָן א טובה, האָט ער זיך געאיילט.

— ס'איז אמת, אז מיין טאַטע איז געוועזן א גוטער — זאָג איך איהם — אָבער אויך ער וואָלט אין דער איצטיגער לאַגע מיינער ניט געקענט פיעל טאָן.

— וואָס מיינסטו? — זאָגט ער.

איך האָב ארויסגענומען מיין קאַסע, מיין מזומן געלד, מיין אַמעריקען־עקספּרעס טרעוולינג טשעקס, און איהם געזאָגט: — אָט דאָס איז עס וואָס איך פארמאָג. רעכענט אליין אויס וויפיל איך קען געבען און איך וועל געבען. פאר מיר לאָזט איבער בלויז אויף הוצאות קיין ווארשע. פון דאָרט וועל איך שוין קריגען אויף אהיים צו פאָהרען.

ער האָט גענומען די פּאָר דאָלאר מיט די טשעקס און מיך גע־בעטען איך זאָל איהם לייהען מיין פאונטעין־פּען.

ער האָט גענומען מיין פּען און אָנגעהויבען רעכענען.

— וויפיל אָרימע קרובים האָסטו? — פרעגט ער.

איך האָב איהם אויסגערעכענט דאָס גאַנצע צעטעל.

— ווייניג געלד און א סך אָרימע קרובים — האָט ער געזאָגט און געקוקט אויף מיר מיט מיטלייד.

ער האָט מיר צוריקגעגעבען די פּען מיט מיין קאַסע.

— וואָס־זשע זאָגט איהר? — פרעג איך איהם.

ער האָט א ווילע געקוקט אויף מיר און געזאָגט: — איך בין פאָלשטענדיג איבערצייגט, אז דאָס וואָס דו זאָגסט איז אמת. איך האָב געקענט דיין טאַטען. אין אזא פאַל איז וויפיל דו וועסט זיי געבען איז שעהן פון דיר.

— אָבער זיי וועלען דאָך זיין זעהר אונצופרידען — זאָג איך.

— דאָס איז אמת — זאָגט ער — זיי האַלטען דיך אַלע פאַר א גביר. לויט זיי האָבען מיר געזאָגט בין איך אויך געוועזן זיכער,

אז דו ביזט אַ גרויסער עושר. אָבער אַז דו האָסט ניט, וואָס קענסטו טאָן ?

— איז ווי וואָלט געווען, איהר זאָלט מיך איצט פארטרעטען. איהר זאָלט צו זיי רעדען, איהר זאָלט זיי ערקלעהרען, איהר זאָלט זיי זאָגען, אַז איהר האָט איבערגערעכענט מיין גאַנצע קאַסע.

— ניין — האָט ער געענטפערט — איך האָב רחמנות געהאַט אויף דיין קוזינע פייגע האָב איך פאַר איהר גערעדט צו דיר. אָבער איצט זאָל איך גאָר רעדען פאַר דיר געגען דיינע אָרימע קרובים !

— אָבער אויף מיר איז דאָך אויך אַ רחמנות — זאָג איך איהם — איך האָב וועניג געלד מיט אַ סך אָרימע קרובים. איך וויים ניט ווי צו האַנדלען.

— איז וואָס־זשע ווילסטו ארויפוואַרפען אויף מיר דאָס גאַנצע פּעקעל. מען זאָל מיך שילטען ? — ניין ! — האָט ער געזאָגט.

— טאָ גיט עפּעס אַן עצה — בעט איך איהם — איהר קענט בעסער די אומשטענדען.

ער האָט אַביסעל נאָכגעקלערט און געזאָגט :

— איך האָב אַן עצה.

ער האָט זיך ווידער פאַררויכערט אַ שטיקעל פון אַ סיגאַרעטעל. ער האָט זיך אָנגענומען ביי זיין קליין גרוי בערדעל און געזאָגט :

— הער אויס. עס מוז באַקאַנט ווערען, אַז דו האָסט גאָר ניט צו געבען. דו ביזט אַן אָרימאַן. עס וועט פאַר זיי זיין זעהר אונאַנגענעהם. אָבער זיי וועלען זיך צו דעם צוגעוועהנען. דערנאָך, איז וויפיל דו וועסט זיי געבען וועלען זיי זיין גליקליך — זאָגט ער.

— אַ דאַנק. דאָס איז אַ וואונדערבאַרע עצה — זאָג איך איהם. — אָבער ווי אַזוי מאַכט מען דאָס ? זיי וועלען דאָך ניט גלויבען.

— איך וועל דאָס שוין דורכפיהרען — זאָגט ער — ס'איז אויף דיר טאַקע אַ רחמנות. איך וועל זאָגען בלויז צו איין קרוב דיינעם, אַז איך האָב איבערגעצעהלט דיין קאַסע, און אַז דו

האָסט ניט צו געבען אפילו אַ גראָשען. דער איינער וועט שוין אַלעמען דערצעהלען.

ער האָט מיר דערלאנגט די האנט און איז אוועק.

איך האָב געפיהלט אביסעל לייכטער. איך האָב געהאט צוטרויען, אַז דער געוועזענער באַנקיר וועט שוין אַלעס ריכטיג דורכפיהרען. אָבער איך האָב זיך נאָך אַלץ אביסעל געזאָרגט וועגען דעם ווי אזוי מיינע אָרימע קרובים וועלען אויפנעהמען די טרויעריגע נייעס. זיי האָבען דאָך אין זייער פאַנטאַזיע שוין אויפ־געבויט גאַנצע פעסטונגען אויף מיין חשבון.

די טיר האָט זיך געעפענט און עס איז אריינגעקומען אַ מאַן מיט אַ גלאַט ראַזירטען פנים, און מיר דערלאנגט די האנד.

ער איז מיר פאָרגעקומען באקאנט. איידער איך האָב זיך דערמאָנט ווער ער איז, האָט ער מיר שוין געזאָגט זיין נאָמען.

אין מיינע צייטען, איידער איך בין אוועקגעפאָהרען קיין אמע־ריקא, האָט ער שטודירט אין טשערנאָוויץ, אין אַ טשערנאָוויצער שול. ער האָט שטודירט אלס „בוי־מייסטער״.

ער דערצעהלט מיר, אַז ער איז איצט דער קולטוס־פרעזידענט פון שטעטעל.

ווערענד ער האָט גערעדט, האָב איך באטראכט זיינע מלבושים. ער געהט מאָדערנע געקליידעט. אָבער די מלבושים זעהען אויס שוין זעהר פארעלטערט. אויף זיין קורץ רעקעל געפינען זיך עט־ליכע לאַטקעלאַך.

איך האָב איהם געפרעגט ווי ס׳געהט איהם אין פרנסה.

ער האָט מיר ערקלערט, אַז ער האָט דריי פרנסות: ער איז קולטוס־פרעזידענט, ער איז דער „בוי־מייסטער״ פון שטעטעל, נאָר קיינער בויט ניט קיין הייזער, און ער איז דער „מעטריקעל פיהרער״ (פארשרייבט די מעטריקעס, די געבורטען). נאָר צו פרנסה קומט עס ניט. אָבער אזוי ווי ס׳זיינען נאָך דאָ ערגערע אָרימע לייט, טאָר ער זיך ניט באקלאָגען.

ער האָט מיר ערקלעהרט, אַז ער וויל איך זאָל זעהן די אינ־סטיטוציעס פון שטעטעל, וועלכע זיינען דאָ אָרגאניזירט געוואָרען אַ דאנק די רעליף געלדער פון אמעריקע. ער האָט מיר געגעבען אָנצוהערען, אַז די אינסטיטוציעס נויטיגען זיך אין געלד און אַז

מען ערוואַרטעט פון מיר, נאַטירליך, אַ גרויסע נדבה. ער אַליין נעהמט ניט קיין נדבות פאַר די אינסטיטוציעס. פאַר דעם איז דאָ אַ ספּעציעלע קאָמיטע. אָבער זיין פליכט איז וועגען דעם מיך צו דערמאָנען.

איך האָב איהם ערקלעהרט, אז מיין פאַרטרעטער פאַר געבען נדבות איז איצט דער געוועזענער באַנקיר.

— איהר האָט אויסגעקליבען אַ וואונדערבאַרען מענש — האָט ער געזאָגט. — ער איז אומפּאַרטייאיש, עהרליך. וואָס ער וועט אייך זאָגען איז זיכער ריכטיג. אויף איהם קענט איהר זיך גאַנץ רוהיג פאַרלאָזען.

דער קולטוס־פּרעזידענט האָט מיר דאַן געגעבען אַן איבער־בליק איבער דער לאַגע פון שטעטעל. ער האָט מיר דערצעהלט, אז איצט זיינען דאָ פאַראַן 400 פאַמיליעס. אמאָל זיינען געווען 1,200.

— וואו זיינען אַהינגעקומען די אַנדערע 800 ? — פרעג איך איהם.

— פילע זיינען אַוועק פון שטעטעל. אָבער די מעהרסטע זיי־נען אויפ'ן בית עולם — האָט ער מיר ערקלעהרט.

— אָבער עס ווערען דאָך געבוירען נייע מענשען — זאָג איך איהם.

— אויך צווישען די ניי־געבוירענע איז די שטערבליכקייט גרויס — האָט ער מיר ערקלערט. — ווען איהר וועט זעהן אין וואָס פאַר אַן ענגשאַפט די מענשען וואוינען, וועט איהר פאַרשטעהן פאַרוואָס. די באַפעלקערונג איז טאַקע קלענער, אָבער די הייזער זיינען נאָך קלענער און צאָהל. מען בויט ניט קיין נייע און די אַלטע פאַלען איין. הייגט די נאָהרונג וואָס קינדער קריגען. הייגט די בלאָטעס. עס פאַרשפּרייטען זיך עפּידעמיעס. דאָס שטעטעל שטאַרבט. דאָס איז ניט דאָס איינציגע שטעטעל אזא אין גאַלי־ציע. אויך פילע אַנדערע שטעטלאך שטאַרבען. מען שטאַרבט פון הונגער, פון קראַנקהייטען. די וואָס בלייבען לעבען זיינען אומ־געהויער שטאַרק אָדער האָבען אין זיך עפּעס אַ קראַפט געגען עפּידעמיעס.

נאָכדעם ווי ער האָט מיר דערצעהלט וועגען די טרויעריגע

אומשטענדען, האָט ער מיך געפיהרט ציינגען די באָד פון שטעטעל.

ביי מיר האָט די באָד אויסגעזעהן ניט גענוג גרויס פאַר צעהן מענשען זיך צו באָדען. א פאָר בענק, א מקוה'לע. ווען מען באַרעכענט, אז אין גאַנצען שטעטעל איז ניטאָ קיין וואַנע און אז אַלע דאַרפען זיך דאָ וואשען, קען מען ניט באַגרייפען ווי אזוי א גאַנץ שטעטעל קען זיך דאָ באָדען. כאָטש אין מיינע צייטען איז די באָד אויך ניט געווען גרעסער, און איצט איז עס פיעל מאָדער־נער אויפגעבויט.

ער האָט מיך דאַן געפיהרט אין פאָלקס־הויז, אָדער „בית־עם”, ווי זיי רופען עס דאָרט. דאָס איז א געביידע וואָס איז אויפגע־בויט פון אמעריקאַנער געלדער. דאָרט געפינט זיך א זאַל פאַר פאַרזאַמלונגען און חתונות פון שטעטעל. דער זאַל איז ניט גע־ווען אין אָרדנונג, ווען איך בין דאָרט געווען, און ווי מען האָט מיר ערקלעהרט, דאַרף מען נאָך דאָרט פיקסען, און ס'איז ניטאָ קיין געלד.

דאַן האָב איך געזעהן א פאָר צימערען, וואו עס געפינט זיך די העברעאישע שול.

איך בין אָנגעקומען אהין ווען מען האָט געלערענט מיט די קינדער.

קיין חדרים איז מעהר אין שטעטעל ניטאָ, האָט מען מיר ערקלעהרט.

די העברעאישע שול איז פאַר מיר געווען אַן אמת'ע איבער־ראשונג. איך האָב געזעהן קינדער, אָהן היטלען, זיצען און לער־נען העברעאיש אויף א מאָדערנעם שטייגער. דער לעהרער האָט זיי געפרעגט אין העברעאיש וועגען אידישער געשיכטע און אַלע האָבען געענטפערט אין העברעאיש, און ארויסגעוויזען קענטנישען, אי אין דער העברעאישער שפּראַך, אי אין אידישער געשיכטע.

אין מיינע צייטען האָט מען ניט געקענט העברעאיש און ניט געוואוסט פון אידישער געשיכטע, כאָטש מ'האָט געלערענט טאָג און נאכט. דער מלמד, וואָס האָט געלערענט, איז, געוועהנ־ליך, געווען דער גרעסטער שוטה און בעל כעסן פון שטעטעל. וואָס בייזער א מלמד איז געווען, אַלץ פאַר א בעסערען מלמד האָט מען איהם געהאַלטען. אז מען האָט געוואָלט ווענען א מלמד

זאָגען, אז ער איז זעהר א גוטער מלמד, האָט מען געזאָגט:
„אי קען ער שלאָגען!"

די קינדער האָבען דאמאָלסט געלערענט מיט א ווידערווילען, מיט א שנאה צום מלמד און חדר. טאָ ווי אזוי האָט מען געקענט זיך עפּעס אויסלערנען?

דאָ האָט מען געקענט זעהן, ווי די קינדער לערנען מיט חשק, און זיי ווייסען וואָס זיי לערנען.

עס האָט בלויז פאַרדראָסען ווען מען האָט געקוקט אויף די אָרימע מלבושים פון די קינדער. פילע זיינען געגאַנגען אָפּגע־ריסען. די פּנים'ער בלאַסע, אָהן בלוט. מ'האָט געקענט אין זיי זעהן, אז זיי עסען ניט.

וואָס פאר אַן אונטערשייד צווישען די היינטיגע לעהרער און אמאָליגע מלמדים! די היינטיגע זיינען מאָדערנע אינטעליגענטע מענשען. מאַנכע האָבען שטודירט אין די אוניווערזיטעטען. אָבער אויך זיי האָבען אויסזעהן בלאַס און אָרעם.

— מען האָט זי ניט צו באַצאָהלען פאר'ן לערנען — האָט מיר איינגערוימט א סוד דער קולטוס־פּרעזידענט.

איך האָב דעם קולטוס־פּרעזידענט דערמאָנט וועגען די אמאָ־ליגע לערנערס, וואָס האָבען געלערענט 18 שעה א טאָג און גאָר ניט געקענט.

— זיי האָבען תמיד געלערענט, האָבען זיי ניט קיין צייט גע־האט ווען צו קענען, — האָט דער קולטוס־פּרעזידענט באַמערקט.

ער האָט מיר אויך ערקלערט, אז היינט לערנען קינדער העברעאיש, ניט ווייל ס'איז לשון קודש, ווייל ס'איז א מצוה צו לערנען, נאָר פּשוט אלס א שפּראַך וואָס קען זיי ברענגען גרויסע נוצען. זיי ערוואַרטען אלע צו פאָהרען קיין פּאַלעסטינע.

איינער פון די לעהרער האָט זיך אריינגעמישט אין גע־שפּרעך און האָט געזאָגט: — אָט די קינדער וועלען דאָך זיכער זיין אין פּאַלעסטינע. אויב עס זיינען איצט דאָ שוועריגקייטען צוליב די אראַבער, וועט דאָך דאָס שפּעטער ניט זיין. פּאַלעסטינע דאַרף האָבען די אידען; אָהן די אידען וואָלט עס געווען א מדבר, און די אידען דאַרפען האָבען פּאַלעסטינע. זיי האָבען דאָך ניט קיין אַנדער היים!

און דער העברעאישער לעהרער איז ניט דער איינציגער וואס רעדט מיט אזא זיכערהייט, אז די אידישע קינדער פון גאלי־ציע זיינען די צוקונפטיגע בירגער פון פאלעסטינע.

די טאטעס וואס שיקען זייערע קינדער אין די העברעאישע שולען דענקען אויך אזוי. זיי שיקען זייערע קינדער זיך לערנען די שפראך וואס מען רעדט אין דעם לאנד, וואס וועט פריהער אדער שפעטער זיין זייער היים, גלויבען זיי.

זיי האָבען ליב אַן אָרימאַן

מען וויל מיר מאַכען אַ באַנקעט, ווייל איך האָב ניט קיין געלד

נאָכדעם ווי דער געוועזענער באַנקיר איז אוועק פון מיר, בין איך געבליבען איינער אליין זיצען אין מיין זאַגענאַנטען האָטעל און קיינער איז צו מיר ניט געקומען. מיין טיר פלעגט ניט שטעהן רוהיג אַ מינוט. זי פלעגט זיך עפענען און פארמאכען, פארמאכען און עפענען, און פלוצלונג איז ווי אַלעם וואָלט אָפּגעשטאָרבען. אפילו מיין קאָזין קלמן, וואָס פלעגט מיך ניט לאָזען לאַנג אליין, איז אויך נישט געקומען.

וואָס איז געשעהן? ווייסען זיי שוין אַלע, אַז איך בין ניט קיין עושר? האַלטען זיי וועגען דעם אַ באַראַטונג? זיינען זיי פון דער נייעס אַזוי ערשיטערט, אַז זיי קענען מיך פאַר רחמנות ניט אָנקוקען?

מיר איז געוואָרען אומעטיג. איך בין אפילו שוין געווען מיד פון רעדען מיט אַזוי פיל מענשען און איך האָב געדאַרפט האָבען אביסעל רוה, אָבער איך בין צו רוה אין מיין שטעטעל ניט געווען צוגעוועהנט. נאָך אַלעמען בין איך דאָך אַהער ניט געקומען רוהען. איך וויל זעהן און רעדען מיט מענשען. אָבער איך האָב מורא, אַז דער געוועזענער באַנקיר מיט זיין עצה וועט מאַכען אַזוי, אַז איך וועל אַוועקפאָהרען מיט אַלעמען צוקריגט, קיינער וועט מיט מיר ניט וועלען רעדען אַ וואָרט. און זיי וועלען אפשר האָבען רעכט. ווער נאָר ס'קומט פון אמעריקע אין זיין געבורטס־שטעטעל, און נאָך אין אַזאַ אומגליקליך שטעטעל, ברייננגט פאַר זיינע קרובים מתנות, און איך? — לויט ווי דער געוועזענער באַנקיר האָט זיי שוין מסתמא באַריכטעט, האָב איך פאַר קיינעם גאָר ניט געבראַכט.

איך שטעל זיך פאָר ווי מאַנכע פון מיינע קרובים, וועלכע האָבען זיך מיט מיר דערפרעהט, ווי מיט משיח'ן, מיינענדיג, אַז

איך וועל זיי אויסלעזען פון אַלע צרות, פּיהלען איצט, ווען זיי הערען, אַז איך בין אַ קבצן. איך שטעל זיך פאָר, ווי זיי זאָגען: ער איז עפּעס אַ פלאַסקעדריגע, אַ גאָרנישט; ער איז אַזוי פיעל יאָהרען אין אַמעריקע און קומט אין זיין שטעטעל אריין אָהן אַ גראָשען.

איך דערמאָהן זיך ווי מיינער אַ יוגענד־פריינד האָט מיר דאָ מיט אַ טאָג צוריק געזאָגט, אַז ווען איינער איז ניט רייך, און ער גיט אויס זיינע לעצטע פאָר גראָשען אויף אַ רייזע קיין אייראָפּאַ, איז ער אַ משוגענער. זיי האַלטען מיך איצט מסתמא פאַר אַ משוגענעם. אמת, איך בין ניט אָבהענגיג פון קיינעם אין מיין שטעטעל. אָבער עס ווילט זיך ניט, אַז דאָרט, וואו איך בין גע־בוירען געוואָרען, זאָל מען מיך האַלטען פאַר אַ גאָרניט און בפרט נאָך פאַר אַ משוגענעם.

און איך טראַכט, אַז ווען מיין טאַטע־מאַמע וואָלטען געלעבט, וואָלט עס ניט געווען וויכטיג, צי איך האָב געלד, צי ניין. ביי מיינע עלטערען וואָלט איך געווען חשוב אָהן געלד. ווען מיין מאַמע וואָלט מיך נאָר געזעהן, וואָלט עס פארלענגערט איהר לע־בען. ווען מיין טאַטע וואָלט געהערט, אַז איך מאַך אַ לעבען אין אַמעריקע, וואָלט ער געווען דער גליקליכסטער מענש. ער האָט קיינמאָל קיין געלד פון מיר ניט פארלאַנגט. ער האָט נאָך מיר קיין אַמעריקע געשיקט געלד.

אָבער איך האָב ניט מעהר קיין טאַטע־מאַמע. איך האָב בלויז קרובים, פריינד, און פאַר זיי, אַז דו האָסט ניט קיין געלד, ביזטו גאָר ניט.

איך הויב זיך אָן דערמאָהנען וועגען מיינע קרובים פון אַמאָל. זיי האָבען פון קיינעם קיין געלד ניט פארלאַנגט. זיי וואָלטען זיך געפונען באַליידיגט ווען מען גיט זיי געלד. אָבער דאַמאָלסט זיי־נען דאָך געווען אַנדערע צייטען.

ווען מיינע אַמאָליגע רייכע אָנקעלס וואָלטען איצט געלעבט אין דעם שטעטעל, אונטער די איצטיגע אומשטענדען, וואָלטען זיי דאָך אויך מסתמא פארלאַנגט פון מיר הילף.

ווען איך אליין וואָלט דאָ פארבליבען און עס וואָלט איצט געקומען אהער מיינער אַ קאָזין פון אַמעריקע, וואָס מ׳זאָגט אויף

איהם, אז ער איז אַ ראַקעפּעלער און דערנאָך דערצעהלט מען מיר אַ מעשה, אז ער איז אַן אָרימאַן, וואָלט איך דען ניט געפּיהלט ווי אויסצולאָזען צו איהם מיין בייזע, וויסטע האַרץ?

איך וואָלט איהם זיכער געזאָגט: „דו שלומיאל דו, ווער האָט דיך געבעטען צו קומען אהער? האָסט ניט קיין געלד, שלאָפט מען אין דער פינסטער, ניט מען קומט אהער מיט אַ טאַראַראַם. דו האָסט דאָך אונז אָבגענאַרט. דו האָסט דאָך אונז באַשוויג־דעלט". מיין קאָזין וואָלט גע'טענה'ט, אז וואָס קען ער טאָן, אז ער איז פּאַרט אַן אָרימאַן. איך וואָלט איהם דאַן געזאָגט, אז ווען ער איז קליגער, וואָלט ער פאַר זיין קומען אהער, וועניגסטענס, גע־שריבען אַ בריף און געזאָגט: „ליבע קרובים מיינע, איהר זאָלט וויסען, אז אַלעס וואָס איהר האָט געהערט וועגען מיין רייכטום, איז שקר וכזב. איך בין אַ קבצן שבקבצן. איך קום אין שטעטעל אייך אָנקוקען. איך וויל זעהן די קבצנים פון מיין שטעטעל. קיי־נער זאָל ניט חלומ'ען, אז ער וועט דורך מיר געהאָלפען ווערען. קיינער וועט ניט קריגען אַ גראָשען".

אזוי וואָלט איך, טראַכט איך, געזאָגט צו מיין קאָזין, ווען ער וואָלט געהאַנדעלט ווי איך האָב איצט געהאַנדעלט און איך וואָלט געווען איינער פון זיינע קרובים אין שטעטעל.

מעגליך, אז איינער פון מיינע קרובים וועט דאָס מיר זאָגען און ער וועט זיין גערעכט.

מיר פאַלט איין, אז איך זאָל איצט גלייך אריבערלויפען צו מיינע קרובים און זיי זאָגען, אז די מעשה וואָס דער געוועזענער באַנקיר האָט זיי דערצעהלט וועגען מיר, איז ניט אין גאַנצען אמת. איך בין טאַקע ניט קיין עושר, אָבער ניט אזא אָרימאַן ווי ער האָט מיר פאַר אייך פאַרגעשטעלט. איך האָב מיט מיר יאָ געבראַכט אביסעל געלד פאַר זיי.

אָבער אויב איך זאָל דאָס טאָן, וועל איך דאָך דעם געוועז־זענעם באַנקיר מאַכען פאַר אַ ליגנער. פאַרוואָס קומט עס איהם? ער האָט דאָך אַלעס געטאָן פון מיין טובה וועגען.

ווערענד איך האָב זיך געראַנגעלט מיט זיך, צי איך זאָל יאָ געהן צו מיינע קרובים, צי ניט, איז דער געוועזענער באַנקיר אריינגעקומען מיט אַ צופרידענעם שמייכעל, אזוי ווי עס קומט אַן

אדוואָקאַט פון אַ פּראָצעס, וואו ער האָט אויסזיכטען צו געווינען.

נו, וואָס מאַכט איהר, וואָס הערט זיך? — פרעג איך איהם.

ער האָט זיך פארוויכערט אַ שטיקעל פון אַ סיגארעט און געזאָגט:

„זיי ווייסען שוין. איך האָב עס געזאָגט צו אַ פרוי, אַ שכנ׳טע מיינע. זי איז באַלד אַוועק, און איך בין זיכער, אַז ניט נאָר דיינע קרובים, נאָר יעדער אין שטעטעל ווייסט שוין, אַז דו ביזט אַן אָריִמאַן״.

— איז אפשר — זאָג איך — וואָלט איך איצט אַריבערגע־גאַנגען צו מיינע קרובים און זיי געזאָגט?

דער געוועזענער באַנקיר האָט מיך אפילו ניט געלאָזען ענדי־גען דעם זאַץ.

— וואָס? — האָט ער געזאָגט — דו ווילסט איצט געהן מיט זיי רעדען און אַלעס קאַליע מאַכען? נאָר געדולד. זאָל זיך פריהער אַלעס איבערקאָכען.

— אָבער, — זאָג איך איהם — מיר טוט דאָך וועה דאָס הארץ אויף זיי.

— אַזאַ וועהטאָג קען מען אַריבערטראָגען. — זאָגט ער — מיר האָבען דאָ שוין איבערגעלעבט ערגערע וועהטאָגען. פאַראַן דאָ צווישען אונז מענשען, וואָס נעכטען זיינען זיי געווען גבירים און היינט האָבען זיי ניט וואָס צו עסען. געווים וואָלט געווען בע־סער, ווען דו קענסט דאָ צוטיילען אַ פּאָר טויזענד דאָלער. אָבער אַז זיי האָבען געמאַכט אַ טעות, וועלען זיי זיך צוגעוועהנען, און אויף דיר איז אודאי ניט קיין רחמנות. דו וועסט באַלד אַוועק־פאָהרען פון דאַנען און אָן אַלעס פארגעסען.

איך האָב געפיהלט, אַז ער איז גערעכט, און כ׳האָב גע-שוויגען.

— און נאָך אַ זאַך פארלאַנג איך פון דיר, — האָט ער געזאָגט — טאָמער קומט דיינער אַ קרוב פרעגען צי ס׳איז אמת, אַז דו האָסט טאָקע ניט קיין גראָשען, מוזטו זאָגען, אַז ס׳איז אמת.

— אָבער, — זאָג איך, — זיי וועלען דאָך —

ער האָט מיך ווידער ניט געלאָזען ענדיגען און אויסגערופען:

— דו האָסט געוואָלט איך זאָל דיר העלפען, און איך העלף דיר, דאַרפסטו טאָן וואָס איך הייס.

איך האָב איהם פאַרשפּראָכען צו פאָלגען, און ער איז אוועק.

באַלד נאָך זיין אוועקגעהן איז אָנגעקומען מיין קאָזין קלמן.

— וואו ביזטו געוועזען אזא לאַנגע צייט? — פרעג איך איהם.

— איך בין אביסעל ברוגז אויף דיר! — זאָגט ער.

— פאַרוואָס? ווייל איך בין ניט קיין מיליאָנער? — פרעג איך איהם.

— אָ, ניין, — זאָגט ער — וואו שטעהט עס געשריבען, אז דו מוזט זיין א מיליאָנער? אָבער, אז דו האָסט ניט קיין געלט, צו וואָס האָסטו געדאַרפט צייגען צו א פרעמדען? איך בין דאָך נעהנטער צו דיר. איך וואָלט עס בלויז דערצעהלט צו דיינע קרובים, ניט צו קיין פרעמדע. אַלע ווייסען דאָך שוין.

— וואָס אַרט דיך, אז פרעמדע ווייסען? — פרעג איך איהם.

— פאַרוואָס זאָלען זיך שונאים דערלעבען א נקמה?... — זאָגט ער—זיי האָבען דאָך געפּוקעט. זיי האָבען געמיינט, אז מיר וועלען גבירים. נעמסטו און לאָזט ארוים די קאַץ פון זאַק.

— זיי וואָלטען דאָך סאי ווי סאי, פריהער אָדער שפּעטער, געוואָר געוואָרען. — זאָג איך איהם.

אין מיטען פון אונזער געשפּרעך איז אָנגעקומען מיין קאָזין שלמה, דער מאַן פון מיין קוזינע פייגע.

ער האָט מיר דערלאַנגט ווארם די האַנט און געזאָגט:

— ליבער קאָזין, איך וויל, אז דו זאָלסט וויסען, אז דורך דעם וואָס דו האָסט ניט קיין געלט, ביזטו ביי מיר אויף א האָר ניט געוואָרען וועניגער חשוב. פאַרקערט, פריהער האָבען מיר גע־רעכענט, אז דו ביזט א גרויסער עושר, דו קענסט אונז אַלע ראַ־טעווען, נאָר דו איילסט זיך ניט. דו רעדסט וועגען דעם עפּעס ניט קלאָר. האָבען מיר געהאַט פאַראיבעל אויף דיר. אָבער אַזוי זעהען מיר דאָך, אז דו ביזט א גוטער מענש, דו ווילסט אונז העלפען, נאָר דו קענסט ניט.

ער האָט גערעדט אזוי ווארעם, אז מ'האָט געפיהלט, אז יעדעס וואָרט קומען פון הארצן.

— איך האָב תמיד געזאָגט, אז דו ביזט א גוטער מענש, — האָט מיין קאָזין קלמן זיך אריינגעמישט — מיר פאַרדריסט בלויז, וואָס פרעמדע וייסען, אז דו האָסט ניט קיין געלט. צו וואָס האָבען זיי געדאַרפט וויסען?

— זיי מעגען וויסען, — רופט זיך אָן מיין קאָזין שלמה — מיר האָבען זיך ניט מיט וואָס צו שעמען מיט איהם. מ'זעהט דאָך, אז די וואַרשעווער צייטונגען האָבען געשריבען וועגען איהם, כאָטש ער האָט ניט קיין געלט.

דאָ איז אריינגעקומען מיין קוזינע פייגע און מיין קרובה שרה.

ביידע האָבען געוואָלט רעדען צו מיר. נאָר מיין קוזינע פייגע האָט אויסגעכאַפּט.

— הער, ליבער קאָזין, — האָט פייגע געזאָגט — איך בעט דיך מיך צו קומען באַזוכען. איך אייל זיך אהיימצולויפען, וויל מיין קינד איז ניט געזונט. ווענסטו קומען?

— געוויס וועל איך קומען, — האָב איך געזאָגט.

זי איז גלייך אוועק, צוריקגעלאָפען צו איהר קראַנק קינד. איהר פשוט'ע איינלאדונג איז געווען אזוי הארציג. זי האָט געזאָגט בלויז א פּאָר ווערטער, און דאָך האָט מען געפיהלט די גרעסטע ליבע אין די ווערטער. פריהער, ווען זי האָט גערעכענט, אז איך האָב א סך געלט, האָט זי צו מיר אזוי ווארעם ניט גערעדט.

מיין קרובה שרה האָט אָפּגעוואַרט, ביז מיין קוזינע פייגע איז ארויס, און דאַן האָט זי געזאָגט:

— הער אויס, זייט דו ביזט דאָ, ביזטו אַלץ פאַרנומען מיט פרעמדע מענשען. דו ביזט אונזערע מעהר ווי זייערער. איך וויל, אז דו זאָלסט קומען צו מיר פאַרברענגען. איך וויל, אז דו זאָלסט רעדען מיט דער כלה, וואָס איך האָב געבראַכט פאַר מיין זוהן. זי איז שוין דאָ.

— אָבער וואָס האָב איך צו רעדען מיט א כלה? — פרעג איך.

— טו מיר אַן כבוד. זאָל זי זעהן, אַז מיר זיינען ניט פון שטיינער געבוירען. רעד מיט איהר אַ פּאָר קלוגע ווערטער.

— גוט, איך וועל רעדען מיט איהר. — זאָג איך.

— זאָלסט וויסען, — זאָגט זי — אַז זייט מיר ווייסען, אַז דו האָסט ניט קיין געלט, ביזטו ביי אונז פיל חשוב'ער געוואָרען, ווייל אַן עושר איז אַ חזיר; אָבער אַז דו ביזט אַן אָרימאַן, ביזטו דאָך אַן אייגענער מענש. מען קען מיט דיר רעדען ווי מיט אַן איי־גענעם. איך וויל זיך פאַר דיר אויסרעדען דאָס האַרץ.

דאָ איז אריינגעקומען דער קולטוס־פּרעזידענט.

ער האָט מיר וואַרעם דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

— מיר, די קהלה פון שטעטעל, האָבען באַשלאָסען דיר צו מאַכען אַ באַנקעט, און איך בין דעלעגירט געוואָרען דיר עס צו לאָזען וויסען. איך וויל דיר זאָגען דעם אמת, אַז איך בין געווען פאַר דעם באַנקעט, גלייך ווי דו ביזט אָנגעקומען, אָבער עס זיי־נען געווען געגנער.

— פאַרוואָס זיינען געווען געגנער? — פרעג איך.

— מאַנכע האָבען געדענקט, אַז אַזוי ווי דו ביזט אַ גביר, איז ניט נויטיג פאַר דיר אַ באַנקעט. וואָס מיר וועלען פאַר דיר מאַ־כען, וועט דיר ניט געפעלען. אָבער אַז דו ביזט ניט קיין גביר, האָסטו שוין ניט קיין געגנער. און נאָך אַ זאַך: אַ מענש, וואָס איז ניט רייך, און מאַכט אַזאַ רייזע, און ברענגט זיך אויס צו זעהן זיין אָרים שטעטעל, איז ווערטה אַ באַנקעט.

איך האָב אין דעם מאָמענט באַשלאָסען וואַרם צו דאַנקען דעם געוועזענעם באַנקיר פאַר זיין עצה.

אין בית המדרש

דער פריידענקער. — אַ איד באַווייזט מיט פסוקים, אַז אין דער נעקסטער וועלט-מלחמה וועט מען זיך אָברעכענען מיט די אידישע שונאים

א בלאַסער בחור, אָרעם געקליידעט, איז אריינגעקומען צו מיר אין מיין אכסניה און זיך פאָרגעשטעלט. איך האָב גוט גע־קענט זיין פאָטער.

— איך בין זעהר פאראינטערעסירט זיך מיט אייך צו באַ־קענען, — האָט ער געזאָגט, — ווייל מיין פאָטער האָט מיר א סך דערצעהלט וועגען אייך.

איך האָב איהם געבעטען זיך זעצען.

— מיין טאַטע האָט מיר דערצעהלט, ווי איהר האָט דאָ אמאָל אין שטעטעל געפיהרט א קאמף געגען פאנאטיזם, — האָט ער געזאָגט.

— איך האָב גאָר ניט אזוי שטארק געקעמפט, — זאָג איך איהם, — איך האָב ניט געהאט וואָס צו טאָן, האָב איך זיך גע־קריגט מיט די חסידים.

— אָ, ניין, — זאָגט ער, — איהר זייט געווען אַן אידעאליסט. היינט האָבען מיר דאָ ניט קיין אידעאליסטען.

— פארוואָס ? — זאָג איך איהם, — עס זיינען דאָך פאראַן ציוניסטען, פועלי־ציון ?

— זיי זיינען ניט קיין אידעאליסטען, — זאָגט ער. — זיי ווילען פאָהרען קיין פאלעסטינע, אום אויסצובעסערען זייער לאַגע, אזוי ווי מען פלעגט אמאָל פאָהרען קיין אמעריקע. איז דאָס אידעאליזם ?

קורץ, דער בחור ערקלערט מיר, אז ער איז דער איינציגער פריידענקער אין שטעטעל און די אנדערע זיינען דאָ רעאקציאָנע־רען. מען רויכערט אום שבת, אָבער קיינער זאָל ניט זעהן ;

מען דאַווענט ניט, נאָר מען גערט דאַווענען אין שוהל אַריין. מיט איין וואָרט, עס זיינען ניטאָ קיין קעמפּער און ער פּיהלט זיך דערפאַר זעהר עלענד.

נאָך זיין מיינונג איז אויסגעקומען, אַז אַלע צרות אויף דער וועלט קומען פון רעליגיע, פון גלויבען אין גאָט, און דערפאַר איז דער קאַמף געגען גאָט דאָס וויכטיגסטע אין לעבען.

ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז איך קען מענשען וואָס גלויבען אין גאָט און זיינען גוטע מענשען, און מענשען וואָס גלויבען ניט אין גאָט און זיינען שלעכטע מענשען, איז ער געווען זעהר ענטוישט פון מיר.

— פון אייך האָב איך אַזעלכע ווערטער ניט ערוואַרט, — האָט געזאָגט דער געקרענקטער אַפּיקורס.

איך האָב געפּיהלט, אַז איך האָב מיט מיינע ווערטער דעם פריידענקער ניט ווייניגער וועה געטאָן ווי איך וואָלט פאַר אַ פרומען אידען גערעדט געגען גאָט.

ער האָט פון זיין טאַטען געהערט, אַז איך בין געווען אַמאָל אַן אַפּיקורס אין שטעטעל. ער איז געווען זיכער, אַז אין אַמע־ריקע איז מיין אַפּיקורסות פאַרשטאַרקט געוואָרען און אַז איך וועל זיך געוואַלדיג פרעהען וואָס איך האָב באַגעגענט דעם איינציגען פריידענקער פון מיין שטעטעל, און צום סוף אַזעלכע „ניט־פריי־דענקערישע" ווערטער.

ער האָט זיך מיט אַ חסידישען פייער צוקאַכט וועגען דעם שאָדען וואָס רעליגיע האָט געבראַכט פאַר דער וועלט. איך האָב פון זיינע רייד געזעהן, אַז ער האָט זיך אַ סך אָנגעלעזען וועגען דעם, אַז אַלעס קומט פריש-געבאַקען, ערשט פון אויוון אַרויס, און איך האָב געטראַכט: אפשר האָב איך אויך אַמאָל אַזוי גערעדט. ער וועט זיך אויך מיט דער צייט אָפּקיהלען.

וועהרענד ער האָט אַזוי שטאַרק זיך געהיצט וועגען די קלע־ריקאַלען, רבנים און גלחים, איז מיר איינגעפאַלען, אַז איך דאַרף איצט מאַכען אַ באַזוך אין בית המדרש.

עס איז געווען אַ קאַלטער רעגענדיגער אָסיען טאָג פון מיטען מאָנאַט אָקטאָבער. אין אַזאַ טאָג פלעגען זיך אידען אַריינכאַפּען אין בית המדרש און רעדען פּאָליטיק. עס איז פאַר מיר אינטערע־

סאַנט געווען, ווי זעהט עס איצט אויס אין בית־המדרש אין אַזאַ טאָג.

איך האָב ערקלערט מיין פריידענקער, אַז איך גיי איצט אָנ־קוקען דאָס בית המדרש. אויב ער וויל, קען ער אויך געהן מיט מיר.

דער יונגער פריידענקער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אַ פּאָר אויגען וואָס האָבען אויסגעדריקט אַ ענטוישונג, אַ רחמנות. ער איז ענטוישט געוואָרען פון דעם וואָס איך וויל באַזוכען אַ „קלעריקאַל" פּלאַץ, און אין דערזעלבער צייט געקוקט אויף מיר מיט מיטלייד וואָס איך האָב אין אַמעריקע געמאַכט אַזעלכע ריזיגע ריקשריט.

איך האָב איהם ערקלערט, אַז מיין געהן אין בית המדרש האָט גאָר ניט צו טאָן מיט פרומקייט; איך בין פּשוט נייגעריג צו זעהן ווי עס זעהט אויס דער פּלאַץ, וואו איך האָב פאַרבראַכט מיין יוגענד.

מיין ערקלערונג האָט איהם אין גאַנצען ניט צופרידענגע־שטעלט.

ער האָט מיר ערקלערט, אַז מיין באַזוך אין בית־המדרש וועט שלעכט אויסגעטייטשט ווערען. די פרומע וועלען זאָגען: „איהר זעהט, דער אַמאָליגער אפיקורס האָט חרטה; ער איז געקומען אין בית המדרש".

איך האָב איהם ערקלערט, אַז יענער קען זאָגען און טראַכ־טען וואָס ער וויל. איך קען איהם ניט פאַרוועהרען. איך האָב ניט מורא פאַר דעם וואָס מ'וועט זאָגען. איך האָב איהם גע־זאָגט, אַז די מורא וואָס יענער וועט זאָגען איז ספּעציעל פאַר־שפּרייט אין קליינע שטעטלאך און שליסט ניט אויס די פריידענ־קער.

ער איז מיט מיר געגאַנגען ביז צום בית המדרש. איך בין אריין אינוועניג און ער איז אַוועק, כמעט אַנטלאָפען. עס האָט אויסגעזעהן ווי ער וויל אפילו ניט אַ קוק טאָן ווי דאָס בית המדרש זעהט אויס.

ווען איך בין אריינגעקומען אין בית־המדרש האָב איך עס ניט דערקענט.

איז דאָס געווען דאָס גרויסע בית המדרש וואָס מיר האָט זיך אויסגעוויזען, אַז אַ וועלט מיט אידען קענען דאָרט אריין? עפּעס איז דאָך עס אזוי קליין!

מיר האָט זיך תמיד אויסגעוויזען, אַז ס'האָט געהאט ריזיג גרויסע פענסטער. עפּעס אַזעלכע קליינע פענסטערלאַך! וואָס איז דאָס וואָס אַלעס דאָ זעהט מיר אוים אַזוי קליין?

די בענק זיינען אַלט, צובראָכען. דער ארון קודש אפילו זעהט מיר אוים עפּעס אַ קליין ארון קודש'ל.

קיינער איז ניטאָ אינוועניג. נאָר ביי דער הרובע זיצט אַן עלטערער איד, אָפּגעריסען און אָפּגעשליסען און דרימעלט.

איך האָב זיך ארומגעדרעהט איינער אַליין אין בית המדרש. דאָ פלעגט קלאַפּען דער פּולס פון דעם לעבען פון גאַנצען שטע־טעל. אַלעס וואָס עס האָט פּאַסירט איז דאָ דיסקוטירט געוואָרען. ווען דעם שוחט'ס בחור האָט צוריקגעשיקט די תנאים מיט דער גאָלדענער קייט און זייגער צו זיין כלה און ערקלערט, אַז ער אנערקענט ניט קיין שידוך וואָס איז געשלאָסען געוואָרען דורך אַ שדכן, ער האַלט פון ליבע — איז עס דאָ־אָ ביי דער באַנק דעבאַטירט געוואָרען.

די עלטערע האָבען געזאָגט, אַז עס איז חוצפּה, און די יונג־וואַרג האָט איהם באַוואונדערט און אַפּלאָדירט און נאָכגעפאָלגט זיין ביישפּיל. יונגע בחורים האָבען אָפּגעשיקט די תנאים זייערע כלות און אָנגעהויבען חלומ'ען און רעדען וועגען ליבע.

דאָ ביי דער הרובע, האָט מען באַשלאָסען דעם שיקזאַל פון דער רוסישער רעוואָלוציע.

דאָ, ביי דער הרובע, האָט מען נאָך מיט יאָהרען צוריק ארומגערעדט די צוקונפטיגע וועלט־מלחמה און מ'האָט אַ מלמד געפּאַטשט, ווייל ער האָט געהאַלטען מיט רוסלאַנד. יעדערער האָט אויסגעדריקט זיין מיינונג, ווער ס'וועט אין דער מלחמה זיגען.

איינער, אַ יונגערמאַן, אַן איידעם אויף קעסט, וואָס לייענט צייטונגען, האָט געזאָגט, אַז די ענגלישע שיפען קענען באַזיגען די וועלט.

אַ צווייטער האָט געזאָגט, אַז עסטרייך מוז זיגען, ווייל פראַנץ

א צוויטער האָט געזאָגט, אַז עסטרייך וועט אַלעמען באַזיגען, ווייל פראַנץ יאָזעף האָט די בעסטע גענעראַלען, די שאַרפסטע קעפּ. ער האָט אידישע גענעראַלען מיט גמרא־קעפּ און זיי וועלען דעם שונא אַזוי אַרומרינגלען, אַז ער וועט נישט קענען זיך ריהרען און זיך מוזען אונטערגעבען.

דער מלמד, וועלכער איז געווען אַן אַנטלאָפענער פון רוס־לאַנד, האָט גערעדט מיט באַגייסטערונג וועגען דער רוסישער אַרמיי. ער האָט געזאָגט, אַז ווען די רוסישע קאָזאַקען, רייטענ־דיג אויף די פערדלאַך מיט די נאַגאַיקעס, וועלען זיך א לאָז טאָן אויף די עסטרייכער, צי אויף די ענגלענדער, וועלען זיי מאַכען פון אַלעמען אַש און בלאָטע.

אַזוי שנעל ווי דער מלמד האָט געענדיגט, האָט איהם דער, וואָס איז געווען באַגייסטערט פאַר ענגלאַנד, דערלאַנגט צוויי פּעטש: „נאַ, וועסט וויסען צו האַלטען מיט רוסלאַנד!" (דאַ־מאָלסט האָט מען נאָך נישט געוואוסט, אַז אין דער וועלט־מלחמה וועט רוסלאַנד זיין אין עלאַי מיט ענגלאַנד).

איצטער זיצט ביי דער הרובע אַן אַלטער איד און שלאָפט. איך קוק זיך איין אין איהם. זיינע מלבושים זעהען אויס ווי מען וואָלט פון זיי אָפּגעריסען שטיקער.

ער כאַפּט זיך אויף.

איך פאַרפיהר מיט איהם א געשפּרעך. ער ערקלעהרט מיר, אַז ער איז נישט פון סקאַלאַ, אַז ער קומט פון א שטעטעל לעבען לעמבערג.

„וואָס טוט איהר דאָ?" — פרעג איך איהם.

ער ערקלערט מיר, אַז ער וואַנדערט פון שטאָט צו שטאָט. אַזוי ווי זיין זוהן האָט נישט קיין פּרנסה, האָט ער מעהר נישט ביי וועמען צו זיין. וואַנדערט ער אַרום אויף דער וועלט.

„איז ווי־זשע געהט עס אייך?" — פרעג איך איהם.

— גאָט זיי דאַנק, — זאָגט ער, — צווישען אידען ווערט מען נישט פאַרפאַלען. איבעראַל זיינען דאָ בתי־מדרשים, וואו מען קען איבערנעכטיגען און א מאָלצייט קריגט מען ביי אידען. אין יעדען שטעטעל קען מען געפינען א אידען, וואו מען וועט גע־בען עפּעס צו עסען.

„ווי לאַנג זענט איהר דאָ?"

— זינט נעכטען, — זאָגט ער, — איך בין געקומען אהער נעכטען בייטאָג. ביים מעריב־דאַוונען האָט מיך אַ איד אויסגע־פרעגט און געזאָגט, אַז ביי איהם עסען איז ניטאָ. ער איז אליין אַן אביון. אָבער ער האָט מיך גלייך אריינגעפיהרט אין אַ הויז, וואו מען האָט מיר באלד געגעבען צו עסען.

— איך זאָג אייך, — האָט ער געזאָגט, — אַז קיין איד וועט צווישען אידען נישט שטאַרבען פאַר הונגער, אויב ער שעמט זיך נאָר נישט. און וואָס איז דאָ וואָס זיך צו שעמען — איך בין עפּעס דער איינציגער אָרימאַן אין גאַליציע, — האָט ער צו־געגעבען.

ער האָט מיר ווייטער ערקלערט, אַז צו־לאַנג אין אַ שטעטעל דאַרף מען נישט זיין. קיין סך רייכע אידען זיינען נישטאָ. פאַר אַזאַ שטעטעל, ווי סקאַלאַ, גיט ער דריי טעג. פון סקאַלאַ וועט ער געהן אין באָרשטשאָוו, און דאַן אין יעזשיערזשאַני. אין באָרשטשאָוו רעכענט ער צו זיין פינף טעג. יעזשיערזשאַני גיט ער בלויז צוויי טעג. מען דאַרף, האָט ער געזאָגט, וויסען די כחות פון יעדען שטעטעל.

אָנפאַנגס, ווען ער איז נאָך ניט געווען ערפאַהרען, האָט ער אין אַן אָרעם שטעטעל געוואָלט זיין מעהר פון אַ וואָך. איז טאַקע געווען שלעכט. מען טאָר ניט איבערציהען דאָס שטריקעל, האָט ער ערקלערט.

אין אלגעמיין, האָט ער געזאָגט, קען ער זיך ניט באַקלאָגען וועגען זיין לאַגע. ער איז זיכער, אַז ער עסט בעסערע מאָהלציי־טען פון זיין זוהן און שנור, וועלכע זיינען אויף אייגענע קעסט.

זעהענדיג אזוי ווי איך באַטראַכט איהם זאָגט ער: איהר מיינט געוויס, אַז איך בין אַ געבאָרענער שנאָרער, מיר געפעהלען יענעמ׳ס מאָהלצייטען. ווען איהר וואָלט מיך געקענט פון אמאָל, וואָלט איהר געהאַט אַן אַנדער מיינונג פון מיר. ווען איך האָב מיין זוהן חתונה געמאַכט האָב איך איהם געגעבען אַ גרויסען נדן. איך בין געווען אַ גרויסער סוחר. ווען אַלעס איז צוגרונד געגאַנ־גען און איך קען ניט פאַרדינען. איז וויל איך ניט אונטער־געהן. ווען מיר איז געגאַנגען גוט האָבען אָרימע ביי מיר געגע־

סען. איצט עס איך ביי אַנדערע. איך האָב נאָך ניט אָפּגעגעסען די מאָהלצייטען, וואָס איך האָב אַנדערע געגעבען.

אין מיטען געשפּרעך איז אריינגעקומען אַן עלטערער מאַן, און מיר דערלאַנגט די האַנד און געזאָגט מיר זיין נאָמען.

איך האָב איהם מיט יאָהרען צוריק געקענט. ער איז געווען אין די מיטעלע יאָהרען און באַקאַנט פאַר אַ זעהר פרומען.

— דו ביסט געקומען אָנקוקען דאָס בית־המדרש, פיין, — האָט ער אויסגערופען. — קיינער קומט היינט ניט אַהער!

— וואָס איז געשעהן — פרעג איך איהם.

— עס איז משיח'ס צייטען, כולו חייב, — האָט ער געזאָגט. — אַלע גלויבען ניט און ווילען ניט לערנען קיין תורה.

— און וואָס הערט זיך מיט אייך? — פרעג איך איהם.

— איך עס קעסט, — זאָגט ער.

— וואָס מיינט איהר מיט דעם?

— אַמאָל, — ערקלערט ער מיר, — פלעגען די קינדער עסען קעסט ביי די טאַטעס, היינט עסען די טאַטעס ביי די קינדער. דער אונטערשייד איז נאָר, וואָס די טאַטעס האָבען געקענט געבען און געוואָלט געבען, און די קינדער — ניט זיי קענען און ניט זיי ווילען.

— אָט דערפאַר, — רופט זיך אָפּ דער אָרימאַן, — וואַנדער איך פון שטאָדט צו שטאָדט.

— זאָג מיר, דו קומסט דאָך עפּעס פון דער גרויסער וועלט. ווען וועט זיין די גרויסע וועלט־מלחמה? — פרעגט מיך דער סקאַלער אַלטער פרומער מאַן.

— וואָס וויים איך? — זאָג איך.

— און איך וויים יאָ, — זאָגט ער. — ס'וועט שוין לאַנג ניט נעהמען.

— ווי אזוי ווייסט איהר? — פרעג איך איהם.

— אָט, — זאָגט ער און נעהמט ארויס אַ ספר'ל פון אַלמער און צייגט מיר אַ פּסוק.

איך לייען איבער דעם פּסוק. איך זעה ניט קיין מלחמה. דער אַלטער פּאַרטייטשט מיר דעם פּסוק.

אפשר, — זאָג איך איהם, — האָט דאָס געמיינט יענע מלחמה, וואָס ס'איז געווען?

— אָ, ניין, — זאָגט ער, — ס'מיינט די נייע מלחמה, וואו אלע, וואָס טוען שלעכטס אידען וועלען קריגען די גרויסע מפּלות.

— ווייסט איהר, זאָג איך איהם, אז איצט א מלחמה וועט מיינען אָהן א שיער קרבנות פון אלע צדדים.

— איך ווייס, — זאָגט ער. — אָבער וואָס קען מען טאָן? מען קען דאָך ניט לאָזען אזא פּאסקודנע וועלט זיך פיהרען ווי ס'פיהרט זיך.

— דו מיינסט, — זאָגט ער ווייטער, — אז היטלער טוט זיך וואָס ער וויל און דער אויבערשטער זעהט ניט. אי האלט ער אויף איהם אָן אויג. ער טראַכט זיך, דו, המן הרשע, דו מיינסט, אז אָט־אָט וועסטו צונעהמען די גאַנצע וועלט און פון איבעראל ארויסטרייבען די אידען. טאָ ארבייט מעשים, בוי פלענער, קריך אין דער בלאָטע, צוקריג זיך מיט דער גאַנצער וועלט, און דער־נאָך — אי וועט מען איהם דערלאַנגען א זעץ, אז ער וועט דורות־לאנג געדענקען.

— און די פּאַליאקעלאך, וואָס ווילען נאָכטאָן היטלער'ן וועט מען שווייגען? — רופט זיך אָן דער צווייטער איד, דער, וואָס וואַנדערט.

— ווער ס'האָט ארויסגעטריבען די אידען און ווער עס וויל זיי ארויסטרייבען, וועלען ברעכען האלז און נאַקען. ווער ס'איז געגען אידען, וועט אין דער נייער מלחמה אָפּגעווישט ווערען, — רופט זיך אָן דער ערשטער.

— ווען מען וועט נאָך דער נייער וועלט־מלחמה דאַרפען אויפ'סניי איינטיילען די וועלט וועט זיין זעהר לייכט אויסצוגעפי־נען וועמען מען מעג געטרויען צו זיין א זעלבסטשטענדיגע מלוכה און וועמען ניט. די אידען וועלען זיין די מאָס. ווער ס'האָט גוט באהאַנדעלט אידען, דעם וועט מען מעגען געטרויען. דו זאָלסט גוט געדענקען מיינע ווערטער, וואָס איך האָב דיר געזאָגט דאָ אין בית־המדרש, — האָט דער סקאלער אַלטיטשקער געזאָגט.

אויפ׳ בית עולם

דער קברן. — ביי מיין טאַטענ׳ס קבר

איינער פון די ווענינע אין מיין שטעטעל, וואָס מאַכען נאָך ווי עס איז אַ לעבען, איז דער קברן, דער באַגרעבער.

דאָס איז אַ איד, וואָס איז בלינד אויף אַן אויג, מיט אַ קורץ גרוי בערדעל. זיין בערדעל איז קורץ, ניט חלילה, ווייל מען שערט עס אונטער, נאָר ווייל עס איז איינע פון די בערדלאַך וואָס האָבען ניט ליב לאַנג צו וואַקסען.

ער איז שוין איצט אַ זקן. אין מיינע יאָהרען, איידער איך בין געפאָהרען קיין אַמעריקע, איז ער שוין אויך ניט געווען קיין יונגערמאַן און געשפּילט אַ וויכטיגע ראָלע אין שטעטעל.

ער איז געווען דער שמש פון דער טשאַרטקאָווער קלויז, ער האָט באַדינט די בעלי בתים, ער האָט באַגראָבען די מתים און איז געווען דער משרת אויף אַלע ברית׳ן און חתונות.

ס׳איז קיינמאָל ניט פאָרגעקומען קיין ברית אָדער אַ חתונה אָהן איהם. פון לויות איז אָפּערעדט. ער איז געזעסען מיט׳ן מת, ער האָט געטראָגען דעם מת, ער האָט פאַרזאָרגט דעם מת. אָהן איהם האָט קיינער ניט חתונה געהאַט און אָהן איהם איז קיינער ניט באַגראָבען געוואָרען.

מיר, אַלס קינדער, האָבען פאַר איהם מורא געהאַט.

מיר פלעגען דאַמאָלסט מורא האָבען צו געהן אין אָוועגט אַליין אין גאַס. מיר האָבען מורא געהאַט פאַר שדים, פאַר די שאָטענס אויף די ווענט, פאַר׳ן בית עולם, און ספּעציעל פאַר מתים.

און ניט נאָר מיר אַליין, נאָר אויך אונזערע מאַמעס האָבען מורא געהאַט אַליין צו געהן ביינאַכט און געציטערט פאַר אַ מת. ווען איינער אין אין שכנות געשטאָרבען, האָבען די מאַמעס מיט די קינדער אַ וואָך צייט מורא געהאַט ארויסצוגעהן אין גאַס.

מיר האָבען דעם בלינדען שמש (אזוי האָט מען איהם גע־רופען) באַוואונדערט פאַר זיין העלדישקייט, פאַר זיין ניט־שרעקען זיך פאַר מתים, און אין דער זעלבער צייט פאַר איהם אליין מורא געהאט. ווי זאָל מען ניט מורא האָבען פאַר אַ מענשען וואָס דרעהט זיך אַרום אויפ'ן בית עולם, צווישען לויטער מתים, און די מתים טשעפּען איהם ניט? לויט די מעשיות וואָס מיר האָבען זיך אָנגעהערט, האָבען די מתים אַנדערע יאָ געטשעפּעט. מיר האָבען געוואוסט פון אַ פרוי וואָס איז ביינאַכט פאַרבייגעגאַנגען די שוהל, איז אַ מת פון דאָרט אַרויס און איז איהר נאָכגעלאָפען. די פרוי אליין האָט יאָהרען לאַנג דערצעהלט די געשיכטע. מיר האָבען זיך אָנגעהערט אַנדערע עהנליכע געשיכטעס וועגען טויטע. מיר זיינען למשל געווען זיכער, אַז ווען אַ מת איז אין כעס אויף עמיצען וואַרגט ער איהם ביינאַכט.

דער „העלדישער" שמש פלעגט קיין סך ניט רעדען. זיין אַרבייט איז באַשטאַנען פון אַרויסוואַרפען אינגלאַך פון קלויז וואָס רעדען אין מיטען דאַווענען. ער פלעגט ניט דאַרפען פיעל זאָגען, נאָר אַ ברום טאָן: „אַרויס!" און מען איז שוין געלאָפען. קיינער האָט ניט געוואגט איהם זיך אַנטקעגען צו שטעלען. ער האָט ניט געלעגט קיין כבוד אפילו אויף די קינדער פון די גבירים. פאַר איהם האָבען ניט עקזיסטירט קיין מיוחסים. דער רב, דער ראש הקהל און טאַקע די גבירים האָבען אימער געהאַלטען מיט איהם. ער איז דערפאַר געווען דער פאָלשטענדיגער דיקטאַטאָר.

ער איז איצט דער איינציגער אין שטעטעל וואָס האָט די אלע יאָהרען ניט געביטען זיין פּרנסה. ער האַלט נאָך אלץ אָן דיזעל־בע עמטער; איז אלץ דער שמש און דער קברן; כאָטש וועמען אַרויסצוטרייבען פון קלויז האָט ער שוין ניט. די יונגוואַרג קומט אין גאַנצען ניט דאַווענען.

ער רעדט נאָך ווי אימער ווייניג. אלץ וואָס איך וויל פון איהם אַרויסקריגען, מוז איך דורך שטעלען איהם פיעלע פראַגען. ער ענטפערט בלויז מיט איין וואָרט.

— האָט איהר פּרנסה?

— יאָ.

— איז נאָך פאַראַן אַ סך חתונות?

—ניין.

— און ברית'ן?

— ניין.

— און ווי איז מיט מתים?

— פאַראַן גענוג.

— אָבער עס זיינען דאָך ניטאָ דאָ אַזוי פיל מענשען ווי אַמאָל, זאָג איך איהם — דאַרף דאָך זיין ווייניגער מתים.

ער האָט נאָכגעקלערט אַ ביסעל און געזאָגט: — „פאַראַן דאָ איצט מעהר עלטערע ווי אינגערע".

ער האָט הייסט עס געמיינט, אַז עס זיינען איצט דאָ מעהר קאַנדידאַטען פאַר'ן בית עולם ווי אַמאָל.

נאָך פיעלע פראַגען האָב איך פון איהם ארויסגעקראָגען, אַז ער האָט אַ שותף. זיין אייגענעם זוהן, וואָס העלפט איהם טראָגען די מתים.

ער איז מיט מיר געגאַנגען אויפ'ן בית עולם.

ווען מיר זיינען געקומען צווישען די טויטע, האָט ער זיך אָנגעהויבען פיהלען פיעל דרייסטער און גענומען רעדען. עס האָט אויסגעזעהן, אַז צווישען די טויטע פיהלט ער זיך היימישער. פונקט ווי צווישען די לעבעדיגע רעדט ער ווייניג, אַזוי רעדט ער צווישען די טויטע אַ סך. דאָ פיהלט ער זיך ווי ביי זיך אין דער היים.

ער האָט מיר וועגען יעדען קבר ערקלערט ווער דאָס איז, ניט וואַרטענדיג אויף מיינע פראַגען.

אויפ'ן בית עולם האָב איך ניט געדאַרפט רעדען קיין וואָרט און איך האָב אויך ניט געהאַט וואָס צו רעדען. ער האָט גערעדט.

אָט דאָ ליגט דער און דער גביר, ווייזט ער מיר אָן — און דערצעהלט מיר, אַז ביי דעם גביר האָט אַמאָל אַ איד אַ חסיד ארויסגענומען פון קעשענע אַ פּאָר רייניש. יענער איד ליגט שוין אויך דאָ. דער חסיד האָט חרטה געהאַט און האָט זיך מודה געווען. דער גביר האָט איהם גענומען צום רב. דער רב איז שוין אויך דאָ אויפ'ן בית עולם. דער רב האָט געפרעגט דעם חסיד

פאַרוואָס ער האָט דאָס געטאָן. דער חסיד האָט געענטפערט „איך האָב געדאַרפט אויף שבת".

דער רב האָט געפרעגט דעם גביר: „וואָס פאַר אַ שטראָף זאָל איך איהם געבען?"

„ער זאָל געבען די האַנד צו אייך, אַז ער וועט מעהר ניט גאַנווענען" האָט דער גביר געזאָגט.

דער חסיד האָט עס געטאָן.

דער גביר האָט דאַן פאַרשפּראָכען דעם חסיד יעדע וואָך צו געבען אויף שבת ער זאָל ניט קומען צו קיין נסיון פון גאַנווענען, דערצעהלט מיר דער שמש.

ער ווייזט מיר אָן אויף אַן אַנדער קבר: דער און דער מלמד. דאָס איז מיינער אַ רבי, אַ גמרא מלמד וואָס פלעגט רעדען שנעל.

ער פלעגט זיך אָוועקזעצען לערנען מיט מיר צוזאַמען פון איין גמרא און ער פלעגט פליהען ווי אַן עקספּרעס-צוג. ער איז שנעל פאַרטיג געוואָרען מיט אַ בלאַט גמרא און שוין איבערגע־מישט. איך פלעג ניט קענען נאָכהאַלטען און איהם געלאָזען פלי־הען אָהן אפילו ריכטיג אַריינצוקוקען. איך האָב בלויז נאָכגע־ברומט. דער מלמד האָט אַזוי הנאה געהאַט פון לערנען, אַז ער האָט ניט געהאַט קיין צייט צו באַמערקען, אַז איך לערען גאָר ניט.

אָט ווייזט ער מיר אָן אויפ'ן קבר פון אַ צווייטען מלמד. יע־נער איז געווען אַ בייזער. ער פלעגט תמיד שרייען אויף די תלמידים. ער פלעגט אָבער מורא האָבען פאַר דער רביצין, וועל־כע פלעגט אויף איהם שרייען. ער פלעגט שרייען אויף אונז און די רעביצין אויף איהם. מיר פלעגען זיין דאַנקבאַר דער רביצין וואָס זי רעכענט זיך אָפּ מיט איהם פאַר אונז.

אָט ווייזט ער מיר אָן אויף אַ קבר פון אַ דייטשען לערער. ער איז געווען אַן אפּיקורס און אַ וויצען זאָגער. אַז ער האָט אַריינגעקראָגען אַ תלמיד איז ביי איהם וויכטיגער פון אַלעס גע־ווען צו מאַכען דעם תלמיד פאַר אַן אפּיקורס. ער פלעגט פון מיר חוזק מאַכען, ווייל איך פלעג פאָהרען מיט מיין טאַטען צו אַ „גוטען אידען". ער פלעגט מיך רופען „דאָס רעבעלע". דאָס „רעבעלע" שאָקעלט זיך. דאָס „רעבעלע" געהט. ער פלעגט פאַר

אזעלכע זאכען פאַרלירען זיינע תלמידים און דערפאַר געלעבט אין אָרימקייט. אָבער ער פלעגט זיך אויך ווילען וועגען זיין אָרימקייט. איך געדענק אַמאָל, אין אַ פרייטאָג, ווען אַן אָרימאַן איז אריינגעקומען נאָך אַ נדבה און ער האָט איהם ניט געהאַט וואָס צו געבען, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ קוילעטש וואָס איז גע־לעגען אויפ'ן טיש און געזאָגט צום אָרימאַן: „גיט מיר רעשט פון אַ קוילעטש!"

טראָץ זיין אָרימקייט איז ער געווען אימער פרעהליך און וויציג.

איצט זעה איך זיין קבר מיט אַן אָפּגעריבענער מצבה.

און אָט ווייזט מיר דער שמש אויף אַ קבר פון נאָך איינעם אַ לעהרער פון דייטש.

יענער איז געווען אַ שאַרפער קאָפּ, פול מיט הומאָר און וויץ. יעדען שבת פריה פלעגט ער זיך אָנטאָן אַ שטריימעל אויף איין זייט קאָפּ, מאַכען אַ גוטען קידוש פאַר'ן דאַוונען און זיך אוועקשטעלען אין גאַס חוזק מאַכען פון אַלעמען. ער האָט גע־לאַכט פון די רייכע, ער האָט געלאַכט פון די חסידים, ער האָט געלאַכט פון דעם אידישען בירגערמייסטער מיט זיינע פּאַראַנדקעס.

יונגעלייט האָבען ליב געהאַט זיך צוצוהערען און לאַכען.

מען פלעגט זיינע וויצען צוטראָגען איבער'ן שטעטעל, און אַלע האָבען געלאַכט.

ער פלעגט ניט האָבען קיין סך שילער, ווייל די עלטערען האָבען ניט געוואָלט זייערע קינדער זאָלען לערנען ביי אַ „לץ". אזוי האָט מען איהם גערופען. אָבער ביי איהם איז זיינע לצנות געווען וויכטיגער ווי די פרנסה.

איך האָב די גאַנצע צייט, וואָס איך האָב זיך געפונען אין מיין שטעטעל, געזוכט אזאַ סאָרט „לץ", אַ וויצלינג ווי יענער לעהרער. אָבער איצט וויצעלט מען זיך ניט. דאָס שטעטעל האָט דעם הומאָר פאַרלאָרען.

אָט ווייזט ער מיר אַ קבר פון אַ אידען, וועגען וועמעס נאָ־איוויטעט עס פלעגען ארומגעהן גאַנצע לעגענדעס. מען האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ווען מען האָט ביי איהם געמאָנט שטיי־

ערען (טעקסעם), האָט ער געפרעגט: „ווי אזוי ווייס דער קייזער, וואו איך וואוין?"

און אָט ווייזט ער מיר אָן אויף עטליכע קברים פון גבירים מיט זייערע פרויען. גרויסע מצבות מיט טיטלען; און אָט איז ווידער א מלמד און אָט א חסיד, וואָס האָט ליב געהאַט יעדען פרייטאָג צו־נאַכטס זיין שכור און טאַנצען אין די גאַסען און אין דער בלאָטע.

איצט זעהט מען אין שטעטעל ניט מעהר א אידען, וואָס זאָל שכור'ן. עס זיינען ניטאָ מעהר קיין חסידים און עס זיינען ניטאָ מעהר אזעלכע פרעהליכע אידען. די פרעהליכקייט האָט זיך אָפּ־געטראָגען פון שטעטעל.

און אָט איז א קבר פון א רב און אָט א קבר פון א אידען, וואָס איז געווען הויך געוואַקסען און מען האָט איהם געהאַלטען פאַר א שמשון הגבור. מען האָט וועגען איהם געזאָגט, אז ער וואָלט געקענט שלאָגען צעהנדליגע מענשען מיטאמאָל. אָבער ער האָט זיך קיינמאָל ניט געשלאָגען. ער האָט זיין גבורה אוועקגעגע־בען אויף לערנען תורה.

און אָט איז ווידער א גביר און ווידער א מלמד.

וואָס פאַר א מין דעמאָקראַטי? גבירים מיט מלמדים.

דער שמש זאָגט מיר, אז דער בית־עולם האָט זיך זעהר צו־וואַקסען. עס זיינען דאָ פאַראַן אָהן א שיעור מענשען.

עס זיינען געווען צייטען, ווען מען איז געשטאָרבען מיט־אמאָל גאַנצע פאַמיליעס, דערצעהלט מיר דער שמש. דאָס איז געווען אין צייט פון קריג, די עפּידעמיעס האָבען געבושעוועט, און ער האָט געטראָגען אויפ'ן בית־עולם איין טויטען נאָכ'ן צווייטען.

ער פיהרט מיך צו צום קבר פון מיין זיידען, און אָט צום קבר פון מיין טאַטען.

איך האָב געמיינט, אז איך וועל צוקומען צום קבר פון מיין טאַטען, וועל איך צוזאַמענברעכען. אָבער ניין. איך בין געבלי־בען דעם ערשטען מאָמענט שטעהן גלייכגילטיג, פּונקט ווי ביי אַנ־דערע קברים. דאָס בילד פון מיין פאָטער איז מיר געשטאַנען ווי לעבעדיג. עס האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אז אָט באַגריסט

ער מיך, אַט פרעגט ער מיך אויס פאַרשיידענע פראַגען, ווי ס'געהט מיר און פרעגט מיך וועגן זיינע אַנדערע זיהן, וואָס זיינען אין אַמעריקע.

אַ מאָמענט שפּעטער האָב איך זיך געכאַפּט, אַז דאָ איז פון מיין טאַטען ניטאָ מעהר ווי אַ מצבה און אַז אין דער ערד איז אויך פון איהם שוין ניטאָ קיין זכר, און אַז ער ווייס אפילו ניט, צי איך שטעה דאָ לעבען איהם.

באַלד האָט זיך מיר אויסגעוויזען, אַז די גאַנצע געשיכטע איז ניט מעהר ווי איינער פון מיינע חלומות. איך בין איצט אין ניו יאָרק, ליג אין אַ בעט, שלאָף און מיר חלום'ט זיך, אַז איך בין אין מיין שטעטעל, שטעה אויפ'ן דאָרטיגען בית-עולם, און זעה אַלעמען ליגען אין דער ערד און איך אליין דרעה זיך אַרום מיט אַ בלינדען שמש. איך וועל זיך אויפכאַפּען פון שלאָף און געוואָר־ווערען, אַז עס איז בלויז אַ חלום. אין ניו יאָרק האָב איך שוין געהאַט אַ סך עהנליכע חלומות.

איך קוק אויף דער מצבה און איך קוק אויפ'ן שמש. איך רייב זיך די אויגען אויסצוגעפינען, צי איז דאָס טאַקע אַ חלום, צי ניין.

מיר הויבט אָן דורכ'ן קאָפּ שווינדלען מיין גאַנצע רייזע קיין אייראָפּע. אַט פאָהר איך אויף דער „קווין מערי”. אַט בין איך אין בערלין, וואו איך זעה די פאַרדאַמטע „ברוינע העמדלאַך”, אַט בין איך אין וואַרשע, צווישען אייגענע מענשען, אַט בין איך אין מיין שטעטעל און אַט בין איך אויפ'ן בית-עולם לעבען מיין טאַ־טענ'ס קבר. אַלעס איז אַזוי שנעל דורכגעפלויגען.

איך קוק ווידער אויף דעם שמש, וועלכער פלעגט מיך אַלס קינד אַרויסוואַרפען פון קלויז פאַר רעדען אין מיטען דאַווענען, און עס דוכט זיך מיר, אַז דאָס איז געווען ערשט נעכטען. אַט בין איך אַ קינד. מיין טאַטע פיהרט מיך ביי דער האַנט צו דאַווענען. מיין טאַטע פאָהרט מיט מיר צום רבי'ן. איך טאַנץ צווישען חסידים. אַט פאָהר איך אַוועק קיין טשערנאָוויץ שטודירען. אַט קום איך צוריק און רעד ווידער מיט מיין טאַטען.

עס ווילט זיך מיר ניט גלויבען, אַז מיין טאַטע ליגט אין אַ קבר

און ווייסט ניט פון מיין קומען אהער, און ווייסט גאָרניט וועגן מיר. עס ווילט זיך מיר ניט גלויבען.

איך געה אוועק מיט'ן שמש פון בית-עולם און איך פיהל ווי איך וואָלט אוועק פון לעבעדיגע מענשען. עס שניידט מיר מיין הארץ. דאָרט איז דאָך אַזאַ פיינע „לעבעדיגע" געזעלשאַפט! זיי זיינען דאָך אַלע געוועזן לעבעדיגער און פרעהליכער, ווי די, וואָס זיינען אויף דער ערד!

מיר ווילט זיך ניט גלויבען, אַז די אַלע מענשען דאָרט זיינען טויט! מיר ווילט זיך ניט גלויבען!

אַ הערינג וועטשערע

אַ געשפּרעך מיט אַ כלה — נחת פון אַ מאַמען

נאָכדעם ווי מען האָט אין מיין שטעטעל זיך דערוואוסט, אז איך בין ניט קיין גביר, האָב איך געקראָגען פילע איינלאַדונגען פאר באזוכען. פילע האָבען געוואָלט איך זאָל זיי באזוכען אין זייערע היימען. פריהער, ווען זיי האָבען געמיינט, אז איך בין רייך, האָבען זיי זיך געשעהמט מיר צו צייגען זייערע אָרימע וואוי־נונגען. אָבער איצט בין איך דאָך אַן אייגענער מענש, אַן אָרי־מאַן, גלייך מיט אַלע אָרימע.

פאַר מיר איז, פאַרשטעהט זיך, ניט געווען מעגליך אַלעמען צו באזוכען. אָבער איך האָב געמאַכט גענוג באזוכען פאר דער קורצער צייט וואָס איך בין דאָרט געווען.

איינער פון מיינע ערשטע באזוכען איז געווען ביי מיין קו־זינע פייגע.

ווען איך בין אהין אריינגעקומען איז איין קינד, וואָס איז קראַנק, געשלאָפען. אַ צווייטע קינד האָט געוויינט. דער פאָטער האָט געבעטען דאָס קינד ניט צו וויינען, אום ניט אויפצוּוועקען זיין קראַנק ברודערעל. די מוטער איז געזעסען ביים טיש און גע־נעסען איהר נאַכטמאהל.

מיין אריינקומען האָט אַלעמען איבערגעשלאָגען, אַ חוץ דעם קינד, וואָס האָט געוויינט. עס האָט ניט געהאָלפען קיין טענות צו איהם, אַז עס איז דאָ אַ גאַסט פון אַמעריקע. ער האָט זיין פאַר־געניגען פון וויינען צוליב מיר ניט געוואָלט אויפגעבען. בּיס־לעכווייז האָט ער דאָס וויינען אָפּגעשטעלט.

איך האָב זיך אַוועקגעזעצט אַקעגען מיין קוזינע, באַטראַכט איהר מאָלצייט, וואָס איז באַשטאַנען פון אַ שטיקעל הערינג, אַ שטיקעל ברויט און טהעע. איך האָב זי געבעטען זיך ניט צו שטערען און עסען.

ווערענד זי האָט געגעסען האָב איך באַטראַכט איהר וואוי-

נונג. איין קליין צימער מיט א קראַם. קיין פענסטער איז ניטאָ. די לופט און די ליכט קומט אריין פון דער קראַם.

מיין קוזינע האָט עסענדיג געגלעט איהר קינד, וואָס האָט גע־וויינט און געזאָגט: „דו מיינסט, אז ער האָט געוויינט אומזיסט. מסתמא פיהלט ער עפּעס ניט גוט. מיר פאַר איהם!"

— איך האָב מורא, אז ס'שאַדעט זיי וואָס איהר וואוינט אין א צימער אָהן א פענסטער, האָב איך געזאָגט.

— דער דאָקטאָר האָט דאָס אויך געזאָגט, האָט מיין קאָזין באַמערקט.

מיין קוזינע האָט זיך צואוויינט.

איך האָב געזעהן, אז איך האָב אָנגערירט אַן אָנגעוועהטאָג־טע טהעמע, וואָרים זיי וואוינען דאָך נישט אָהן פענסטער צוליב תענוג. איך האָב געוואָלט איבערגעהן צו אַן אַנדער טהעמע. איך האָב אָבער ניט געוואוסט וואָס זיי וועט פאַראינטערעסירען. מיך האָט אין דעם מאָמענט פאַראינטערעסירט דער אָרימער מאָל־צייט פון מיין קוזינע. איך האָב געוואָלט וויסען ווי אזוי לעבען דאָ די אָרימע? וואָס עסען זיי אין דער פריה, וואָס עסען זיי בייטאָג. אָבער ווי אזוי פרעגט מען דאָס אזוי, אז זיי זאָלען זיך ניט געפינען געטראָפען.

איך האָב א זאָג געטאָן: הערינג איז א גוט מאכל.

„יאָ", זאָגט מיין קוזינע, „עס וואָלט געווען גוט ווען מען זאָל דאָס ניט עסען אזוי אָפט".

„וואָס מיינסטו?" — פרעג איך.

„אין אמעריקע, למשל, פרעגט זי, זיינען אויך דאָ מענשען וואָס עסען צוויי מאָל א טאָג הערינג, בייטאָג און ביינאַכט?"

„ניין" — האָב איך געענטפערט, און איך האָב געפיהלט אז מיט דער טהעמע האָב איך אויך ניט אריינגעטראָפען. עס טוט איהר וועה.

איך האָב אָבער דאָך געוואָלט וויסען ווי אזוי עס לעבען דאָ מענשען, וואָס האָבען ניט קיין פּרנסה; ווי אזוי שלאָגען זיי זיך דורך. אביסעל זעה איך שוין. מען עסט הערינג צוויי מאָל א טאָג. הערינג איז ביליג. און ווי עס ווירקט אויפ'ן געזונט אזעלכע עסענס זעה איך אויך. איך זעה די בלאַסע פּנים'ער פון מיין

קאַזין און קוזינע און איהרע צוויי שוואַכע קינדער. זיי זעהען אויס ווי הערינג. אָבער ווי איז דער פאַל ווען איינער איז קראַנק און ער טאָר ניט עסען קיין הערינג?

„ענטשולדיג", זאָג איך צו מיין קוזינע, „מיר פאַראינטערעסירען נאַרישע זאַכען, געפין דיך ניט געטראָפען וועגען מיינע פראַגען. זאָל דיך גאָר ניט אַרען. פאַר מיר איז וויכטיג צו ווי־סען די אַלע קלייניגקייטען. איך זעה, אַז מען לעבט דאָ פון הע־רינג, אָבער ווי איז דער פאַל ווען איינער איז קראַנק און דער דאָקטאָר פאַרבאָט איהם צו עסען הערינג? ווי איז ווען אַ פרוי ליגט אין קימפעט און מוז האָבען בעסערע עסענס זיך צו ער־האַלען?

„ווען איינע ליגט אין קימפעט, איז איהר גאָר גוט", האָט מיין קוזינע געענטפערט מיט אַ שמייכעל.

„פאַרוואָס איז איהר גוט?"

„איך ווייס וועגען מיינער אַ נאָהענט־באַקאַנטע. ווען זי איז געלעגען אין קימפעט, האָט מען איהר יעדען טאָג געבראַכט יאַכ־לעך מיט „פוטער געבעקס". עס האָט איהר דאַן באַנג געטאָן אויפ־צושטעהן פון קימפעט" — האָט זי ערקלערט.

„ווען מיין ווייב איז געלעגען אין קימפעט", האָט מיין קאַזין ערקלערט האַלב־וויציג, „איז מיר אויך געווען גוט. זי פלעגט מיר געבען אַ חלק פון דעם פוטער־געבעקס וואָס זי האָט גע־קראָגען."

„עס זיינען דאָ פאַראַן זעהר גוטע מענשען", האָט מיין קוזינע געזאָגט. „זיי צוטיילען זיך מיט'ן ביסען. ווען ניט זיי, וואָלטען דאָ פילע אויסגעשטאָרבען פון הונגער".

„דער אומגליק איז, וואָס די צאָל וואָס קענען געבען ווערט אַלץ קלענער און קלענער", האָט מיין קאַזין געזאָגט. „די וואָס האָבען נעכטען נאָך געגעבען, דאַרפען שוין היינט אליין נעמען; און די וואָס גיבען נאָך היינט, וועלען שוין מאָרגען ניט קענען געבען".

אונזער געשפרעך איז איבערגעשלאָגען געוואָרען פון אַ בליי־כען יונגענמאַן, וואָס איז אריינגעקומען און מיך איינגעלאַדען צו אַ פאַרזאַמלונג פון די פועלי ציון.

איך האָב די איינלאַדונג אָנגענומען.

„ווען דאָס קינד וואָלט ניט געווען קראַנק, וואָלט איך אויך געגאַנגען", רופט זיך אָן מיין קאַזין.

„דו קענסט גיין", זאָגט מיין קוזינע, „איך בלייב דאָך מיט די קינדער."

„איך בין שוין לאַנג ניט געווען ביי קיין פאַרזאַמלונג פון די פּועלי ציון", באַקלאָגט זיך מיין קאַזין, וועלכער איז אַליין אַ פּועלי־ציוניסט. „אַלץ צוליב דעם וואָס די קינדער זיינען קראַנק".

ביי דער געלעגנהייט האָט זיך ענטוויקעלט אַ געשפּרעך וועגן פּאַלעסטינע.

„ווער ס'איז אַוועקגעפאָהרען פון דאַנען קיין פּאַלעסטינע" ערקלערט מיר מיין קוזינע, „דעם איז גוט", און זי רעכענט מיר אויס אַ ליסטע פון איהרע באַקאַנטע וואָס זיינען דאָרט.

„ווען איך וואָלט געקענט פאָהרען קיין פּאַלעסטינע!" רופט אויס מיין קאַזין.

„אַ מאָל, ווען איך האָב געקענט אַהין פאָהרען, האָב איך ניט געוואָלט", זאָגט מיין קוזינע. „איך האָב ניט פאַרשטאַנען. איך האָב געמיינט, אַז מען פאָהרט אַהין גלאַט ווייל מען איז אַ ציוניסט. אָבער ס'איז דאָך דאָרט טאַקע גוט".

„און ווען עס וואָלט אפילו דאָרט ניט גוט געווען, וואָלט איך אויך אַהין געפאָהרען", זאָגט מיין קאַזין. „דאָרט איז דאָך דאָ אַ מאָרגען; דאָ האָבען מיר דאָך ניט קיין היינט און ניט קיין מאָרגען".

„אוי וועה! דו זאָלסט לייענען וואָס פאַר אַ בריף עס שרייבט פון דאָרט פּעשי!" שרייט אויס מיין קוזינע, מיינענדיג איהר אַמאָליגע חבר'טע. „זי שרייבט, אַז זי וואוינט ווי אַ גרעפין, מיט עלעקטריק".

„און אַז אָהן עלעקטריק! וואָס־זשע, דאָ האָבען מיר עלעקטריק?" זאָגט מיין קאַזין. „דער עיקר איז, אַז מען געפינט זיך אין פּאַלעסטינע, ס'איז מיין היים".

„און וואָס איז מיט די אַראַבער?" פרעג איך איהם.

„אויב די אַראַבער ווילען מיך אַרויסטרייבען, קען איך דאָך שרייען: „וואָס הייסט דו ווילסט מיך אַרויסטרייבען פון מיין

היים?" און איך הער זיי ווי דעם קאָטער. אָבער דאָ, אַז די פּאַ־ליאַקען טרייבען ארויס און פאַרפּאָלגען, קען מען גאָר ניט זאָגען. מען אַרעסטירט פאַר זאָגען".

אונזער געשפּרעך וועגען פּאַלעסטינע איז איבערגעשלאָגען געוואָרען פון מיין קרובה שרה און איהר זוהן, וואָס זיינען מיך געקומען רופען צו זיך. ביי זיי אין הויז, האָבען זיי מיר געזאָגט, וואַרט אויף מיר אַ כלה.

מען פיהרט מיך צו דער כלה, בעטענדיג מיך איך זאָל מיט איהר רעדען אַ פּאָר קלוגע ווערטער.

מען גיט מיר פריהער אַלע אינפאָרמאַציעס. איהר זוהן, דערצעהלט מיר מיין קרובה, פאַרדינט גאַרניט. ער האָט שוין געהאַנדעלט מיט הערינג, און האָט אָנגעוואוירען. ער האַלט זיך דערפאַר פאַר אַ הערינג סוחר. די טאָכטער האָט אַ טויזענד זלאָ־טעס נדן, וועט ער ווידער קענען ווערען אַ הערינג סוחר.

די כלה, זאָגט מיר ווייטער מיין קרובה שרה, איז אַ שעהנע, פון אַ יחוס'דיגער משפּחה און אַ וואוילע. הכלל, זי האַלט, אַז דאָס איז אַ גליק וואָס מען דאַרף עס צוהאַלטען מיט ביידע הענט, מען דאַרף עס כאַפּען. די תנאים זיינען נאָך ניט געמאַכט גע־וואָרען, ווייל מען איבערלעגט זיך נאָך. מען פרעגט זיך נאָך. זי וויל אַז דער שידוך זאָל שנעל געשלאָסען ווערען. נו, איך דאַרף מיט דער כלה אַזוי רעדען, אַז איך זאָל מיטהעלפען דעם שידוך פאַרשטאַרקען. און אַז איך וועל רעדען אַ פּאָר גוטע ווערטער פאַר איהר זוהן, וועט עס ווירקען.

איך האָב מיין קרובה פאַרשפּראָכען צו רעדען מיט דער כלה, ווייל ס'איז מיר גלאַט אינטערעסאַנט צו רעדען מיט אַ קליינשטעטעלדיגער כלה. אָבער איך האָב דאָך ניט קיין רעכט איהר צו־רעדען צום שידוך. עס איז דאָך ניט קיין גליק פאַר איהר צו ווערען אַ ווייב פון אַ הערינג־סוחר אין סקאַלאַ, האָב איך איהר געזאָגט.

— רעד וואָס דו ווילסט, אַבי קלוג — זאָגט מיין קרובה.

קוריץ, איך זיץ אין הויז פון מיין קרובה אַקעגען אַ כלה.

די כלה, אַ קליינשטעטעלדיג מיידעל, ווען מען האָט וואָר־

שיינליך דערצעהלט פריהער וועגן מיר, אז איך בין אין אמע־ריקע זעהר א וויכטיגער מענש, פיהלט זיך א ביסעל אומבא־קוועם. זי שרעקט זיך ווארשיינליך, אז איך וועל זי נעמען אויף א קרייץ־פאַרהער, און איך וועל זי פרעגן ווער ווייסט וואָס.

איך האָב אין אָנפאַנג זיך אויך געפיהלט אַביסעל אומאַנ־גענעם, וואָרים וואָס האָב איך צו רעדען מיט א קליינשטעטעלדיג מיידעל, א כלה?

א ווײלע זיינען מיר ביידע געזעסען שטומע, געקוקט איינע אויף די אַנדערע און די גאַנצע געשיכטע האָט מיר אויסגעזעהן קאָמיש. — וואָס וויל מען פון דעם מיידעל? וואָס וויל מען פון מיר? אָבער איך קען דאָך ניט זיצען די גאַנצע צייט א שטומער. האָב איך זי אָנגעהויבען אויספרעגען וועגן איהר שטעטעל. זי קומט פון פּראָבוזשנאַ.

זי האָט געענטפערט. איך האָב איהר אַלץ געפרעגט אַזעלכע זאַכען, וואָס ס'איז איהר לייכט געווען צו ענטפערען. זי איז גע־וואָרען פרעהליכער. זי האָט געזעהן, אז איך פרעג איהר ניט קיין הארבע קשיות. זי פיהלט אז זי וועט ביי מיר אויסהאַלטען דעם עקזאַמען.

זי איז אַלע מאָל געוואָרען דרייסטער, ביז זי האָט שוין מיר געשטעלט פראַגען וועגן אַמעריקע.

זי איז אין דער קורצער צייט מיט מיר באַפריינדעט גע־וואָרען און האָט געקראָגען צוטרויען צו מיר.

זי דערצעהלט מיר, אז מען רעדט איהר פילע שידוכים אין איהר שטעטעל, נאָר יענע חתנים געפעלען איהר נישט, מיין קרוב געפעלט איהר. אָבער דאָך, זאָגט זי, פיהלט זי זיך נישט זיכער.

איך בעט איהר צו ערקלערען, אָבער זי קווענקעלט זיך. זי וויל מסתמא איך זאָל זי בעטען נאָך אמאָל. איך טוט איהר צו־ליב. ענדליך זאָגט זי מיר:

„ער מאַכט ניט קיין לעבען".

איך האָב וועגן דעם ניט געהאַט וואָס צו זאָגען. עס איז דאָך אמת.

זי רעדט ווייטער:

„מען זאָגט, אז ער איז א הערינג סוחר".

„יאָ", זאָג איך — איך האָב אויך געהערט וועגן דעם".

זי פרעגט מיך צי דאָס האַנדלען מיט הערינג איז אַ גוט געשעפט.

„איך ווייס ניט", זאָג איך. — איך האָב בלויז באַמערקט, אַז מען עסט דאָ אַ סך הערינג".

— אין מיין שטעטעל עסט מען אויך אַ סך הערינג — זאָגט זי — נאָר איך האָב ניט געהערט אַז מען זאָל מאַכען גליקען פון האַנדלען מיט הערינג.

— ווער מאַכט דען דאָ יאָ גליקען ? — זאָג איך.

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — זאָגט זי, אַז קיין סך געלט פאַר נדן האָב איך ניט. וואו ער וועט נעמען ווייס איך ניט. מיין טאַטע רעדט מיט זיין מאַמען. איך דאַרף וועגען דעם גאָרניט זאָגען. מען הייסט מיר שווייגען. אָבער איך וואָלט ניט געוואָלט, אַז דערנאָך זאָל מען צו מיר האָבען טענות, — איך דערצעהל אייך דעם אמת, ווייל איך האָב צוטרויען צו אייך. וואָס זאָל איך טאָן ? זאָל איך זיי זאָגען, אַז מיין טאַטע רעדט בלויז וועגען נדן, אַז ער האָט אָבער ניט צו געבען.

איך האָב ניט געוואוסט וואָס צו ענטפערען. זאָגען דעם אמת איז זיכער בעסער ווי צו זאָגען ליגען. אָבער אַמאָל קען דאָך דער שידוך אָפּגעהן צוליב דעם. און פאַרוואָס זאָל אַ שידוך אָפּגעהן צוליב מיר ?

— איך וועל אייך זאָגען דעם אמת — זאָג איך — עס איז מיר שווער צו געבען אַן עצה.

— גלויבט מיר, אַז ער וועט פון דעם נדן גאָר ניט האָבען — זאָגט זי, — ער וועט איהם אויפעסען.

— אויב אַזוי — זאָג איך, — איז דאָך פאַר אייך ניט גוט מיט איהם חתונה צו האָבען.

— וואָס קענען מיר אָרימע מיידלאַך טאָן ? — פרעגט זי. — פאַרזיצען איז דאָך נאָך ערגער. אַזוי אָבער, מוטשעט מען זיך צוזאַמען. ער איז אַ שעהנער בחור, ער געפעלט מיר, און איך געפעל איהם. אַי נדן ? איך האָב דען נדן און וויל איהם ניט געבען. ווען איך ווייס אַז ער וועט מיך נעמען אָהן נדן, וואָלט איך איהם אויסגעזאָגט. אָבער אַזוי, האָב איך מורא.

דאָ איז אַריינגעקומען מיין קרובה שרה און מיר געפרעגט שטיל אויפ'ן אויער: — ווי געפעלט זי דיר?

— אַ טייער מיידעל — האָב איך געענטפערט שטיל.

מיין קרובה האָט דאַן געפרעגט מיך הויך: — נו, ווי געפעלט דיר מיין כלה?

— אַ טייער, שעהן מיידעל! — האָב איך געענטפערט הויך.

— און ווי געפעלט דיר מיין אַמעריקאַנער קרוב? — פרעגט מיין קרובה די כלה.

„אַזאַ יאָהר אויף מיר!" ענטפערט די כלה.

„ביזטו דאָך טאַקע אַ מבין", זאָגט מיין קרובה.

דאָ איז אַריינגעקומען מיינער אַ יוגענד־פריינד, וואָס איז באַפריינדעט מיט מיין קרובה, מיט אַ פלעשעל שנאַפּס.

מען האָט באַלד געטרונקען לחיים.

מיין קרובה האָט לכבוד דער כלה געגעבען לעקאָך צו פאַר־בייסען.

„לחיים" האָט מיין פריינד אויסגערופען. „געזונט און פרנסה".

„לחיים" האָט די כלה געזאָגט, „מיר זאָלען אַלע זיין אין פאַלעסטינע!"

„אמן", זאָגט מיין קרובה — אָבער איהר זאָלט ניט פאָהרען אָהן מיר. איהר זאָלט מיטנעמען די מאַמע".

„אודאי", זאָגט די כלה, „אָהן אייך פאָהרען מיר ניט".

„אויב אַזוי", זאָגט מיין יוגענט־פריינט, „אַז זי איז אַ גוטע און וויל מיטנעהמען די מאַמע קיין פאַלעסטינע, געפעלט זי מיר".

„לחיים", האָט דער חתן אויסגערופען אַ האַלב־פאַרלאָרע־נער, ניט קענענדיג געפינען עפּעס אַ ניי וואָרט, וואָס קיינער האָט נאָך ביז איצט ניט געזאָגט ביים טרינקען לחיים.

אָבער זיין מוטער האָט איהם אַרויסגעהאָלפען: „עס זאָל אונז אַלע זיין גוט! און זאָלען זיך חתן־כלה צוקושען!"

חתן־כלה האָבען זיך צוקושט.

די מוטער איז געווען גליקליך. זי האָט געשעפּט נחת.

ביי די פועלי ציון

בחורים און מיידלאך אין צוריסענע שיך קרעבצען וועגען אונגליק פון שפּאַניע

אין די ערשטע טעג וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מיין שטעטעל האָב איך מייסטענס געזעהן עלטערע, אָדער מיטעליאָהרי־גע מענשען. די יונגוואַרג האָב איך כמעט ניט געזעהן.

אין מיינע צייטען האָט מען די יוגענט געזעהן יעדען אָווענט שפּאַצירען אויסער'ן שטאָט, לעבען הויף פון גראַף. איצט שפּאַ־צירט מען ניט. ס'איז קאַלט, ס'איז פינסטער. אין פילע פלע־צער איז פאַרבאָטען צו געהן. נאָך 10 אין אָווענט טאָר מען אינגאַנצען זיך נישט ווייזען אין גאַס.

וואָס טוען די יונגע מענשען, די בחורים, די מיידלאך? וואו פאַרברייינגען זיי?

מען האָט מיר געזאָגט, אַז די יונגוואַרג קען מען זעהן ביי די פאַרזאַמלונגען פון די פּועלי ציון. די עלטערע מענשען זיינען ציוניסטען. די אינגערע זיינען פּועלי־ציון.

ווען מען האָט מיך איינגעלאַדען צו אַ פאַרזאַמלונג פון די פּועלי ציון האָב איך מיט פרייד אָנגענומען. איך בין געקומען צו דער פאַרזאַמלונג פריה, איינער פון די ערשטע. איך בין גע־ווען נייגעריג זיי צו זעהן.

איך האָב אין מיין שטעטעל פאַרבראַכט מיין פריהסטע יו־גענד. איך האָב געוואָלט זעהן דעם אונטערשייד. ווי אַזוי זעהט אויס די איצטיגע יוגענט?

אַ שטיקעל באַגריף וועגען זייער גייסטיגען באַגאַזש האָב איך געהאַט פון אַ באַזוך אין דער ביבליאָטעק פון שטעטעל. זיי האָ־בען אַ ביבליאָטעק מיט מאַסען ביכער אין פּויליש, דייטש, אידיש און העברעאיש. זיי האָבען די ביבליאָטעק געשאַפען פון אַמערי־קאַנער רעליף געלטער. איך האָב געזעהן אין די פאַרפלעקטע



די העברעאישע שוהל אין שטעטעל



דירעקטארעי פוי דעם גמילות חסד פעראיי

בלעטלאך פון די ביכער ווי פלייסיג מען לייענט זיי. מען האָט מיר געזאָגט, אַז די יוגענט שלינגט פשוט די ביכער. זיי האָבען ניט וואָס צו טאָן, זיצען זיי און לייענען. אָבער איך האָב זיי אַלע געוואָלט זעהן פּערזענליך.

עס האָבען זיך פאַרזאַמעלט אַרום פופציג יונגע מענשען, מיידלאך און בחורים. די מייסטע אין עלטער פון 18 יאָהר, האָט מען מיר געזאָגט. אין מיינע אויגען האָבען זיי אויסגעזעהן פיל, פיל עלטער. זיי זיינען אַלע, הייסט עס, געבוירען געוואָרען ערשט נאָכדעם ווי איך בין שוין געווען אין אַמעריקע.

איך קוק אויף זיי. די פּנים'ער זיינען מיר באַקאַנט. זיי זעהען אויס עהנליך צו מיינע אַמאָליגע יוגענט חברים. אַזוי האָבען אַמאָל אויך אויסגעזעהן זייערע טאַטעס, אָבער מיט דעם אונטערשייד וואָס יענע זיינען ניט געווען בלאַס, יענע האָבען געהאַט בלוט אין פּנים, ווערענד זייערע קינדער האָבען ניט קיין סימן פון בלוט אין זייערע געזיכטער. יענע, די טאַטעס, האָבען אין זייער עלטער, געשטיפט און געלאַכט און זיי לאַכען ניט. די טאַטעס זייערע זיינען געווען רייכע קינדער, און זיי זיינען אָרימע. זייערע טאַטעס האָט קיין זאַך נישט געפעהלט, און זיי זעהען שוין אויס פאַרעלטערט, מאַנכע מיט קנייטשען אויף די שטערענס.

איך קוק אויף די מיידלאך. ביי קיינעם פון זיי ניט קיין שמייכעל אויפ'ן פּנים. זייערע מאַמעס זיינען געווען אימער פרעהליכע, און זיי, דער נייער דור, אַזאַ אומעטיגער.

איך קוק אויף זייערע מלבושים. פילע איז זעהר אַלטע אָפּ־געטראָגענע קליידער. מאַנכע אין צעריסענע שיך.

מען זאָגט מיר, אַז ביי דער היינטיגער פאַרזאַמלונג דאַרף מען דיסקוטירען וועגען דער לאַגע אין שפּאַניע, נאָר אַזוי ווי איך בין דאָ, וועט מען די פראַגע פון שפּאַניע אָפּלעגען אויף אַן אַנ־דערש מאָל.

ניין, — האָב איך זיי געבעטען — איך וויל הערען ווי אַזוי די סקאַלער יוגענט רעדט וועגען שפּאַניע. דאָס איז פאַר מיר מעהר אינטערעסאַנט ווי זיי זאָלען רעדען וועגען מיר. איך וויל ביי זיי נישט צונעמען אַ מינוט צייט פון זייער דסיקוסיע.

מיין פאַרלאַנג איז נאָכגעגעבען געוואָרען.

אַ בלאַסער יונגערמאַן האָט געגעבען אַן איבערבליק איבער דער לאַגע אויפ׳ן שפּאַנישען פראָנט און מיט ריהרענדע ווערטער באַריכטעט, אַז מאַדריד איז פאַרלאָרען, אַז עס איז בלויז אַ פראַגע פון טעג, אויב ניט שטונדען (אין יענער צייט האָט עס געהאַל־טען זעהר שמאַל מיט מאַדריד). בלויז אַ נס, — האָט ער פאַר־צווייפעלט געזאָגט, — קען ראַטעווען מאַדריד פון די פאַשיסטי־שע הענט.

און עס האָבען זיך ארויסגעריסען טיפע זיפצען פון די פאַר־זאַמעלטע בחורים און מיידלאַך. די אידישע יוגענט פון סקאַלאַ האָט געזיפצט ווען דעם וואָס מאַדריד געהט אריבער צו די פאַשיסטען.

עס האָט דאַן געקראָגען אַ מיידעל דאָס וואָרט און זי האָט געמאַכט אַ פייערדיגע אָנקלאַגע געגען פראַנצויזישען פּרעמיער לעאָן בלום, וואָס ער האָט אריינגעבראַכט דעם פּלאַן, אַז קיינער זאָל זיך ניט מישען אין שפּאַניע. די פראַנצויזישע ארמיי האָט געדאַרפט זיי׳ט ביי זייט קעמפען מיט דער פאָלקס-פראָנט ארמיי אין שפּאַניע. זיגען די פאַשיסטען אין שפּאַניע, איז דאָס אויך אַן אומגליק פאַר פראַנקרייך, האָט די מיידעל געשריען.

איהר האָט אָפּגעענטפערט אַן אנדער מיידעל, רעדענדיג סאַר־קאַסטיש.

„חבר לעאָן בלום", — האָט זי געזאָגט — „טוט פונקט אַזוי ווען דאָס שיקזאַל פון שפּאַניע ווי חבר׳טע שרה. ער ווייסט אויך פונקט אַזוי גוט ווי חבר׳טע שרה, אַז ס׳איז ניט גוט פאַר פראַנק־רייך און אַז ס׳איז ניט גוט פאַר דער גאַנצער וועלט, אַז די פאַ־שיסטען זאָלען זיגען, און אויב ער שיקט נישט קיין ארמיי קיין שפּאַניע, מסתמא קען ער נישט".

עס האָט דאַן געקראָגען דאָס וואָרט אַ בחור, וועלכער האָט געזאָגט, אַז ער גלויבט גאָר נישט, אַז מאַדריד איז פאַרלוירען. די באַריכטען וואָס מיר קריגען דאָ זיינען אָפּט ניט קיין אמת׳ע. און אויב אפילו עס איז אמת, אַז בלויז אַ נס קען ראַטעווען מאַדריד, וועט דער נס געשעהן, ווייל ער גלויבט ניט, אַז דאָס שפּאַנישע פאָלק וועט זיך אונטערגעבען צו דעם פאַשיסטישען חיל און ער גלויבט אויך ניט, אַז לעאָן בלום זיצט מיט פאַרלעגטע הענט ווען

מוסאָליני און היטלער שיקען אהין וואפען. ער גלויבט אין שפּאַנישען פאָלק און האט צוטרויען צו חבר לעאָן בלום, — האט דער יונגער בחור געשלאָסען זיין רעדע פול מיט פייער.

איך בין די גאַנצע צייט געזעסען און געקוקט אויף דער גע־וואַלדיגער ערנסטקייט פון די יונגע לייט, וועלכע לעבען אונטער די שרעקליכסטע צושטענדע, אָהן א היינט און אָהן א מאָרגען, און זאָרגען זיך וועגען שפּאַניע.

פאַר מיינע אויגען זיינען ארויפגעשוואומען בילדער פון דער אמאָליגער יוגענד. זייערע טאַטעס זיינען אויך אמאָל געווען ציוניס־טען אָדער סאָציאַליסטען. אָבער דאמאָלס איז דאָס געווען בלויז א מאָדע, א שפּיל, ביז צו דער חתונה. אזוי שנעל ווי איינער האט חתונה געהאט און געהאט קינדער, איז ער געוואָרען ערנסטער און זיך מעהר ניט אָפּגעגעבען מיט די „אינגעלשע זאכען" ווי ציוניזם אָדער סאָציאַליזם. מען האט דאמאָלס דאָס געהאלטען פאַר שפּילצייג פון אינגלאך, וואָס האבען ניט וואָס צו טאָן. זיי עסען ביי טאַטעס. שפּילען זיי זיך אין ציוניזם אָדער סאָצי־אַליזם.

איך געדענק, אזוי ווי היינט, אַן ערשטען־מאַי פייערונג אין מיין שטעטל. א פּאָר בחורים, וואָס האבען זיך גערופען סאָ־ציאַליסטען האבען באשלאָסען צו פייערען דעם ערשטען מאַי מיט פּראכט און גלאַנץ, אזוי ווי אין די גרויסע שטעט, מיט א גענע־ראַל סטרייק.

די ציוניסטישע בחורים איז די אידעע פון א גענעראַל־סטרייק געפעלען און זיי האבען זיך אָנגעשלאָסען. אלע אָנגע־שטעלטע פון די אידישע געשעפטען זיינען ארונטער אין סטרייק. די אָנגעשטעלטע זיינען געווען טאקע די ציוניסטישע און סאָצי־אַליסטישע בחורים, וועלכע האבען געארבייט ביי זייערע אייגענע טאַטעס. פרעמדע אָנגעשטעלטע זיינען ניט געווען. אַן אמת'ער אר־בייטער איז געווען בלויז איינער, א גוי, וואָס האט געארבייט אין א מיהל, האט מען איהם אָנגע"שכור'ט און ער האט ניט געקענט ארבייטען.

די ציוניסטען האבען זייער זאַל אוועקגעגעבען פאַר זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל. די טאַטעס האט די געשיכטע שטאַרק

פארדראָסען. וואָס איז דאָס פאַר אַ זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל אין אַ חסידיש שטעטל, וואו אַלע וואָך קומט אַן אַנדערער „גוטער איד"? זיינען זיי אַוועק צו דעם אייגענטימער פון דעם זאַל וואָס איז געווען פאַרדונגען צו די ציוניסטען און איהם געהייסען ארויסטרייבען די סטרייקערס.

דער אייגענטימער האָט געבראַכט אַ שמש מיט אַ שטעקען און יענער, איינער אַליין, האָט אַלע סטרייקערס פאַרטריבען. פאַר'ן שמש האָבען אַלע מורא געהאַט.

אָבער די בחורים האָבען דעם קאַמף ניט אויפגעגעבען. אַז עס איז געקומען צו עסען מיטאָג, האָט קיינער פון די בחורים ניט געוואָלט עסען. זיי האָבען ערקלערט אַ הונגער־סטרייק. די מאַמעס האָבען זיך געריסען ביי די האָר, אַ וועהטאָג, אַ בראָך, די קינדער עסען ניט!

די קינדער האָבען ערקלערט, אַז אויב דער זאַל וועט ניט געעפענט ווערען פאַר זינגען דעם אינטערנאַציאָנאַל, וועט מען אַ גאַנצע וואָך ניט עסען, אַריינגערעכענט שבת.

ווען די מאַמעס האָבען דערהערט אַזאַ געשיכטע, זיינען זיי אַריבער אויף דער זייט פון די קינדער, האָבען געזאָגט צו די טאַטעס: „מיר וועלען אייך אויסרייסען די בערד, אויב איהר וועט די קינדער ניט נאָכגעבען!"

דער זאַל איז באַלד געעפענט געוואָרען.

די יוגענד האָט געזיגט.

היינט קען מעהר אַזאַ הונגער־סטרייק ניט פאָרקומען. מען הונגערט סאַי ווי, און די טאַטעס זיינען ניט געגען די קינדער. ביי די טאַטעס האָבען די קינדער אַלע פרייהייטען. אָבער עס זיינען פאַראַן אַנדערע צרות: עס איז ניטאָ קיין פרנסה, עס איז ניטאָ קיין לעבען.

די קינדער ווייסען היינט אַ סך מעהר ווי זייערע טאַטעס האָבען ווען געוואוסט. אָבער אָהן כח, אָהן האָפנונג.

איך זיץ און באַטראַכט די יונגע בחורים און מיידלאַך, וואָס זיפצען וועגען שיקזאַל פון שפּאַניע און איך ווייס ניט וואָס זאָל מעהר וועה טאָן, זייער לאַגע, צי די לאַגע פון שפּאַנישען פאָלק. וואָס עס זאָל ניט זיין מיט יענע, קיינער וועט די שפּאַניער פון

שפאניע ניט ארויסטרייבען, און די אידען האט מען פון שפאניע שוין ארויסגעטריבען, און איצט טרייבט מען זיי פון פוילען, און ווער ווייסט פון וואנען מען וועט זיי מארגען טרייבען.

איך רעד מיט אייניגע פון די אומגליקליכע יונגע מענשען. זיי האפען, אז אויף דער וועלט וועט נאך א מאל ליכטיגער ווערען, אבער ביז וואס־ווען לערענט זיך יעדער פון זיי א מלאכה, מיט וואס ער זאל זיך קענען ניצליך מאכען אין אן אנדער לאנד.

— אין וועלכען לאנד? — פרעג איך זיי.

— פארשטעהט זיך, פאלעסטינע. — ענטפערט מען.

— אבער מען לאזט דאך ניט אריין. — זאג איך.

— מען לאזט אין ערגעץ ניט אריין, — זאגט ער — אבער אויף דארט האבען מיר מעהר האפנונג ווי אויף איבעראל. פארט אונזער לאנד.

— און וואס איז מיט בירא בידזשאן? — פרעג איך.

— ערשטענס, — מאכט ער — לאזט מען דארט אויך ניט אריין; צווייטענס ציהט אונז ניט קיין בירא בידזשאן. מיר ווילען שווער ארבייטען, מיר ווילען הונגערען, מיר ווילען זיך מוטשען, נאר אין אונזער אייגען לאנד.

זיי האבען אבער מיט מיר ניט געוואלט לאנג רעדען וועגען זייער אייגענער לאגע. זיי ווילען וועגען דעם פארגעסען. זיי האבען בעסער ליב צו רעדען וועגען דער וועלט. שפאניע אינטערעסירט זיי איצט מעהר ווי אלע לענדער.

— דארט — זאגט מיר איין בחור — ווערט ענדליך געפיהרט דער קאמף פון אנטי־פאשיסטען מיט פאשיסטען. אין דייטשלאנד האט מען קיין קאמף ניט געפיהרט. מען האט היטלער'ן אלעס אפגעגעבען אהן א ווידערשטאנד, און מען ווייסט ניט ווי עס וואלט געווען ווען מען שטעלט זיך איהם אקעגען. אין שפאניע שטעלט מען זיך אקעגען, און טאמער זיגען די פאשיסטען איז דאס אן אומגליק פאר דער גאנצער וועלט.

זיי האבען צו מיר גערעדט מיט אזוי פיל חסידישען פייער וועגען דעם אנטי־פאשיסטישען קאמף. איך האב געפיהלט פון זייער רעדען, אז זיי וואלטען אלע געווען גליקליך צו קעמפען אין שפאניע געגען די פאשיסטען.

אַ גאַנץ אַנדערע יוגענד די היינטיגע! זיי ווילען אוועקגע־בען זייערע לעבענס אין קאַמף געגען פאַשיזם. ביי אונז זיינען אונזערע לעבענס געווען זעהר וויכטיג. אָבער מיר האָבען ניט געהאט קיין פאשיסטען.

אַ גאַנץ אַנדער יוגענד, די היינטיגע! זי האָט פאַר גאָר ניט קיין מורא. מיר פלעגען מורא האָבען פאַר'ן בית־עולם, פאַר מתים, פאַר שדים, פאַר רוחות, פאַר'ן אייגענעם שאָטען. אָבער דאַמאָלס זיינען ניט געווען קיין קאָנצענטראַציע־לאַגערען און ניט קיין פוילישע נאַצים.

אַ גאַנץ אַנדערע יוגענד!

שווער צו הערען וועגען אַזוי פיעל צרות

די וויכטיגקייט פון אַמעריקאַנער פעקלאַך. — אַ פרוי וואָס האָט פרנסה, אָבער —

איך גלויב, אז אין דער קורצער צייט וואָס איך האָב פאַר־בראַכט אין מיין שטעטעל האָב איך גערעדט מיט מעהר מענשען ווי איך האָב גערעדט אין אַמעריקע אין אַלע יאָהרען וואָס איך געפין זיך דאָ.

איך האָב גערעדט כמעט מיט אַלע איינוואוינער. די מייסטע זיינען געקומען צו מיר. פילע האָב איך באַגעגענט אין גאַס. צו מאַנכע בין איך אַליין געגאַנגען.

מען האָט מיר דערצעהלט פון אזוי פיל נויט און אומגליק, אז מיין אויער איז מיד געוואָרען.

מען האָט מיר דערצעהלט פון צרות און ווידער צרות, און אַלעס וואָס זיי האָבען געזאָגט איז פאַר מיר ניט געווען קיין נייעס. איך האָב דאָס געוואוסט נאָך איידער זיי האָבען מיר דאָס גע־זאָגט.

ווען איך האָב געזעהן פאַר מיר אַ מענש וואָס איך האָב גע־קענט פון אַמאָל און איך זעה ווי ער איז אַלט געוואָרען פאַר דער צייט, ווי ער געהט אָנגעטאָן אין שמאַטעס, זיינע אויגען זיי־נען אויסגעלאָשען, עס איז אין איהם ניטאָ קיין לעבען, עס איז פון איהם פאַרבליבען ניט מעהר ווי אַ שאָטען פון אַ מענש, — וואָס האָט ער מיר מעהר געקענט דערצעהלען ווי איך האָב גע־זעהן? זיין אויסזעהן האָט מעהר גערעדט ווי ווערטער.

אַזעלכע מענשען האָב איך געזעהן אַ סך, און זיי האָבען אַלע גערעדט, די אונגליקליכע מענער און פרויען וואָס מוטשען זיך אין אַ קליין שטעטעל, וואו ס'איז ניטאָ קיין פרנסה, וואו מ'איז

פארשפארט אין א בלאטיגער פינסטערער טורמע אזוי ווי עס וואלט דארט געהערשט קריגס־צושטאנד.

איז עס דען פאר א מענשליכען כח אויסצוהערען געשיכטעס פון ליידען פון אזוי פיל מענשען?

עס זיינען געווען מאמענטען ווען איך האב מעהר ניט געהערט וואס מ׳רעדט צו מיר. מיין קאפ איז געווען אזוי ווי צומישט.

איך האב ניט געהאט דאס הארץ צו זאגען: „גענוג! איך קען מעהר ניט הערען!" ווי קען מען זיין אזוי גרויזאם צו ליידענדע מענשען, איבערהויפט צו אזעלכע וואס דו קענסט, וואס זייענען פון דיין שטאדט. עס איז דאך מעגליך, אז ווען איך אליין וואלט געווען פארבליבען מיט זיי אין דעם שטעטעל, וואלט איך איצט געווען איינער פון די פילע ליידענדע און וואלט געזונגען דאסזעלבע קלאג־ליד.

אלע האבען זיי דערצעהלט, אז זיי מוטשען זיך און ווילען ניט שטארבען.

„איך בין שוין אלט, איך האב שוין ניט קיין סך כח, איך האב שוין ניט קיין סך יאהרען צו לעבען. אבער איך וויל ניט שטארבען פון הונגער. זאלען מיינע קרובים אין אמעריקע רחמנות האבען אויף מיר און אן מיר ניט פארגעסען."

דאס איז געווען דער אינהאלט פון דעם אפיל פון די עלטערע מענער און פרויען.

איך האב זיי צוגעזאגט, אז איך וועל צוריקקומענדיג וועקען די הערצער פון זייערע קרובים וואס האבען אן זיי פארגעסען, און מיין צוזאג האט אויף א ווייל זיי פארגרינגערט. מענשען וואס זיינען אין נויט גלויבען און האפען. מעהר ווי האפנונג האבען זיי דאך ניט.

פילע פון די מיטעליעהריגע האבען גערעדט מעהר וועגען זייערע קינדער ווי פון זיך.

„וואס טוט מען מיט די קינדער, פאר וועלכע ס׳איז ניטא קיין שום האפנונג און צוקונפט?" האבען זיי געפרעגט.

אויף דער פראגע האב איך ניט געקענט ענטפערען. ווער קען דען אויף דעם יא ענטפערען? איך האב וועגען דעם אפילו

זיי ניט געקענט טרייסטען מיט א גוט ווארט.

א גרויסער טייל, אי אלטע, אי מיטעליעהריגע, אי יונגע האבען אלע אפעלירט מען זאל זיי שיקען פעקלאך פון אמעריקא.

מען רעדט דארט וועגען פעקלאך אזוי ווי מען זאל רעדען וועגען גאלד, וועגען אוצרות. אלע זיינען מקנא דעם וואס קריגט א פעקעל פון אמעריקא. מען דארף זיין בלויז אין פוילען, אין גאליציע, אום מען זאל האבען א באגריף וואס ס'מיינט א פעקעל.

דאס געבעט פאר פעקלאך האב איך אויך געהערט אין אנדערע שטעט און שטעטלאך פון גאליציע, וואו איך האב פארבראכט. מען האט צו מיר וועגען דעם גערעדט אין לעמבערג, אין קראקא, אין טארנאפאל, אין בארשטשאוו און אין מיעלניצא.

ווען איך האב געזעהן א פאמיליע נישקשה'דיג אנגעטאן האט מען מיר געזאגט, אז דאס איז פון א פעקעל וואס איז געשיקט געווארען פון אמעריקא.

ווען איך האב געזעהן א שמייכעל אויפ'ן פנים פון א קינד, און דאס האב איך זעלטען געזעהן, האט מען מיר געזאגט, אז דאס פרעהט זיך אזוי דאס קינד, ווייל עס האט געקראגען גאנצע שיכלאך אין א פעקעל פון אמעריקא.

איך גיב צו אז קומענדיג אין דעם אונגליקליכען גאליציע האב איך געקראגען גרויס רעספעקט פאר מיין אמעריקאנער שוויגער, וועלכע פלעגט אפט מיך בארערען מיט איהרע פעקלאך וואס זי שיקט אהיים צו איהרע קרובים.

מיין שוויגער פלעגט אלע מאל קומען צו מיר און מיר איינרעדען, אז מיין סוט וואס איך טראג טויג שוין ניט און זי וויל איהם אוועקשיקען אויף יענער זייט ים צו איהרע קרובים. זעהר אפט, ווען איך בין געווען פארנומען, פלעג איך איהר זאגען: „אפשר וואלט איהר מיר אויפגעהערט דרעהען א קאפ מיט אייערע פעקלאך!"

זעהענדיג אבער אין פוילען און אין גאליציע וואס פאר א וואונדער די פעקלאך טוען אויף, האב איך באשלאסען, אז ווען איך וועל אהיים קומען וועל איך זיך ענטשולדיגען פאר מיין שוויגער וואס איך האב אזוי גרינג געשעצט איהרע ווארימע געפיהלען פאר דער אלטער היים. איך וועל זי בעטען מיר מוחל זיין

פאַר דעם, וואָס איך האָב חוזק געמאַכט פון איהרע פּעקלאַך, און איך וועל איהר דערצעהלען ווי אזוי איהרע קרובים האָבען זי געבענשט פאַר איהרע פּעקלאַך. זיי האָבען זי טאַקע געבענשט דערפאַר.

דאָס איז געווען אין קראָקאָ. איך האָב דאָרט געבראַכט אַ גרוס פון איהר צו איהרער אַ שוועסטער. ווען איך בין געקומען אַהין איז אויף מיר געפאַלען אַ פּחד אַנקוקענדיג די וואוינונג, די דירה מישטיינס־געזאָגט. זי האָט געוואוינט אין צוויי צימערען. אין איינעם פון די צימערען האָט אריינגערעגענט. דאָרט האָב איך געטראָפען אַן אַלטע פרוי מיט אַ טאָכטער און אַ קליין קינד. עס זיינען אַהין זיך צוזאַמענגעקומען צוליב מיר נאָך צוויי איי־דעמס און טעכטער און זיך געפרעהט מיט דעם גרוס וואָס איך האָב געבראַכט.

פון זייערע רייד האָב איך אויסגעפונען, אַז קיינער פון זיי מאַכט ניט קיין לעבען. אָבער אַלע זיינען זיי געגאַנגען פיין אָנ־געטאָן. איך האָב ניט געקענט ארונטערנעמען קיין אויג פון זיי־ערע מלבושים. אַזוי אָרעם און — אַזוי פיין אָנגעטאָן!

איינע פון די טעכטער פון מיין שוויגער׳ס שוועסטער האָט וואהרשיינליך באַמערקט וואָס איך באַטראַכט אַזוי זייערע פיינע מלבושים און וואונדער זיך. זי האָט געזאָגט:

„איהר זעהט אָט דאָס אָנטועכץ. דאָס האָבען מיר צו דאַנ־קען דער מוהמע מרים פאַר איהרע פּעקלאַך”.

דאָ האָט זיך אָפּגערופען די אַלטיטשקע, אַ פרוי פון לויטער ביינער: „געבענשט זאָל זיין מיין שוועסטער! צוליב איהר און אויך מיין טאָכטער דאַלי (זי האָט אַ טאָכטער דאַלי וואָס שיקט אויך פּעקלאַך) געהען מיר אַלע דאָ אָנגעטאָן ווי די גראַפען”.

די אַלטע האָט מיר ערקלערט, אַז איהרע טעכטער קענען גוט נעהען און זיי מאַכען פון די אַלע מלבושים וואָס זיי קריגען פון אַמעריקע אַ לייט.

איך האָב אויך אין אַנדערע שטעטלאַך געהערט דיזעלבע גע־שיכטע, אַז ווען אַן אַמעריקאַנער פּעקעל פאַלט אריין צו אַ פרוי, אַ בריה, געהט די פאַמיליע אויסגעפּוצט ווי די לאָרדען.

מען האָט מיר געזאָגט, אַז די פּעקלאַך ווערען מייסטענס

געשיקט פון די שוויגערס און אַלטע מאַמעס. אָבער די שוויגערס און די מאַמעס שטאַרבען דאָך אויס און דער יונגער דור האָט דאָך אַזוי ווייניג אינטערעס פאַר דער אַלטער היים.

עס איז פאַר מיר ניט מעגליך צו דערצעהלען וועגען אַלע־מען און וועגען אַלעס וואָס איז דאָרט גערעדט געוואָרען צו מיר.

איך האָב אויך גערעדט מיט אַזעלכע וואָס האָבען זיך ניט באַקלאָגט וועגען זייער אייגענער נויט. אָבער דאָס זיינען געווען זעהר ווייניגע. מען קען זיי צעהלען אויף די פינגער.

עס איז צו מיר געקומען אַן עלטערע פרוי, וועלכע האָט מיר געזאָגט, אַז זי פאַרלאַנגט גאָר ניט פון איהרע קרובים אין אַמע־ריקאַ. זי איז ניט רייך, אָבער זי האָט ווי ס'איז פרנסה.

אַזעלכע ווערטער זיינען פאַר מיר געווען ניי. וועגען נויט און אַפילו פאַר הילף צו זייערע קרובים האָב איך זיך שוין גע־נוג אָנגעהערט. איך האָב געוואָלט הערען עפּעס גוטס. ענדליך דערצעהלט מיר אַ פרוי, אַז זי האָט פרנסה — פרנסה אין סקאַלאַ. וואָס קען נאָך זיין אינטערעסאַנטער?

כ'האָב זיך שטאַרק דערפרעהט מיט איהר. איך האָב זי גע־בעטען זיצען. איך האָב די פרוי געקענט פון אַמאָל. זי איז אַמאָל געווען רייך. איהר מאַן לעבט ניט מעהר. עס איז איהר וואהרשיינליך נאָך עפּעס פאַרבליבען פון איהר מאַנ'ס אַמאָלי־גען רייכטום.

זי האָט זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט: — ווען איך וואָלט געוואָלט, וואָלט איך אייך געקענט זאָגען, אַז מיר געהט אויך ניט אַזוי גוט. אָבער אין פאַרגלייך מיט אַנדערע בין איך געוויס רייך. איך וויל אָבער ניט רעדען וועגען מיר פערזענליך. איך וויל אייך דערצעהלען וועגען מיינער אַ טאָכטער, אום איהר זאָלט האָבען אַ באַגריף וועגען דער לאַגע דאָ. איך ווייס, אַז איהר זיינט אַ שריי־בער און איהר ווילט אַלעס אויסגעפינען.

— טאָ וואָס איז מיט אייער טאָכטער? — האָב איך זי געפרעגט.

— מיין טאָכטער — האָט זי געזאָגט — איז אַ כלה מיט אַ מאַן וואָס איז אַ פּראָפעסאָר פון אַ פּוילישען גימנאַזיום אין איי־נער פון די גאַליציאַנער שטעט. זיי האָבען זיך ביידע זעהר ליב,

און ער מאַכט אַ לעבען.

— איז דאָך גוט — זאָג איך.

— אָבער — זאָגט זי — זיי האָבען מורא חתונה צו האָבען.

— מיר ריכטען זיך, אַז ער וועט פאַרלירען זיין שטעלע, ווייל ער איז אַ איד — האָט זי מיר ערקלערט.

— טאָ ווי קומט עס וואָס זיי האַלטען איהם איצט? — האָב איך זי געפרעגט.

— אַזוי ווי ער איז אַ גוטער לעהרער ווילען זיי איהם ניט אוועקשיקען, ביז זיי וועלען קריגען אַ פּאָליאַק וואָס איז אויך אַ גוטער לעהרער אויף זיין פּלאַץ. די סטודענטען האַלטען שטאַרק פון איהם, האָבען זיי מורא אַ שלעכטען לעהרער אַנצושטעלען אויף זיין אָרט. אַזוי ווי עס איז אָבער שווער צו קריגען אַ פּאָליאַק אַ גוטען לעהרער, האַלטען זיי איהם. טאָ ווי קען ער חתונה האָבען? טאָמער גראַד נאָך דער חתונה וועלען זיי קריגען אַ פּאַסענדען פּוילישען לעהרער אויף זיין פּלאַץ.

— ווי אַזוי ווייסט ער, אַז זיי זוכען אַן אַנדערען לעהרער אויף זיין פּלאַץ? — האָב איך זי געפרעגט.

— דער דירעקטאָר פון גימנאַזיע האָט איהם געזאָגט, אַז ער זאָל וויסען דאָס מ'זוכט אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ, נאָר מען קען דערווייל ניט קריגען. ער האָט איהם אין דערזעלבער צייט געזאָגט, אַז אַזאַ גוטען לעהרער ווי ער איז שווער צו קריגען. ווען ער וואָלט ניט געווען קיין איד, וואָלט ער געקענט אין זיין פאַך פאַרנעהמען דעם העכסטען ראַנג, נאָר מען קען דאָך ניט פאַדערען, אַז אין אַ פּוילישען לאַנד זאָלען אידען זיין די לעהרער פון פּוילישע קינדער, האָט דער דירעקטאָר איהם ערקלערט — זאָגט מיר די פרוי.

איך האָב דער פרוי געדאַנקט. עס איז פאַר מיר געווען טאַקע אַ מערקווירדיגער פאַל. אַ לעהרער צייכענט זיך אויס אין גימנאַזיום, זוכט מען אַן אַנדערען אויף זיין פּלאַץ, אַ פּאָליאַק, און מען קען ניט קריגען, און מען שעהמט זיך ניט דעם אידען צו זאָגען: „דו ביזט זעהר אַ גוטער לעהרער, נאָר ווייל דו ביזט אַ איד וועט מען דיר אוועקשיקען".

אָט אַזאַ לאַנד איז עס דאָס נייע „פרייע" פּוילען.

איך דערצעהל זיי וועגען די אַמעריקאַנער לאַנדסלייט

ווי אַזוי זיי האַלטען אָב מיטינגען און דעבאַטירען וועגען סעמעטערי

אין דער קורצער צייט וואָס איך האָב פאַרבראַכט אין מיין שטעטעל האָב איך אינטערוויועט פאַרשידענע מענשען אום אויס-צוגעפינען וואָס מעהר וועגען דעם דאָרטיגען לעבען. איינמאָל האָט אָבער פּאַסירט, אַז מען האָט מיך אינטערוויועט, מען האָט מיך אויסגעפרעגט, אום דורך מיר אויסצוגעפינען וועגען די לאַנדסלייט פון אמעריקע.

דאָס איז געווען אין דעם הויז פון דעם פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע פון מיין שטעטעל.

דער פיהרער פון די דאָרטיגע ציוניסטען איז אַן אייניקעל פון דעם אמאָליגען אידישען בירגערמייסטער. ער זעהט אויס פּונקט אַזוי ווי דער אמאָליגער בירגערמייסטער, דיזעלבע שווארץ-גרויע באָרד, דיזעלבע שטימע. אָבער גאָר אַן אַנדערער. יענער איז געווען א „גוטער ברודער" מיט די פּוילישע פּריצים, האָט געהאַלטען, אַז דאָס גליק פון די אידען איז אָפּהענגיג אין דער פריינדשאַפט מיט די פּוילישע באַאמטע. דער האַלט, אַז פאַר אידען איז דאָ בלויז איין האָפנונג — פּאַלעסטינע.

עם זיינען געווען פאַרזאַמעלט עטליכע ציוניסטען און דער פּרעזידענט זייערער האָט מיר געגעבען אַן איבערבליק וועגען דער ארבייט פון די ציוניסטען אין שטעטעל.

— אונזער באַוועגונג דאָ, — האָט ער זיך באַקלאָגט — איז ניט לעבעדיג גענוג, ווייל מיר האָבען ניט קיין געגנער. ניטאָ מעהר קיין שונא ציון.

— אז יעדער איד וואָלט אינמיטען דער נאַכט אנטלאָפען קיין

פּאַלעסטינע, טאָ ווי קען ער זיין אַ געגנער? — האָט אַ צווייטער ערקלערט.

— קיין געלד זאַמלען פאַר פּאַלעסטינע קען מען דאָ ניט, — דערציילט מיר אַ דריטער. — ווייל ס׳איז ניטאָ ביי וועמען. אַז די וואָס קענען געבען קען מען אויסציילן אויף די פינגער.

— מיר פלעגן אַמאָל דאָ זאַמלען געלט פאַר פּאַלעסטינע — דערציילט מיר דער פּרעזידענט. — אָבער פּאַלעסטינע האָט שוין דעם שטעטל מערער צוריקגעגעבן וויפיל דאָס שטעטל האָט איהר געגעבן.

ער האָט מיר אויסגערעכנט אַ ליסט פון מענשען, וועלכע האָבען זייערע קינדער אין פּאַלעסטינע און קריגען געלט פון זיי.

ער אַליין, האָט ער מיר געזאָגט, האָט אַ טאָכטער אין פּאַ־לעסטינע, וועלכע האָט דאָרט געהייראַט און ס׳געהט איהר גאַנץ גוט. ער דאַרף פון איהר ניט קיין שטיצע, ווייל ער איז פון די ווייניגע וואָס האָבען נאָך אויף צום לעבען. אַמאָל איז ער געווען גאָר אַ רייכער מאַן. ער האָט זיין פּאַרמעגען פאַרלוירען, אָבער עפּעס איז איהם נאָך געבליבען.

מיר האָבען פאַרבראַכט זיצענדיג ביי אַ גלעזעל טהע און צובייס, און נאָכדעם ווי זיי האָבען מיר אויפגעוויזען, אַז גאַלי־ציע קריגט איצט מערער פון פּאַלעסטינע ווי פּאַלעסטינע פון גאַ־ליציע, האָבען זיי געפּאָדערט פון מיר, אַז איך זאָל זיי דערציילען וועגען דעם לעבען פון יעדען לאַנדסמאַן אין אַמעריקע. זיי האָ־בען געוואָלט וויסען ווי ווייט די לאַנדסלייט זייערע האָבען זיך ענטוויקעלט אין דעם פרייען לאַנד.

איך האָב זיי קיין אינפאָרמאַציע וועגען פילע ניט געקענט געבען, ווייל איך טרעף זיך פשוט ניט מיט זיי.

זיי האָבען מיך גענומען אויספרעגען וועגען דעם לאַנדסמאַנ־שאַפט פאַראיין, וואָס געפינט זיך אין ניו יאָרק. וואָס טוט ער און וואָס רעדט מען ביי די פאַרזאַמלונגען? זיי האָבען געוואָלט ווי־סען יעדע איינצעלהייט.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך בין שוין יאָהרען־לאַנג ניט געווען ביי אַ פאַרזאַמלונג פון די לאַנדסלייט און איך קען ניט וויסען צי איצט זיינען זייערע פאַרזאַמלונגען שוין אַנדערש ווי

געוועז. אפשר האָבען זיך די לאנדסלייט שוין ענטוויקעלט. אָבער אין יענער צייט איז דער סקאלער לאנדסמאנשאפט־פאראיין גע־ווען ווייט צוריקגעשטאנען, פונקט ווי פילע אנדערע לאנדסמאנ־שאפטען פאראיינען וואָס געפינען זיך אין ניו יאָרק.

איך האָב זיי געזאָגט, אז עס איז קיין צווייפעל, אז אין אלגעמיין זיינען זיי דאָ גייסטיג פיל העכער, אינטעליגענטער, אי־דעאליסטישער ווי זייערע לאנדסלייט אין אמעריקע. עס איז גאָר קיין פארגלייך ניט.

איך האָב זיי געזאָגט, אז עס זיינען פאראן אויסנאמען. אָבער אין אלגעמיין זיינען די לאנדסלייט אין אמעריקע ניט דאָס וואָס עס זיינען די אידען פון גאליציע. מעגליך, אז די נויט, די ליידען האָט זיי דאָ מעהר אויסגעלייטערט און אויסגעעדעלט.

זיי האָבען אלץ געפאָדערט פון מיר, איך זאָל זיי זאָגען וועגען וואָס, למשל, פארהאנדעלט מען ביי א פארזאמלונג פון די סקאלער לאנדסלייט אין ניו יאָרק.

איך האָב זיי געזאָגט, אז מייסטענס פארהאנדעלט מען וועגען סעמעטערי, וועגען קברים פאר די מיטגלידער.

אלע האָבען מיך אָנגעקוקט ערשטוינט.

— וועגען דעם קומט מען זיך צוזאמען צו א פארזאמלונג? — האָט מיך איינער געפרעגט.

— יאָ, יאָ, — האָב איך געזאָגט.

— איז וואָס איז דאָ וועגען דעם צו רעדען? — פרעגט מיך א צווייטער.

— וואָס צו רעדען איז טאקע ניטאָ, — זאָג איך, — נאָר מען רעדט.

— און וועגען וואָס נאָך רעדט מען? — פרעגט מיך איינער.

— זיי רעדען, למשל, וועגען שטיצען א „קראנקען ברודער”. זיי האָבען א קאסע אויף צו שטיצען מיטגלידער וואָס זיינען קראנק, — האָב איך זיי ערקלערט.

— איז וואָס־זשע, — פרעגט מיך א צווייטער, — איז דאָ וועגען וואָס צו רעדען? אויב עס איז פאראן א קאסע אויף צו שטיצען, שטיצט מען און פארטיג.

— אפשר האָט אזוי גערארפט זיין, אָבער עס איז ניט אזוי, — זאָג איך.

— למשל, ווי אזוי רעדען זיי וועגען דעם? — פרעגט מיך איינער.

איך גיב זיי איבער פאָלגענדעס:

„עס שטעלט זיך אויף אַ מיטגליד און זאָגט אזוי: לעידים ענד דזשענטעלמען, איך מאַך אַ פאָרשלאַג צו שטיצען ברודער חיים מיט 25 דאָלער, ברודער חיים, וועלכען איהר קענט אַלע, איז איצט אין גרוים נויט. ער האָט ניט פאר קיין דאָקטאר און מעדיצין. איך גלויב דערפאר, אז 25 דאָלאר מוז איהם גלייך גע־געבען ווערען."

שטעלט זיך אויף אַ צווייטער מיטגליד און זאָגט:

„וואָס מיינט איהר עס אַפּצו'פּטר'ן ברודער חיים מיט 25 דאָלאר? אויב עס איז ריכטיג, אז ער האָט ניט אויף קיין דאָק־טאָר און קיין מעדיצין, מאַך איך אַן אַמענדמענט איהם צו שטי־צען מיט 50 דאָלאר".

— נו, וואָס ווייטער? — פרעגען מיך אַלע נייגעריגע.

— נו, איצט הויבען זיך אָן די דעבאטען וועגען דעם פאָר־שלאַג און אַמענדמענט, — ערקלער איך זיי.

— צו וואָס? — פרעגט איינער נאאיוו. — מען קען דאָך באַשטימען איהם צו געבען 50 דאָלאר.

„אויב מען זאָל גלייך באַשטימען, וועלען דאָך די מיטגלידער ניט רעדען. זיי ווילען דאָך רעדען", זאָג איך.

„איז וואָס רעדען זיי?" פרעגט איינער.

„יאָ, גיט איבער זייערע רעדעס", בעט מיך אַ צווייטער: „מיר וועלען פון דעם האָבען אַ באַגריף וועגען זיי".

איך האָב זיך ניט געלאָזען בעטען און איבערגעגעבען אַ פּאָר רעדעס וואָס איך האָב געהערט אַמאָל:

„איינער זאָגט אזוי:

„ברידער, עס איז אַ סקאנדאל וואָס מען דארף נאָך דעבאטי־רען וועגען דעם צי מען זאָל געבען ברודער חיים 50 דאָלאר. ברו־דער חיים, וועלכער האָט אוועקגעגעבען אזוי פיל צייט פאר אונזער פאראיין. ער פלעגט קומען צו יעדער פארזאמלונג און באַטיילי־

גען זיך אין יעדער דעבאטע. איך אפעליר צו שטימען פאר 50 דאָלאר".

זאָגט א צווייטער ברודער אזוי:

„שאנדע און שמאך וואָס מען דארף דעבאטירען וועגען שטיצען אזא ברודער ווי ברודער חיים. איך בין פאָלשטענדיג איינשטימיג מיט'ן פריהערדיגען רעדנער, אז מען זאָל איהם געבען 50 דאָלאר און ניט אזוי פיל דעבאטירען וועגען דעם. וואָס טויגען רעדעס? מיר וויסען דאָך שוין פריהער וואָס יעדער ברודער וועט זאָגען. מיר הערען זיי דאָך ביי אלע פארזאמלונגען".

שטעלט זיך אויף א דריטער ברודער און זאָגט:

„אויב איהר זיינט גוטע מענשען און ווילט שטיצען ברודער חיים, גיט איהם פון אייערע קעשענעס. איך אליין בין גרייט צו געבען א האלבען דאָלאר פאר דעם צוועק. אָבער די געלדער פון אונזער פאראיין זאָלט איהר וואָס וועניגער טשעפּען. מיר דארפען דאָס געלט האָבען פאר דער צוקונפט ווען די אנדערע ברידער וועלען קראנק ווערען".

שטעלט זיך אויף א פערטער ברודער און זאָגט:

„ברידער, עס וועט זיין גאנץ גענוג ווען איהר וועט איהם געבען 25 דאָלאר. ווען ברודער חיים וואָלט דאָ געווען מיט אונז, וואָלט ער אליין געשטימט, אז מ'זאָל איהם מעהר ניט געבען ווי 25 דאָלאר, ווייל ער איז פונקט ווי איך, פאר דעם, אז מען זאָל דאָס געלד פון פאראיין ניט צוטיילען. מען זאָל בעסער דערפאר קויפען נאָך סעמעטערי. איצט איז די צייט ווען סעמעטערי איז ביליג, דארף דער פאראיין קויפען וואָס מעהר".

שטעלט זיך אויף א פינפטער און זאָגט:

„גוואלד, וואָס איז געוואָרען פון אונז? פארוואָס דארפען מיר אזוי פיל רעדען וועגען העלפען א ברודער? צו וואָס טויג איך דאָס געלט אויב ניט אויף צו שטיצען א ברודער? ווער דארף נאָך סעמעטערי? אויף דער סעמעטערי, וואָס איהר האָט ביז איצט, קענען דאָך שוין ליגען פינף מאָל אזוי פיל מענשען וויפיל עס זיינען דאָ אין פאראיין?"

אָט אזוי, האָב איך זיי ערקלערט, קען מען זיך ארומקריגען א גאנצע נאכט.

— און מיט וואָס ענדיגט זיך עס? — פרעגען זיי.

— פאַראַן פאַראייגען, — האָב איך געזאָגט, — וואָס אַזאַ פאַרזאַמלונג ענדיגט זיך מיט פּעטש און די פראַגע וועגען שטיצען ברודער חיים ווערט אָפּגעלעגט אויף אַ צווייטער פאַרזאַמלונג. אָבער ביי דעם סקאַלער פאַראיין האָט מען זיך נאָך קיינמאָל ניט געשלאָגען. צום שלום קריגט דער ברודער די 50 דאָלאַר און אַלע געהען אַוועק צופרידען. אַלע זיינען אייגענטליך דערפאַר, אַז מען זאָל דעם ברודער געבען וואָס מעהר, נאָר מען האָט געוואָלט רעדען.

זיי זיינען געווען אַביסעל ענטוישט פון מיין באַריכט וועגען זייערע לאַנדסלייט. זיי האָבען זיך פאַרגעשטעלט, אַז אין דעם פריינען לאַנד זיינען אַלע העכסט אינטעליגענט.

איך האָב זיי געטרייסט, אַז אַזעלכע דעבאַטעס ביי יענעם פאַראיין זיינען פאַרגעקומען מיט יאָהרען צוריק. היינט, האָף איך, איז שוין אַנדערש.

איך האָב זיי אויך דערצעהלט, אַז דיזעלבע לאַנדסמאַנשאַפט־אָרגאַניזאַציעס האָבען אַמאָל געהאַט גאָר אַן אַנדער סאָרט פאַר־זאַמלונגען ווען עס האָט זיך געהאַנדעלט וועגען רעליף, וועגען הילף פאַר זייערע אייגענע אויף דער אַנדער זייט ים. דאַמאָלס האָט מען געגעבען, אַ סך געגעבען און כמעט אָהן דעבאַטעס.

די רעליף, האָב איך זיי געזאָגט, פלעגט ביי זייערע פאַר־זאַמלונגען אַרויסברענגען די שעהנסטע, עדעלסטע געפיהלען.

— און פאַרוואָס האָבען זיי איצט אויפגעהערט זיך אָפּצו־געבען מיט רעליף? — האָבען זיי געפרעגט.

זיי ווייסען ניט, אַז דאָ איז איצט אַזוי שלעכט און ביטער, האָב איך זיי ערקלערט.

איך געזעגען זיך מיט מיין שטעטעל

דער באַנקעט און די רעדעס — אין באָרשטשאָוו

דעם לעצטען אָווענט איידער איך האָב פאַרלאָזען מיין שטעטעל, האָב איך באזוכט דאָס הויז פון איינעם, צו וועמען עס קומען זיך צוזאמען פרייטאָג צו־נאַכטס אַלע די וואָס ווילען רויכערען א „שבת'דיג סיגארעטעל". עס ווערט גערופען דאָס „פרייע הויז".

דעם אייגענטימער פון דער „פרייען הויז" האָב איך גוט געקענט איידער איך בין אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא. ער איז געווען א קליין פרעהליך אידעל מיט א שווארץ בערדעל. תמיד איז ער געווען פרעהליך. אין אַלעם האָט ער געפונען גוטע זייטען. ער איז געווען א ציוניסט און געגלויבט, אז אַלעם וואָס דר. הערצל פלאַנט וועט ער דורכפיהרען.

זיין ווייב איז געווען זעהר א שעהנע און א גוטמוטיגע און א קליינע טאָכטער האָט ער געהאַט האָבען אַלע געזאָגט, אז זי וואקסט זעהר א שעהנע.

איצט זעהט ער אוים גרייז גרוי און שוואך. עס דוכט זיך ווען מען גיט אויף איהם א בלאָז פליהט ער אוועק. קוים וואָס ער רעדט. זיין אמאָליגע שעהנע פרוי איז אויך גרוי און אַלט. שווער צו געפינען די סימנים פון אמאָליגער שעהנקייט. אפילו זיין טאָכטער, וועגען וועלכער מען האָט זיך גערעכט, אז זי וועט אויפוואקסען א שעהנהייט, זעהט שוין אויך אוים אַלט. און אַן איידעם דרעהט זיך ארום אין הויז איז ער שוין אויך גרוי, כאָטש לויט די יאָהרען איז ער נאָך גאַנץ יונג.

דאָס „פרייע הויז" באַשטעהט פון איין צימער, וואו מען עסט און וואו מען שלאָפט, און וואו מען נעמט אויף געסט, און וואו פרייטאָג צו־נאַכט רויכערען סיגארעטלאך אַלע די וואָס ווילען עפענטליך אום שבת ניט רויכערען.

עס זיינען זיך צוליב מיר צוזאַמענגעקומען נאָך אַ פּאָר געסט און מיר זיינען געזעסען אויף די בעטען.

צווישען די וואָס זיינען זיך צוזאַמענגעקומען האָט זיך געפו־נען דער געוועזענער באַנקיר, דער קולטוס־פּרעזידענט און איינִיגע פון מיינע אַמאָליגע יוגענד פריינד.

זיי האָבען אויסגעדריקט באַדויערען וואָס איך פאָהר אַזוי שנעל אוועק. זיי האָבען מיר געוואָלט מאַכען אַן אָפיציעלען באַנ־קעט שבת אָווענט, אָבער איך האָב שוין דאָנערשטאָג געמוזט אוועקגעפאָהרען. מיין צייט האָט מיר ניט ערלויבט לענגער צו בלייבען.

איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך באַטראַכט דעם איצטיגען צו־זאַמענקונפט ווי אַ באַנקעט. עס איז ניט נויטיג קיין משקה, קיין אָפיציעלע צערעמאָניע. אָט דאָ זיצענדיג אויף די בעטען קענען מיר רעדען אַלעס וואָס איז נויטיג.

די בעל־הבית'טע פון הויז האָט געוואָלט מכבד זיין מיט טהעע. אָבער איך האָב געזאָגט: ניין, איך האָב ווענִיג צייט און איך וויל, אַז אין דער קורצער צייט זאָל מען מיר זאָגען וואָס מען וויל פון מיר איך זאָל איבערגעבען אין ניו יאָרק. איך אליין דאַרף ניט רעדען. זיי זאָלען רעדען.

מיין פאָרשלאַג איז אָנגענומען געוואָרען און אָהן אַ טאָאַסט־מייסטער, אָהן שום צערעמאָניעס האָט זיך יעדער אליין גענומען דאָס וואָרט און גערעדט.

דער ערשטער איז געווען דער געוועזענער באַנקיר. ער האָט געזאָגט אַזוי:

„איך האַלט אַז די וויכטיגסטע שטיצע איז די וואָס די איינ־צעלנע גיבען צו זייערע קרובים. עס איז נויטיג צו דערמאָהנען די וואָס האָבען פאַרגעסען צו שיקען, אַז זיי זאָלען שיקען, און עס איז וויכטיג צו דערמוטיגען די וואָס שיקען, אַז זיי זאָלען שיקען וואָס מעהר. די וואָס קריגען דאָ הילף פון זייערע קרובים זיינען די גליקליכסטע. דאָס שטעטעל לעבט אייגענטליך פון די וואָס קריגען געלד פון זייערע קרובים.

„אָט", האָט ער געזאָגט, „זיינען פאַראַן אַזוי פיל קראַמען, אידען מיט קראָמען פעהלען ברוך השם ניט. אָבער ווען זאָל

מען פארקויפען? ווער האט צו קויפען? אבער אז ס'קומט אן געלד פון אמעריקע קויפט מען. מען קויפט עסען. מען קויפט אנטועכץ פאר די קינדער. עס ווערט א שפע."

דער נעקסטער רעדנער איז געווען דער קולטוס־פרעזידענט. ער האט אפעלירט פאר די אינסטיטוציעס וואס זיינען אויפגע־בויט געווארען מיט די אמעריקאנער רעליף געלדער און זיינען געבליבען שטעקען אין דערמיט.

איינער פון מיינע יוגענד פריינד האט אפעלירט פאר דער העברעאישער שול שילדערענדיג ווי עס איז ניטא צו צאהלען די לעהרער און ווי וויכטיג די שול איז פאר די קינדער.

אויך די בעל־הבית'טע, די אייגענטימערין פון דעם „פרייען הויז", האט גערעדט. זי האט אפעלירט פאר פעקלאך.

„ווי גליקליך עס איז דער וואס קריגט א פעקעל פון אמע־ריקא. מען טוט זיך אן. מען פוצט זיך אוים. מען האט עפעס א שטיקעל פנים. מען קען זיך ווייזען אין גאס. אין די טראג־טעס וואס מען געהט דא שעהמט מען זיך דאך דא ארויסצוגעהן.

„פארוואס" האט זי געזאגט, „מיינט איהר זעהט מען דא אזוי ווענעג יונגע פרויען און מיידלאך אין די גאסען? — ווייל זיי האבען ניט וואס אנצוטאן."

איך האב אויסגעהערט אלע רעדעס און צוגעזאגט, אז איך וועל קומען קיין ניו יארק וועל איך דאס אלעס איבערגעבען צו די לאנדסלייט. צי דאס וועט העלפען, קען איך נאטירליך ניט גא־ראנטירען, האב איך זיי געזאגט.

„עס מוז העלפען" האט זיך אנגערופען דער געוועזענער באנ־קיר, „מאכט א גוואלד, מאכט א טומעל".

איך האב זיך געזעגנדיג מיט זיי פארשפראכען צו מאכען א גוואלד מיט א טומעל.

אוועקגעפאהרען פון שטעטעל בין איך גאנץ פריה.

איך האב זיך פריהער געזעגנט מיט מיינע קרובים. מאנכע האבען געוויינט. זיי האבען אלע מיר אנגעזאגט: „פארגעס מיך ניט!"

געפאהרען בין איך פון מיין שטעטעל אין אן אנדער שטעט־טעל, קיין מיעלניצא, וואו עס וואוינט מיינע א רייכע קאזינע. איך

בין ניט געפאָהרען דירעקט מיט'ן באהן, נאָר מיט א דראָשקע קיין באָרשטשאָוו און פון באָרשטשאָוו מיט דער באהן קיין מיעלניצא.

אָבער איך בין ניט געפאָהרען אליין. מיין קאָזין קלמן איז מיט מיר מיטגעפאָהרען קיין מיעלניצא. א קינד זיינס, א אינגעלע פון 12 יאָהר, איז אויך מיטגעפאָהרען.

זיין אינגעלע איז געקומען פון פראָבוזשנא מיך צו זעהן און פון מיר צו הערען וויצען אויף צו ברייגגען אין זיין שטעטעל, האָט ער געזאָגט. אזוי ווי ער האָט אין סקאלא פון מיר ניט געהערט קיין וויצען, פאָהרט ער מיט מיר ווייטער. אפשר וועט ער דאָך עפּעס הערען.

דורכפאָהרענדיג דאָס שטעטעל זיינען געשטאנען אידען אין די גאַסען און געמאכט מיט די הענד און געשריען: — פאָהר געזונד!

איך בין אוועקגעפאָהרען איבערלאָזענדיג פילע אין א גוטער שטימונג, פול מיט האָפנונג, אז איך וועל אין אמעריקע אויפוועקען זייערע קרובים זיי צו העלפען.

איך פאָהר דורך פלעצער, וואָס זיינען מיר אזוי באַקאַנט. איך פלעג אָפט דאָרט פאָהרען. מיין טאַטע פלעגט מיך מיטנעמען קיין מיעלניצא צו זיין ברודער. פון מיין שטעטעל ביז קיין באָרשטשאָוו פלעגט מען טרעפען פאָהרען פילע באקאנטע. איינער דעם אַנדערען פלעגט פּרואווען איבעריאָגען מיט זיין פערדעל. איצט טרעפט מען קיינעם ניט.

— פאָהרט קיינער ניט? — פרעג איך מיין קאָזין קלמן.

— צו וואָס זאָל מען פאָהרען? — ענטפערט מיר מיין קאָזין מיט א פראַגע אויף א פראַגע.

מיר פאָהרען דורך א דאָרף, א באקאנט דאָרף. אינוואָנקאָוו הייסט דאָס דאָרף. איך בין דאָרט ניט איינמאָל געוועזן. עס שטעהען פּויערים לעבען זייערע הייזער, אָנגעטאָן אין פעלצען, און די פּנים'ער פּויעריש, געזונט פולבלוטיג.

איך זעה אוקראַינישע אינגלאך און מיידלאך פאַרבייגעהן. עס שפּריצט מיט בלוט, מיט יוגענד.

וואָס פאַר אַן אונטערשייד פון דער אוקראַינישער יוגענט צו אונזער אידישער!

יענע לעבעדיג, האָפנונגספול, זאָרגלאָז אזוי ווי עס איז איי־גענטליך יעדע יוגענד פון יעדען פאָלק.

און אונזער יוגענט, אָהן בלוט, אָהן האָפנונג און פול מיט זאָרג, אי וועגען זיך, אי וועגען וועלט שמערץ. אונזער יוגענד זאָרגט זיך דאָך אפילו פאר שפּאַניע.

איך קום ענדליך אריין קיין באָרשטשאָוו. איך האָב דאָ צייט צו ווארטען 2 שעה ביז מיין צוג געהט אָפּ קיין מיעלניצא.

איך קוק אויף די מענשען פון שטעטעל. זיי געהען פּונקט אזוי נאכלעסיג און אומעטיג ווי אין מיין שטעטעל. איך זעה מעהר געגאָלטע בערד ווי אין מיין שטעטעל. אָבער דיזעלבע בלאסקייט, דיזעלבע האָפנונגסלאָזיגקייט איז אויסגעגאָסען אויף זייערע פּנים׳ער.

נאָכדעם ווי איך האָב ערשט געזעהן די געזונטע פרעהליכע פּנים׳ער פון די אוקראַינער פויערים ווארפט זיך די בלאסקייט און אומעטיגקייט פון די אידען אין די אויגען.

איך זעה דיזעלבע פילע אידישע קראָמען ווי אין מיין שטע־טעל. כמעט אלע האָבען קראָמען. אזוי ווי איך קען דאָ קיינעם ניט אין שטעטעל בין איך דאָ געשטאַנען די לעדיגע צייט און געקוקט אויף די קראָמען צי וועל איך זעהן אריינגעהן אַ קונה. כמעט צוויי שטונדען בין איך געשטאַנען און האָב קיין קונה ניט געזעהן.

איך האָב אריינגעשיקט מיין קאָזין קלמן׳ס אינגעלע זיך קויפען טשאָקאָלאַד. ער איז דאָס געווען דער איינציגער קונה אין דער גאנצער צייט וואָס איך האָב דאָרט פארבראכט.

אין באַהן פון באָרשטשאָוו קיין מיעלניצא — איך מיט מיין קאָזין און זיין אינגעלע זיינען דערוויל די איינציגע אידישע פּאַ־סאַזשירען. די אַנדערע זיינען פּאָליאַקען אָדער אוקראַינער.

„פאָהרען ניט אידען אין באַהן דאָ?״ פרעג איך.

„צו וואָס זאָלען זיי פאָהרען?״ פרעגט ער.

אויף אַ צווייטער סטאַנציע איז אויפגעשטיגען אַ איד, מיט אַ שוואַרצער באָרד.

ער האָט זיך אוועקגעזעצט אַן איינגעהויקערטער, אַ דערשראָ־קענער. ער האָט מורא געהאַט צו קוקען די מענשען גלייך אין

די אויגען אריין, אזוי ווי איינער וואָס זאָל פאָהרען אָהן אַ באַהן בילעט.

איך בין צוגעגאנגען צו איהם און אָנגעהויבען רעדען. דער איד האָט זיך מחיה געווען ווען ער האָט דערהערט רעדען אַ פּאָר אידישע ווערטער.

„אז מען דערזעהט אַ אידען אויף דער באַהן", זאָגט דער איד, „דערקוויקט מען זיך. איך האָב זעהר ניט ליב צו פאָהרען אויף דער באַהן."

„פאַרוואָס?" — פרעג איך איהם.

„פאַרוואָס?" פרעגט ער מיך צוריק, „וואָס־זשע, איהר ווייסט ניט?"

„ניין, איך ווייס ניט", זאָג איך איהם.

„ווייל מען כאַפּט אמאָל קלעפּ", זאָגט מיר מיין קאָזין קלמן.

„פון וואַנען קומט איהר?" ווענדעט זיך צו מיר דער איד.

„פון ניו יאָרק", זאָג איך.

„אַ פון אמעריקע!" זאָגט ער, „פון אמעריקע".

ער האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און זאָגט:

„ווען איך בין געווען אַ אינגעל האָט מען מיך געוואָלט נע־מען קיין אמעריקע."

„איז פאַרוואָס־זשע זיינט איהר ניט געפאָהרען?" פרעג איך איהם.

„ווייל איך בין געווען אַ בהמה, אַ פערד. ווער האָט עס געוואוסט, אז דאָ וועט ווערען פוילען און אז דאָ וועט אַ איד מורא האָבען צו פאָהרען אין באַהן. ווער האָט דאָס געוואוסט, ווער?" האָט ער געזאָגט.

דער צוג פאָהרט ניט דירעקט קיין מיעלניצא, נאָר ביז אַ סטאַנציע פריהער. דאָרט האָט מיך ערוואַרט מיין קוזינע מיט איהרע קינדער און מיך אריינגעפיהרט אין דעם שטעטעל מיעל־ניצא.

אין דעם שטעטעל מיעלניצא

ביי מיינע רייכע קרובים. — מען האַלט מיך פאַר אַ רעדנער

דאָס שטעטעל מיעלניצא געפינט זיך אַ צוויי שטונדען רייזע פון מיין געבורטס שטעטעל סקאלא. איך פלעג אהין אָפט פאָהרען מיט מיין טאַטען צום רבי'ן און אויך צו מיין רייכען אָנקעל, מיין פאָטער'ס אַ ברודער.

איצט איז שוין דאָרט נישטאָ קיין רבי. ער איז געשטאָרבען. זיינע זיהן ווילען נישט זיין קיין רביים. מיין אָנקעל לעבט שוין נישט מעהר. מיין קאָזין קלמן, וועלכער פאָהרט מיט מיר קיין מיעלניצא, איז אַ זוהן פון מיין אָנקעל, און פונקט ווי זיין פאָטער איז געוועזן רייך אזוי איז ער אָרים.

איך פאָרפאָהר צו מיין אָנקעל'ס טאָכטער, מיינע אַ קוזינע, וועלכע איז, ווי מען זאָגט, זעהר רייך. זי האָט מיר טעלעפאָנירט קיין ווארשע איך זאָל קומען צו איהר. איך האָב מיט איהר גערעדט פון מיין שטעטעל דורכ'ן טעלעפאָן. זי איז איינע פון די ווענינגע וואָס האָט אַ טעלעפאָן אין הויז. דאָס אליין איז אַ געניגענדער באַווייז, אַז זי איז רייך.

זי איז שוין געוועזן פאַרהייראַט איידער איך בין אַוועק פון מיין אַלטער היים. איך פלעג זי אָפט באַזוכען. איך בין נייגעריג זי צו זעהן אַלס קרוב. איך בין פאַראינטערעסירט אויך צו זעהן ווי עס לעבען רייכע אין אַ גאַליציש שטעטעל. מיר איז אויך אינטערעסאַנט צו זעהן דאָס שטעטעל, וואָס איך פלעג אָפט באַזוכען אין מיין יוגענט.

אין דער גאַנצער צייט, אויפ'ן וועג פאָהרענדיג אין דעם שטעטעל אריין, האָבען מיר געקלונגען אין די אויערען די חסידישע נגונים וואָס איך האָב דאָרט געהערט ביים רבי'ן, ווען חסידים זיינען אהין זיך צוזאַמענגעקומען פון פאַרשיידענע שטעט. עס

שווימען אויף פּאָר מיינע אויגען די רעדלעך טאַנצענדיגע אידען, מלמדים, סוחרים, בעלי־מלאכות און נגידים, וואָס פּליעסקען לכבוד דעם רבי'ן, אַ יונגער צדיק מיט אַ שעהן רויט בערדעל, מיט אַן אנגענעהמען שמייכעל אויף די ליפּען, וואָס איז אַן אוראייניקעל פון רוזשינער רבי'ן.

דער רבי פּלעגט שטעהן אַן אַ זייט, אויסגעפּוצט אין זייד און אין אַטלאַס, אין אַ סאַמעטענעם שטריימעל מיט אַן אויפגעשטעלטען ווערעך אויפ'ן קאָפּ, און אין גלאַנצענדיגע שטיוועלעך פון הירשענעם לעדער, און קוקען אויף די חסידים וואָס טאַנצען.

איך פלעג די גאַנצע צייט שטעהן און קוקען אויפ'ן רבינ'ס גלאַנצענדיגע שטיוועלעך. איך האָב דאַמאָלס געמיינט, אַז אין אַזעלכע שטיוועלעך קען בלויז געהן אַ צדיק און איך האָב געקלערט וואָס מען קען טאָן אום אליין צו ווערען אַ צדיק און טראָגען אַזעלכע שטיוועלעך.

אַ מיידעלע האָט ער געהאַט, דער רבי, זעהר אַ שעהנע. ווען זי וואָלט אפילו ניט געווען שעהן וואָלט זי מיר אויך געפעהלען, ווייל זי איז דעם רבינ'ס טאָכטער. אָבער זי איז טאַקע געווען שעהן אויך. זי פלעגט תמיד שטעהן אין גאָרטען פול מיט בלומען, און קוקען אין גאַס ארוים אויף די מענשען. זי האָט מיך אַמאָל צוגערופען און מיך עפּעס געפרעגט. איך האָב שנעל געענטפערט און בין שנעל אַנטלאָפען. איך האָב ניט געהאַט גענוג חוצפּה לאַנג צו ריידען מיט'ן רבינ'ס טאָכטער. שפּעטער בין איך צוריקגעקומען, אפשר וועט זי מיך נאָך עפּעס פרעגען. אָבער זי איז געווען פאַרנומען, גערעדט מיט אַן אַנדער אינגעלע, וועלכער האָט זיך ניט געשעהמט ווי איך. יענער איז געשטאַנען לאַנג און גערעדט מיט איהר.

איך בין געשטאַנען פון דער ווייטענס און באַוואונדערט דאָס אינגעלע וואָס רעדט אַזוי לאַנג מיט'ן רבינ'ס טאָכטער און האָט גאָר קיין מורא נישט.

די דינסט איז אָנגעקומען און דעם רבינ'ס טאָכטער אוועקגענומען. איך האָב דאַן גערעדט מיט דעם אינגעלע און איהם געפרעגט, וואָס זי האָט גערעדט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז זי האָט איהם געזאָגט, אַז זי האָט ניט ליב קיין מילך. איהר מאַמע וויל

זי צווינגען צו טרינקען מילך. אָבער זי וועט עס ביי איהר נישט אויספיהרען. זי איז געגען מילך טרינקען.

איך האָב נישט געקענט פארשטעהן, ווי אזוי א רבינ'ס א טאָכטער וויל ניט פאָלגען דער מאַמען. ס'איז דאָך אַן עבירה. מיר האָט די פראַגע געפּלאָגט אַ לאַנגע צייט.

איינמאָל, ווען איך בין ווידער געקומען צום רבי'ן און זי איז געשטאַנען אין גאָרטען, האָב איך זיך אָנגעגורט מיט מוט, צוגעגאַנגען צו איהר און אָנגעהויבען צו רעדען מיט איהר. איך האָב זי באַלד געפרעגט צי זי טרינקט מילך. „דו טרינקסט מילך?" האָט זי מיך צוריק געפרעגט. „יאָ", האָב איך געענטפערט, „איך טרינק מילך, איך וויל נישט דערצערענען מיין מאַמע".

„אויב אזוי", האָט זי געזאָגט, „האָב איך דיך פיינט. איך האָב פיינט קינדער וואָס טרינקען מילך". און איז אוועק.

מעהר האָב איך שוין מיט איהר ניט גערעדט. זי האָט מיך ניט געוואָלט אָנקוקען פאַר דעם וואָס איך טרינק מילך.

אָט א סך אַזעלכע עראינערונגען פון מיין קינדהייט זיינען אויפגעקומען אין מיין מוח ביז איך בין אָנגעקומען אין דעם שטעטעל מיעלניצא.

ביי דער באַהן־סטאַנציע, וואָס איז פון שטעטעל א פופצעהן מינוט רייזע, האָט מיך ערוואַרט מיין קוזינעס א זוהן, (איך האָב איהם איבערגעלאָזען אַלס אַ קינד, איידער איך בין אוועק קיין אַמעריקע), און נאָך צוויי קאַזינס, אינגערע ברידער פון מיין קוזינע, וועלכע איך געדענק קוים פון מיין יוגענד. זיי זיינען נאָך געווען זעהר יונג ווען איך האָב זיי פאַרלאָזט.

מען האָט מיך אין א דראָשקע אָפּגעפיהרט צו מיין קוזינעס הויז, א גרויס הויז, א סך צימערען מיט א גאָרטען.

דער טאָג איז געווען א שעהנער. די זון האָט זיך צום ערשטען מאָל באַוויזען אין איהר גלאַנץ זייט דער גאַנצער צייט וואָס איך האָב זיך געפונען אין גאַליציע. די בלאָטעס אין שטעטעל זיינען ניט געווען אזוי גרויס ווי אין מיין געבורטס־אָרט. די גרויסע רייכע וואוינונג פון מיין קוזינע, די וואַרימע אויפנאַמע וואָס איך האָב געקראָגען פון מיינע קרובים, האָבען אויף מיר גע־

מאַכט דעם איינדרוק, אַז איך בין אַריינגעפאַלען אין אַן אַנדער וועלט.

צוזאַמען מיט מיין קוזינע, אין איהר הויז, וואוינט איהר זוהן מיט זיין ווייב, צוויי קליינע קינדערלאך און אַ דינסט.

דער טיש איז שוין געווען געגרייט.

„דו ביזט געווים שוין הונגעריג", האָט מיין קוזינע געזאָגט, און אָהן צו וואַרטען אויף אַן ענטפער, האָט זי מיר אָנגעוויזען אויף אַ שטוהל. אַלע האָבען זיך אַוועקגעזעצט. איך און מיין קוזינע; איהר זוהן, זיין ווייב און צוויי מיידעלאך, מיינע אַנדערע צוויי קאָזינס און אַ פרוי מיט צוויי קינדער. (איינער פון די קאָזינס איז פאַרהייראַט); קלמן און זיין זוהן. אַזוי אַז מיר זיינען געווען מעהר ווי אַ מנין ביים טיש.

די דינסט האָט דערלאַנגט פרישע, געשמאַקע עסענס; שנאַפּס, ביער און וויין, זיינען אויך געווען אויפ'ן טיש.

נאָכדעם ווי איך בין ערשט געקומען פון מיין אָרים שטעטעל, פון מיינע דאָרטיגע אָרימע קרובים, האָב איך געפיהלט ווי איך בין מיט אַמאָל אַריין אין אַ גן־עדן.

ס'איז געווען געווען איינער פון יענע מיטאָג'ען, וועלכע איך פלעג קריגען מיט יאָהרען צוריק ביי מיין אָנקעל, ווען איך בין געקומען צו גאַסט, אָדער אין אַמעריקע, ווען עס קומען צו מיר געסט.

עס האָט זיך מיר נישט געגלויבט, אַז איך בין איצט ביי אַ מיטאָג אין אַ גאַליציש שטעטעל, אין דער איצטיגער צייט.

ביים טיש דערצעהלט מיר מיין קוזינע, אַז זי ערוואַרטעט נאָך אַ גאַסט. דאָס איז אַ טאָכטער פון איהר שוועסטער וואָס געפינט זיך אין קאָראָלאָווקאַ. זי האָט געהאַט אַן איינגערע שוועסטער, וועלכע האָט אַמאָל געשפּילט אַ ליבע מיט מיר. זי האָט געהייראַט נאָכדעם ווי איך בין אַוועקגעפאָהרען אין אַמעריקע. זי איז געשטאָרבען און איבערגעלאָזען צוויי מיידלאך, איינע איז איצט 18 און די צווייטע איז 16 יאָהר אַלט. די עלטערע איז ניט לאַנג צוריק אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַלעסטינע. די צווייטע איז אין דעם שטעטעל קאָראָלעווקאַ, צוזאַמען מיט איהר פאָטער. זי האָט טעלעגראַפירט צו איהר צו קומען אַהער מיך זעהן.

מען טרינקט לחיים, מען פרעגט מיך אויס וועגן מיין פרוי און קינד.

איך פיהל זיך אין א זעהר ליבער, פריינטליכער געזעלשאפט. עס איז צום ערשטען מאָל זייט א לענגערע צייט, אַז איך הער גאָרניט וועגן אָרימקייט, וועגן נויט, וועגן אומגליק. עס גלויבט זיך מיר גאָרניט, אַז איך בין אין א פּויליש שטעטעל.

עס זיינען אַלעמאָל אריינגעקומען אנדערע שכנים כאַפּען א קוק אויף מיר. זיי האָבען מיך אָנגעקוקט און ארויס.

מיין קוזינע זאָגט מיר, אַז דאָ אין שכנות וואוינט אַן אמע־ריקאנער פרוי וואָס קען מיך גוט. זי זאָגט מיר איהר נאָמען. איך קען ניט איהר נאָמען. אָבער, זאָג איך, מעגליך, אַז איך קען זי אויפ'ן פּנים, נאָר איך ווייס ניט איהר נאָמען. עס טרעפען אַזעל־כע זאכען.

מען שיקט זי רופען. זי קומט באַלד אריין.

„אָט דאָס איז זי", זאָגט מיר מיין קוזינע.

איך קוק אויף איהר. איך קען זי נישט.

אָבער איידער איך האָב אוספּייעט עפּעס צו זאָגען, האָט זי מיר דערלאַנגט די האַנט און געזאָגט:

„איך קען אייך זעהר גוט. איך פלעג אייך אין ניו יאָרק יעדען טאָג הערען אויף דער ראַדיאָ".

„דו הערסט, ער רעדט אויף דער ראַדיאָ", זאָגט מיין קוזינע מיט שמחה צו איהר שנור.

„ער רעדט אויף דער ראַדיאָ", זאָגט די שנור צו איהר מאַן.

„ער רעדט אויף דער ראַדיאָ", זאָגען אַלע איבער איינער צום צווייטען.

איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָ ריידען אויף דער ראַדיאָ מיינט, אַז מען איז זעהר א גרויסער מענש. אָבער איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט אויף דער ראַדיאָ.

איך בין געבליבען אין א פאַרלעגענהייט. זאָל איך זאָגען, אַז איך האָב קיינמאָל נישט גערעדט אויף דער ראַדיאָ, און אַז זי האָט א טעות, וועל איך דאָך צושטערען די שמחה פון מיינע קרובים וואָס האָבען זיך וועגן דעם אַזוי געפרעהט. א חוץ דעם וועל איך דאָך מאַכען די אַמעריקאַנער פרוי פאַר א ליגנערקע האָב

איך גאָרנישט געזאָגט.

„דו ביזט אַזאַ גרויסער מענש, דו רעדסט אויף דער ראַדיאָ, און האָסט קיינמאָל אונז נישט געשריבען וועגען דעם“, באַמערקט מיין קוזינע.

„אין אַמעריקע איז ריידען אויף דער ראַדיאָ ניט אַזאַ גע־וואַלדיגע זאַך“, זאָג איך. „מעגליך אַז אין פּוילען איז דאָס אַ גאַנצע מציאה“.

„אַ ניין“, מאַכט די אַמעריקאַנער פרוי. „דאָרט רעדט ניט אויף דער ראַדיאָ גלאַט אַבי ווער. לאָ׳מיך וועלען ריידען אויף דער ראַדיאָ, קען איך?“

„אודאי“, זאָגט מיין קוזינע, „אַ קליינינקייט, רעדען אויף דער ראַדיאָ“.

זי האָט געוואָלט אַז איהר קאָזין זאָל זיין וואָס גרעסער און וויכטיגער.

מיין קוזינע האָט מיך דאַן ארויסגעפיהרט אויף אַ שפּאַציר איבער׳ן שטעטעל. זי האָט געוואָלט ריידען מיט מיר און האָט אויך געוואָלט, אַז אין שטעטעל זאָל מען זעהן, ווי זי גֵעהט מיט איהר קאָזין פון אַמעריקע, אַ וויכטיגער מענש, וואָס רעדט אויף דער ראַדיאָ.

מיר געהען איבער׳ן שטעטעל, וואָס איז אין מיינע אויגען גרויס ווי אַ גענייץ. די קראָמען, עהנליך צו די פון מיין שטעטעל. עס שטעהען אינעווייניג די בעל־הבתים און וואַרטען אויף אַ קונה, פונקט ווי אין סקאַלאַ.

עס געהען פאַרביי מענשען, זעהר אָרים געקליידעט, מאַנכע אין טראַנטעס. אָבער דאָס ריהרט מיך פיל ווייניגער, ווי אין מיין געבורטס־אָרט. ערשטענס, איז מיין אויג שוין צו דעם צוגע־וואוינט, און צווייטענס, זיינען זיי פאַר מיר פרעמדע מענשען. איך קען זיי ניט פון פריהער.

מיר האָבען שפּאַצירט אויסער דער שטאָט, איבער׳ן פעלד. דאָ האָב איך אַ מאָל שפּאַצירט מיט איהר יונגער שוועסטער, ווען זי און איך זיינען נאָך געווען גאָר יונג. מיר האָבען דאַמאָלט גע־וואָלט ריידען וועגען ליבע און זיך געשעהמט און גערעדט וועגען פּוסטע זאַכען.

איצט געה איך מיט איהר שוועסטער וואָס איז שוין אַלט און זי רעדט צו מיר מוטערליך. זי איז פאַראינטערעסירט אין יעדער קלייניגקייט פון מיין לעבען. זי שטעלט פראַגען און איך ענט־פער. איך דערצעהל איהר וועגען מיין אויפנאַמע אין מיין שטע־טעל, ווי זיי האָבען געמיינט אַז איך בין ראָטשילד.

זי לאַכט הארציג. אָבער אין דערזעלבער צייט זעה איך, אַז זי האַלט מיך אויך פאַר אַ פיל וויכטיגערען מענש ווי איך בין.

זי פרעגט מיך וועגען מיין ארבייט אין „פאָרווערטס". ווען איך זאָג איהר, אַז אין דער צייטונג זיינען פאַראַן וויכטיגערע מענ־שען ווי איך בין, גלויבט זי נישט. איך בין פאַר איהר וויכטיגער פון אַלעמען. איך בין דאָך איהר קאָזין און די אַנדערע זיינען צו איהר פרעמדע.

„דו מאַכסט דאָך אפילו גאָרנישט פון דעם וואָס דו רעדסט אויף דער ראַדיאָ", זאָגט זי צו מיר.

אין דערזעלבער צייט טראַכט איך זיך, וואָס פאַרליר איך, אַז זי האַלט מיך פאַר וויכטיגער ווי איך בין. נאָכאַלעמען פאַרלאַנגט זי דאָך פון מיר גאָר נישט. זי וויל בלויז זיך גרויסען מיט מיר. זאָל איהר וואויל באַקומען.

ווען איך האָב איהר געשטעלט פראַגען וועגען איהר לעבען, וועגען איהר לאַגע, וועגען איהר רייכקייט, האָט זי געזאָגט, אַז זי האָט נאָך צייט וועגען דעם צו ריידען. אַזוי ווי זי און איך זיינען מיר אין אַ גוטער שטימונג, האָט זי געזאָגט, וויל זי עס נישט צושטערען.

„אפשר זיינען די מעשיות וועגען דיין רייכקייט אַזוי איבער־טריבען ווי די געשיכטעס וועגען מיין רייכקייט, אין מיין שטע־טעל?" האָב איך זי געפרעגט.

„עס איז נישט אינגאַנצען איבערטריבען", האָט זי געזאָגט. „איך בין ניט אָרים. אָבער".

„אָבער וואָס?" האָב איך געפרעגט.

„פארגעס נישט", האָט זי געזאָגט, „אַז איך לעב אין פוילען. אָבער וועגען דעם וועלען מיר נאָך ריידען".

„איך בין דאָך אָבער נייעגריג", האָב איך געזאָגט, „איך וויל דאָך אַלעס וויסען".

„דו וועסט אַלעס וויסען". האָט זי געזאָגט. „אַז איך וועל אָנהויבען דיר דערצעהלען, וועסטו שוין ניט האָבען קיין מעגליכ־קייט צו ריידען. איך בין דאָך אַ פרוי. אַ איך צורעד זיך, הער איך שוין ניט אויף. איצט וויל איך דו זאָלסט ריידען".

וועהרענד דעם גאַנצען שפּאַציר, ביז מיר זיינען צוריקגעקו־מען, האָב איך נישט געהאַט קיין מעגליכקייט אויסצוגעפינען פון איהר דאָס וואָס איך האָב אַזוי געוואָלט וויסען: ווי לעבען די רייכע אין פּוילען?

אַ בריעף פון פּאַלעסטינע

די באַגייסטערונג. — דער סטאַראָסטע ראַטעוועט מיך

ווען איך בין צוריקגעקומען מיט מיין קוזינע פון דעם שפּאַ־ציר, האָב איך ערוואַרטעט, אז איצט וועט מען מיר אַלעס דער־צעהלען. אָבער עס איז ניט געווען קיין געלעגענהייט. א גאַסט איז אָנגעקומען. א 16 יעהריג שעהן מיידעל, די טאָכטער פון מיינע א קוזינע, וואָס לעבט ניט מעהר, איז געקומען פון א צוויי־טער שטעטעל, קאַראַלאָווקא, מיך צו זעהן.

מען האָט זיך מיט איהר שטאַרק דערפרעהט.

זי האָט באַלד דערצעהלט מיט גרויס ענטוזיאַזם, אז זי האָט מיט זיך געבראַכט א בריף פון איהרער א שוועסטער אין פּאַ־לעסטינע. איהר שוועסטער, א מיידעל פון א יאָהר אַכצעהן, איז ערשט אַוועקגעפאָהרען קיין פּאַלעסטינע. עס איז איהר ערשטער בריף פון דאָרט.

אַלע זיינען געווען נייגעריג צו הערען לייענען דעם בריף. די מיידעל האָט שוין געהאַלטען דעם בריף גרייט צו לייענען. אָבער מיין קוזינע האָט געבעטען נאָך ניט צו לייענען. זי איז נאָך ניט פאַרטיג. זי האָט געבעטען צו וואַרטען א ווײַלע אויף איהר. זי איז אריין אין קיך, וואַהרשיינליך צוצוגרייטען נאַכטמאָהל. די מיידעל האָט דערווייל איבערגעקוקט דעם בריף און איהם געגלעט מיט א באַזונדערער ליבשאַפט.

עס זיינען אריינגעקומען באַקאַנטע פון מיין פאַמיליע, מיר געגעבען שלום עליכם און מיך געפרעגט „וואָס אַמעריקע מאַכט". ווען זיי האָבען געהערט, אז מען וועט באַלד לייענען א בריף פון פּאַלעסטינע, האָבען זיך אַלע אוועקגעזעצט גרייט צו הערען.

מיין קוזינע איז אריינגעקומען פון קיך און א קאָמאַנדעווע געטאָן: „לייען!"

דער בריף איז געווען געשריבען אין העברעאיש און די יונגע מיידעל האט איהם געלייענט מיט'ן ספרד'ישען אקצענט און מיט דער גרעסטער באגייסטערונג.

אין דעם בריף שרייבט די שוועסטער איהרע, אז זי איז שוין אנגעקומען אין פאלעסטינע. זי איז איצט אין תל־אביב. זי שיל־דערט די פראכטפולע לאנדשאפטען. זי איז באגייסטערט פון אלעס וואס זי זעהט דארט. און דאס שעהנסטע און בעסטע פון אלעס, שרייבט זי, זיינען די דארטיגע מענשען, וואס זי האט באַ־גענגט. „אזוי ליבליך און אזוי פריינדליך קען מען בלויז זיין אין אייגענעם לאנד", שרייבט זי. זי ווייסט נאך ניט וואס זי וועט דארט טאן, ערקלערט זי, אבער זי פיהלט זיך גליקליך, ווייל זי איז צווישען אייגענע, אין אייגענעם לאנד.

די אויגען פון דער יונגער קרובה מיינער האבען געשטראהלט פון גליק ווען זי האט געלייענט דעם בריף. אלע צוהערער זיינען געזעסען באגייסטערטע. אפילו די וואס האבען ניט פארשטאנען קיין העברעאיש האבען באגייסטערט נאכגעשאקעלט מיט די קעפ. זיי האבען פון דעם טאן פון דעם לייענען זיך משער געווען, אז עס איז וואויל און גוט.

איינער, א איד מיט א לאנגער בארד, האט זיך שטארק גע־שאקעלט, ווערענד דער בריף איז געלייענט געווארען. ער האט מאנכע ווערטער נאכגעזאגט און ער האט אויסגעזעהן ווי איי־נער וואס זאגט נאך דעם חזן ביים דאווענען.

איך האב קיינמאל אין מיין לעבען ניט געזעהן, אז א בריף זאל מאכען אזא שטארקען איינדרוק אויף מענשען ווי דער בריף.

אייגענטליך איז דאך אין דעם בריף ניט געשטאנען אזעלכע געוואלדיגע זאכען. א מיידעל דערצעהלט, אז זי איז ערשט אנגע־קומען קיין פאלעסטינע. זי ווייסט אפילו ניט וואס זי וועט דארט טאן. היינט וואס איז די שמחה?

אבער ווען מען זעהט ווי אלע פרעהען זיך אזוי, ווערט מען ניט וויסענדיג אליין מיטגעריסען און מען פרעגט ניט קיין קשיות.

איך פרעג די אייניקלאך פון מיין קוזינע, צוויי קליינע מיידעלאך: „איהר ווילט פאהרען מיט מיר קיין אמעריקע?"

„ניין", ענטפערען ביידע.

„ווילט איהר פאָהרען קיין פּאַלעסטינע?"

„יאָ", ענטפערעןביידע שנעל.

ס'איז אמת, אז דער ענטפער איז געקומען פון קינדער וואָס ווייסען גאָר ניט וועגען אמעריקע און גאָר ניט וועגען פּאַלעסטינע. אָבער דורך זיי רעדט דאָך דער געפיהל פון די עלטערען.

פארוואָס זאָלען זייערע עלטערען זיין אזוי פאראינטערע־סירט אין פּאַלעסטינע, ווען זיי געהט דאָ גוט און ווען אין פּאַ־לעסטינע איז איצט ניט אזוי גוט? (דאָס איז געווען אין דער צייט ווען די אראַבער האָבען נאָך ניט געהאַט אָבגעשטעלט זייערע פּאָגראָמען אויף אידען).

איך האָב דאָס אַלעס באַלד אויסגעפונען.

זיי האָבען, נאָכדעם ווי מען האָט געענדיגט לייענען דעם בריף, גערעדט מיט גרויס באַגייסטערונג פון פּאַלעסטינע. מען האָט פון דאָרט דערצעהלט אַזעלכע נסים ונפלאות, ווי מען פלעגט דערצעהלען אַמאָל וועגען אמעריקע.

אַלע, אריינגערעכענט מיין רייכע קוזינע, איהר זוהן און זיין ווייב, האָבען זיך געוואונשען, אזוי שנעל ווי מעגליך זיך אריבערצוציהען קיין פּאַלעסטינע.

איך האָב באַמערקט: „מיך וואונדערט וואָס איך רייכע ווילען אַנטלויפען קיין פּאַלעסטינע. ס'איז דאָך איצט דאָרט ניט אזוי פרעהלאָך?"

„דערצעהל איהם אַלעס", האָט מיין קוזינע געזאָגט צו איהר זוהן.

איהר זוהן, אַן אינטעליגענטער יונגערמאַן און אַ באַגייסטער־טער ציוניסט, האָט געזאָגט: „ס'איז ניט אזוי לייכט אַלעס צו דערצעהלען. אָבער איך וועל איהם עפּעס ווייזען, וועט ער אַלעס אליין פארשטעהן".

און זאָגענדיג אָט די ווערטער האָט ער מיך אָנגענומען ביי דער האנד און מיך ארויסגעפיהרט אין דעם בעק־יאַרד פון זיין הויז, וואו ער האָט אַ סקלאַד פון האָלץ.

איך האָב דאָרט געזעהן ליגען מאַסען קלעצער, האַלב פאַר־ברענט און אויך איבערבלייבענישען פון פילע גאַנץ פאַרברענ־טע קלעצער.

„דו זעהסט", זאָגט ער, „דאָס האָט מען מיך אונטערגעצונ־דען צוויי טעג אײדער דו ביזט אָנגעקומען. מיר האָבען דיר דאָס ניט געוואָלט דערצעהלען, ווייל צו וואָס דיר אָנטאָן יסורים. אָבער דו ווילסט דאָך אַלעס וויסען".

„ווער זיינען די אונטערצינדער?"

„כוליגאַנעס", האָט ער ערקלעהרט. „טאָמער געפינט זיך אין אַ שטאָדט אַ איד וואָס מאַכט אַ לעבען, צינדט מען איהם אונטער. איך בין ניט דער איינציגער".

„ביזטו פאַרזיכערט?" — פרעג איך איהם.

„יאָ", זאָגט ער, „אָבער מען קען דאָ ניט זיין פאַרזיכערט אויף מעהר ווי אַ פערטעל פון שאָדען".

ער האָט מיר ווייטער דערצעהלט, אַז די גאַנצע שטאָדט אידען האָט געהאָלפען לעשען דאָס פייער.

„זיי ווייסען דאָך אַלע", האָט ער געזאָגט, „אַז מען האָט מיך אונטערגעצונדען צוליב בלויז איין אורזאַך, ווייל איך בין אַ איד".

„אויב אַראַבער צינדען אונטער אידען אין פּאַלעסטינע", האָט ער ערקלערט, „קומט דאָך דאָרט פאָר אַ ציטוויליגער קאַמף. דאָ איז דאָס ניט ציטווייליג און דאָ איז דאָס ניט קיין קאַמף. די אונטערצינדער וועט קיינער ניט כאַפּען און קיינער וועט זיי ניט משפּט'ן. ווען מען זאָל אפילו וויסען ווער זיי זיינען, האָט מען מורא אויסצוזאָגען".

„איך גלויב", האָט ער געזאָגט, „אַז דאָס אליין איז גענוג פאַר דיר צו פאַרשטעהן פאַרוואָס אפילו רייכע אידען ווילען אַנטלויפען קיין פּאַלעסטינע".

„דאָס איז גענוג", האָב איך צוגעגעבען.

מיין קרוב האָט מיך צוריק אריינגעפיהרט אין הויז און געזאָגט: „מעהר זאָלען מיר פון קיין צרות ניט רעדען. ער דאַרף דאָ זיין בלויז נאָך אַ טאָג, טאָ זאָל ער פיהלען גוט". און מען האָט געגרייט צום טיש, געגעסען אַ רייכען נאַכטמאהל. ווען איך וואָלט ניט געזעהן יענע פאַרברענטע קלעצער, וואָלט איך ווידער געמיינט, אַז איך בין אין אַ גן־עדן.

דעם צווייטען טאָג זיינען צו מיר געקומען פאַרשידענע מענ־שען און קאָמיטעס מיך באַגריסען.

אַ העברעאישער לעהרער האָט מיך געפרעגט גאַנץ נאַאיוו:
„רעדט מען העברעאיש אין ניו יאָרק?"
„ניין", האָב איך איהם געענטפערט.
„פארוואָס?" — האָט ער געפרעגט.
„ווייל מען האָט ניט קיין צייט".
„היתכן", האָט ער געזאָגט, „העברעאיש, די שפּראַך פון אידישען פאָלק?"
„מיר, דאָ", האָט ער געזאָגט, „זיינען אזוי אויף צרות און דאָך לערנען מיר זיך רעדען העברעאיש. און איהר דאָרט, ס'איז אייך אזוי גוט. איהר האָט אַ אידישען גובערנאַטאָר. איז פאַר־וואָס זאָל מען ניט לערנען קיין העברעאיש?"
עס איז דערנאָך צו מיר געקומען אַ לעהרער פון אַ אידי־שער שולע און געפרעגט צי אידישע קינדער רעדען אידיש אין ניו יאָרק.
ווען איך האָב איהם געזאָגט, אַז ניין, האָט ער אויף מיר אָנגעשטעלט אַ פּאָר נאַאיוו־פאַרצווייפעלטע אויגען און געזאָגט:
„מילא, אַז ביי אונז זיינען דאָ אידישע קינדער וואָס רעדען פּויליש אנשטאָט אידיש, איז דאָך עס פּוילען, וואו מען האָט מורא צו רעדען אידיש. אָבער ביי אייך האָט מען דאָך ניט קיין מורא?"
אַ קאָמיטע איז געקומען מיך איינלאַדען צו האַלטען אַ רעדע אין אָווענט.
איך האָב קיין חשק ניט געהאַט צו רעדען. איך האָב דעם אָווענט געוואָלט פאַרברענגען מיט מיינע קרובים. איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך קען ניט רעדען. איך בין ניט קיין רעדנער.
„איהר קענט ניט רעדען?" — האָט זיך אָנגערופען איינער פון דער קאָמיטע. — „איך בין זיכער, אַז איהר קענט זיך אוועק־שטעלען רעדען פון אין דער פריה ביז אויף דער נאַכט".
„ווי אזוי זייט איהר אזוי זיכער?" — פרעג איך איהם.
„וואָס הייסט?" — זאָגט ער. — „אַן אמעריקאנער און קען ניט רעדען?"
איך האָב איהם געוואָלט ערקלערען, אַז ער האָט אַ טעות; אַז איך קען אַ סך אמעריקאנער וואָס קענען ניט רעדען.
אָבער דאָ האָט זיך אריינגעמישט מיין קוזינע און געזאָגט:

„אודאי קען ער רעדען. ער רעדט אין אמעריקע אויף דער ראדיא".

ווען איך האב געזעהן, אז מיין קוזינע וויל אויך איך זאל רעדען, האב איך שוין די איינלאדונג אנגענומען.

די רעדע האט געדארפט פארקומען אין אווענט. און אזוי ווי איך האלט זיך ניט פאר קיין רעדנער, האב איך דעם גאנצען טאג געקלעהרט וואס איך זאל רעדען. איך האב ניט געוואלט דורכפאלען. איך האב ניט געוואלט פארשעהמען מיינע קרובים, וועלכע מיינען אז איך בין א רעדנער.

אבער איך האב ניט געהאט קיין צייט זיך צוצוגרייטען. מיינע קרובים האבען מיט מיר געוואלט רעדען. אויך גלאט אידען זיינען אריינגעקומען און מיך געפרעגט וועגען פארשידענע זאכען. איך אליין האב אויך געוואלט רעדען מיט די אלע מענשען. די צייט איז געפלויגען און אט איז שוין אין אווענט און איך וועל באלד דארפען רעדען. איך פיהל, אז איך בין ניט צוגעגרייט, אז נאך מיין רעדע וועט מיין קוזינע פארשטעהן, אז די מעשה, אז איך רעד אלע טאג אויף דער ראדיא אין ניו יארק, איז ניט אמת. די אידען אין מיעלניצא וועלען אויך זיך דערוויסען, אז עס זיינען פאראן מענשען וואס קומען פון אמעריקע און קענען ניט רעדען.

איך ערקלעהר מיין קוזינע, אז מעהר ווי א האלבע שעה וועל איך ניט רעדען. זי פארלאנגט פון מיר א גאנצע שעה. מיר דינגען זיך. איך פיהל, אז אויב מיר וועט געלינגען צו רעדען פופצעהן מינוט צייט וועל איך זיין א העלד. מיין קאפ איז איצט ניט ביי קיין רעדע. איך בין ניט אין קיין שטימונג פון רעדען. איך ווייס איבערהויפט ניט וואס צו זאגען צו די אלע אומגליקליכע מענשען דא. איך טראכט: וואס טוט מען זיך ארויסצודרעהען?

ווערענד איך האב זיך אזוי געזארגט איז אריינגעקומען די קאמיטע וואס האט מיך איינגעלאדען צו רעדען.

מיין הארץ האט אנגעהויבען קלאפען. מסתמא מיך שוין נעקומען רופען צו האלטען די רעדע.

„עס איז איבערגעפאקט. כמעט דאס גאנצע שטעטעל איז געקומען אייך הערען", האט געזאגט איינער פון דער קאמיטע.

מיין קוזינע האָט געשמייכעלט. זי איז געווען גליקליך.

איך האָב געפיהלט ווי צו חלש'ן.

„אָבער", האָט דער קאָמיטעט־מאַן ווייטער געזאָגט, „דער סטאַראָסטע האָט פאַרבאָטען די פאַרזאַמלונג".

איך האָב געפיהלט ווי ארומצונעהמען דעם קאָמיטעט־מאַן און איהם קושען.

אַלע זיינען געווען אין כעס אויפ'ן סטאַראָסטע.

איך בין איהם אָבער געווען זעהר דאַנקבאַר. מיר האָט ער געטאָן די גרעסטע טובה.

מיין גליק האָב אָבער לאַנג ניט אָנגעהאַלטען. פילע פון די, וואָס זיינען צוריקגעגאַנגען פון דער פאַרזאַמלונג, זיינען געקומען אין מיין קוזינע'ס הויז און געפאָדערט, אַז איך זאָל פאַר זיי האַלטען מיין רעדע.

איך האָב אָבער זיך ארויסגעדרעהט. איך האָב געזאָגט, אַז איך בין געוואוינט צו רעדען בלויז אויף אַ ביהנע, אויף אַ פלאַטפאָרמע. גלאַט אַזוי זיך אוועקשטעלען רעדען קען איך ניט. איך וועל בעסער מיט זיי שמועסען, אַז אַלע זאָלען רעדען.

זיי האָבען אנערקענט, אַז איך בין גערעכט — און זיי האָבען אַלע גערעדט. יעדער האָט זיך אָנדערצעהלט וועגען אַנדערע צרות. איך האָב געמיינט, אַז איך בין צוריק אין מיין אומגליקליך שטעטעל סקאַלאַ. איך האָב דערפיהלט, אַז איך בין אין גאַליציע.

פילע פון זיי האָבען זיך באַקלאָגט, אַז די לאַנדסלייט זייערע אין אַמעריקע האָבען אין גאַנצען פאַרגעסען אָן זייער שטעטעל. די אַלע אינסטיטוציעס, וואָס זיי האָבען, ווערען אויסגעהאַלטען פון זיי אליין. ווען זיי וואָלטען געהאַט אביסעל הילף פון אַמעריקע, וואָלטען זייערע אינסטיטוציעס ניט געווען אין געפאַהר אונטערצוגעהן.

איך האָב, זיך געזעגענדיג מיט זיי, צוגעזאָגט, אַז דאָ אין אַמעריקע וועל איך זייערע לאַנדסלייט זאָגען, אַז עס איז ניט שעהן צו פאַרגעסען אָן זייער אַלטער היים.

אין קראקא

טעאַטער אַ רפואה צו אידישע צרות. — מיט מיינע קרובים ביי „יאָשע קאַלב"

ווען איך בין אָנגעקומען קיין קראקא בין איך ביי דער באַהן באַגעגענט געוואָרען פון מיינעם א יוגענד חבר. ער האָט מיר געשריבען קיין ווארשא, אז ווען איך וועל קומען קיין קראקא זאָל איך איהם פריהער לאָזען וויסען, און ער וועט מיך אָבוואַרטען ביים באַהן. איך האָב איהם געלאָזען וויסען.

איך בין אָנגעקומען שפּעט אין אָוועגט. ווען איך בין ארונטער פון צוג האָט ער אויסגעשריען מיין נאָמען, אום איך זאָל וויסען, אַז ער איז דאָס. איך וואָלט אנדערש איהם ניט דערקענט און ער מיך ניט.

ער האָט זיך מיט מיר דערפרעהט ווי מיט גאָר א נאָהענטען קרוב. ערשטענס האָב איך איהם אָפּגעגעבען א גרוס פון זיין געבורטס־שטעטעל, וואו ער איז שוין פילע יאָהרען ניט געווען. פון קראקא קיין סקאלא איז זעהר ווייט, און א איד פון קראָקא קען זיך ניט ערלויבען צו מאכען אזעלכע לוסטרייזעס. צווייטענס, איז ער געווען פאראינטערעסירט מיך אליין צו זעהן; און דריטענס, איז יעדער גליקליך צו זעהן איינעם וואָס קומט פון אמעריקע.

איך האָב געוואָלט ער זאָל מיר דערצעהלען וועגען זיך, וועגען זיין לעבען. ער האָט אָבער געוואָלט איך זאָל רעדען, איך זאָל דערצעהלען.

„וואָס האָב איך צו דערצעהלען", האָט ער געזאָגט, „איך בין א איד וואָס וואוינט אין קראאקא. דו ביזט שוין געווען אין פילע אנדערע גאליציאנער שטעדט. דו ביזט ארומגעפאָהרען, דו האָסט געזעהן די וועלט. איך האָב מעהר ניט געזעהן ווי קראאקא. א שטאָדט ווי אלע גאליציאנער שטעדט. מען מוטשעט זיך.

ער האָט מיך אָבגעפיהרט אין א האָטעל. ער איז מיט מיר ארומגעגאנגען ביז שפעט אין דער נאכט. ער האָט מיך ארומגעפיהרט אין פלעצער, וואו מען טרעפט אידיש קולטור טוער, אידישע שרייבער און אזעלכע וואָס דרעהען זיך ארום שרייבער, און איך האָב זיך געפיהלט כמעט אזוי היימיש ווי אין ווארשא.

ווען עס איז שוין געוואָרען זעהר שפעט האָט ער מיך איבערגעגעבען אין די הענד פון דר. קעמפפנער, איינער פון די רעדאקטערע פון דער קראקאווער פויליש־אידישע צייטונג „נאָווי דזשיעניק".

איך האָב דר. קעמפפנער געטראָפען זיצען אין א קאפע־הויז פארטיפט אין א צייטונג. לעבען איהם זיינען געלעגען פארשידענע צייטונגען אידישע און פוילישע.

אזוי שנעל ווי מען האָט איהם מיך פארגעשטעלט האָט ער אלע צייטונגען אוועקגעשאָרט און אָנגעהויבען רעדען מיט מיר וועגען טעאַטער בכלל און וועגען אידיש טעאַטער בפרט, און מיר האָבען גערעדט ביז עס האָט שוין געטאָגט.

ביי דר. קעמפפנער איז טעאַטער דאָס לעבען מיט דער נשמה. ער איז דער פיהרער פון א דאָרטיגען דראמאטישען קלאָב. ווען עס קומט אין זיין שטאָדט א טרופּע וואָס שפּילט בעסער טעאַטער איז ער גליקליך. ווען עס קומט א אידישער שרייבער, איבערהויפט אזעלכער וואָס שרייבט דראמען, איז ביי איהם א יום־טוב.

רעדענדיג מיט איהם האָב איך פארגעסען, אז איך געפין זיך איצט אין א לאנד, וואו אידען האָבען ניט קיין פּרנסה, קיין רעכט און קיין האָפנונגען. עס איז אויסגעקומען, אז אלעס וואָס אונז פעהלט איז א גוט אידיש טעאַטער. ער האָט גערעדט מיט אזוי פיעל פייער און באגייסטערונג, אז איך בין מיטגעריסען געוואָרען (איך אליין האָב דאָך טעאַטער אויך ניט פיינט).

ווען איך בין אוועק פון איהם האָט מיר נאָך איהם באַנג געטאָן. איך בין אוועק ווי פון א פארטרוימטער שעהנער וועלט. נאָך איהם האָב איך זיך ווידער באגעגנט מיט אנדערע מענשען, מיט אַן אנדערע וועלט — די שווערליכע ווירקליכקייט.

אַן עהנליך געפיהל האָב איך געהאַט ווען איך האָב זיך באַגעגנט אין ווארשא מיט דר. יצחק שיפער, א באַריהמטער שריפט־

שטעלער, היסטאָריקער און גאַליציאַנער.

איך האָב איהם געטראָפען ביי א זיצונג אין דער וואַרשעווער קהלה, וואו ער האָט געהאַלטען א שאַרפע פּראָטעסט־רעדע וועגען די רעכטלאָזיגקייט פון די אידען.

נאָכדעם ווי ער האָט געענדיגט זיין איינדרוקספולע רעדע וועגען אידישען אונגליק האָט ער מיט מיר גערעדט וועגען אידישען טעאַטער, און גערעדט מיט פייער, מיט חסידישער התלהבות, מיט גאַליציאַנער וואַרימקייט.

איך האָב זיך געוואונדערט. ערשט האָט ער גערעדט וועגען פּאָגראָמען (ער האָט מיין הארץ צונומען), און שוין רעדט ער וועגען טעאַטער. נאָך מיין מיינונג האָט זיך עס ניט געגראַמט.

אָבער ער האָט געזאָגט, אַז עס גראַמט זיך שוין גאָר.

„טעאַטער איז א רפואה פאַר צרות, א באַלזאַם פאַר אונגליקליכע מענשען", האָט ער געזאָגט.

איך האָב דאַמאָלט געהאַלטען אין אויפפיהרען מיינע א קאָמעדיע אין וואַרשא און געפיהלט זיך שולדיג וואָס איך גיב זיך אָב מיט פערזענליכע זאכען, מיט אויפפיהרען א קאָמעדיע, אין א לאַנד וואו מען שלאָגט און פאַרפאָלגט אידען. ווער דאַרף דאָס?

אָבער לויט דר. שיפער'ס רייד איז אויסגעקומען, אַז איך טו די גרעסטע זאַך, אַז קאָמעדיעס פאַר אידען איז איצט די גרעסטע רעטונג.

ווען איך בין אוועק פון איהם האָב איך זיך באַגעגענט מיט אַנדערע מענשען און געהערט רעדען וועגען בלויז צרות און ווידער אָנגעהויבען פיהלען שלעכט, וואָס איך בין פאַרנומען מיט אייגענע פערזענליכע אינטערעסען, מיט אויפפיהרען מיינע א פּיעסע. איך פלעג דערפאַר לויפען אָפט זוכען דר. שיפער.

גאַנץ פריה איז מיין לאַנדסמאַן געקומען צו מיר און מיך געפיהרט צו מיינע קרובים, די קרובים פון מיין ווייב'ס צד, צו איהרע א טאַנטע.

ווען איך בין אריינגעקומען צו דער טאַנטע, האָב איך געזעהן אַן אַלטע פרוי, א טאָרבעלע ביינער, א שאָטען פון א מענש און די וואוינונג א שאָטען פון א וואוינונג. די דירה איז באַשטאַנען פון צוויי צימערען: איין צימער מיט א צובראָכענעם סופיט וואָס

איז געווען נאָך נאָס פון דעם נעכטיגען רעגען, און אין דעם צוויי־טען צימער האָט מען זיך געדאַרפט איינבויגען ווען מען איז אַריינ־געגאַנגען.

ווען איך האָב איהר געזאָגט ווער איך בין, האָט זי פּאָר גרויס פריידע ניט געוואוסט וואָס זי זאָל זאָגען און וואָס זי זאָל טאָן. זי האָט געשלעפּט אַ בענקעל אַהין און צוריק. זי האָט זיך אַוועקגעזעצט, און אויפגעשטעלט.

זי האָט געוואוסט, אַז איך וועל קומען. איהרע צוויי טעכ־טער און שוועסטער (מיין שוועגער) האָבען איהר געשריבען, אַז איך וועל קומען. זי האָט געוואוסט, אַז איך פיהר אַ פּאָר דאָלאַר פאַר איהר, און כאָטש זי האָט די פּאָר דאָלאַר געדאַרפט ווי אַ מענש דאַרף האָבען אויגען צו זעהן, איז דאָס געווים ניט געווען ביי איהר דאָס וויכטיגסטע. זי האָט ערוואַרט אַ גרוס פון איהרע קינדער וואָס זי האָט יאָהרען לאַנג ניט געזעהן. זי האָט אַזש גע־ציטערט ווען זי האָט דערמאָהנט איהרע קינדער.

איך האָב איהר אַלעס דערצעהלט וואָס איך ווייס וועגען איה־רע קינדער. זי האָט געוואָלט איך זאָל איהר נאָך אַמאָל דאָס־זעלבע דערצעהלען. זי האָט זיך געערגערט וואָס איהרע היגע קינדער זיינען ניטאָ צו הערען דעם גרוס. זי וואָלט געוואָלט לוי־פען רופען די קינדער, נאָר ס'איז וויט און זי איז צו אַלט און צו שוואַך צו געהן זיי רופען. זי האָט געוואָלט, אַז איך זאָל דאָ זיין אַ לאַנגע צייט, איך זאָל ביי איהר וואוינען, זי זאָל נאָכאַמאָל און נאָכאַמאָל רעדען וועגען איהרע צוויי אַמעריקאַנער טעכטער, און וועגען איהרע אייניקלאַך, וועלכע זי האָט קיינמאָל ניט געזעהן און האָט ניט קיין האָפנונג ווען זיי צו זעהן. אָבער איך האָב געדאַרפט אַוועקגעהן. אין אָווענט האָב איך געמוזט שוין אַוועקפאָהרען. איך האָב איהר צוגעזאָגט, אַז פאַר מיין פאָהרען וועל איך קומען זיך געזעגענען און פון איהר הויז פאָהרען צום באַהן.

זי איז געווען גליקליך וואָס איך קום נאָך אַמאָל און האָט מיך געבענשט מיט עטליכע ברכות, וואָס ווען בלויז אַ טייל פון זיי ווערען מקוים וואָלט איך געווען העכסט צופרידען.

* * *

איך האָב ביי מיטאָג זיך געטראָפען מיט אַ גרופּע שווישפּילער

פון װאַרשאַ װאָס שפּילט אין קראָקאָ י. י. זינגער׳ס באַריהמטע פּיעסע „יאָשע קאַלב״. צװישען די שױשפּילער האָט זיך געפונען די סמעטענע פון די דאָרטיגע אידישע שױשפּילער, װי קלאַראַ סעגאַלאָװיטש, שטײן, מאַרעװסקי, סאַנדבערג און אַנדערע. זײ האָבען מיר אײנגערעדט, אַז איך טאָר פון קראָקאָ ניט אװעקפאָהרען ביז איך זעה ניט זײ שפּילען אין „יאָשע קאַלב״. אױב איך װיל זעהן װי אידען האָבען ליב טעאַטער, דאַרף איך עס זעהן אין גאַליציע.

זײ האָבען מיט מיר ניט געדאַרפט שװער האַרעװען, אַז איך זאָל נאָך פאַרבלײבען. אין יעדער גאַליצישער שטאָדט, װאו איך בין געװען האָב איך געװאָלט זײן לענגער װען איך װאָלט נאָר געהאַט די צײט דערפאַר.

איך האָב באַשלאָסען צו פאַרבלײבען אין קראָקאָ נאָך אַ נאַכט אױפ׳ן חשבון פון װיען. איך האָב אין װיען געװאָלט זײן צװײ טעג װעל איך שױן מוזען זײן נאָר אײן טאָג. די צײט שטעהט ניט אױף אַן אָרט.

אין אָװענט. מײן לאַנדסמאַן פיהרט מיך װידער צו מײנע קרובים.

די טאַנטע מיט איהרע דרײ טעכטער און צװײ אײדעמס זײנען שױן געװען פאַרזאַמעלט און געװאַרט אױף מיר.

אַלע זײנען געװען פײן אױסגעפוצט. די מלבושים זײערע זײנען געװען אַמעריקאַנישע, פון די פעקלאַך, װאָס מײן שװיגער און אַנדערע קרובים שיקען זײ פון אַמעריקע.

איך האָב די גרוסען װאָס איך האָב אָפּגעגעבען אין דער פריה איבערגע׳חזר׳ט נאָך אַמאָל. מען האָט מיר געשטעלט פראַגען און איך האָב געענטפערט. זײ האָבען מיך געפרעגט צו מוז איך טאַקע שױן אװעקפאָהרען. זײ װאָלטען דעם אַמעריקאַנער גאַסט געװאָלט האָבען לענגער בײ זיך.

איך האָב זײ ערקלערט, אַז איך פאָהר מאָרגען גאַנץ פריה און הײנט אָװענט געה איך אין טעאַטער זעהן „יאָשע קאַלב״.

„אַ קלײניגקײט, „יאָשע קאַלב!״ רופט זיך אָפּ אײן טאָכטער פון דער טאַנטע״.

„איך בין קײנמאָל ניט געװען אין טעאַטער״, זאָגט אַן אַנ־

דערע, „ווער קען זיך דאָס פאַרגינען?"

„אויב איהר ווילט", שלאָג איך פאָר, „נעם איך אייך אַלע מיט אין טעאַטער".

זיי האָבען אַלע זיך אָנגעקוקט מיט אויגען וואָס זאָגען: „אויף אַזאַ גליק האָב איך זיך ניט געריכט". אַ ווײַלע האָט גע־הערשט אַ טויט־שטילקייט. קיינער האָט וואַהרשיינליך ניט גע־וואַגט עפּעס צו זאָגען וועגען אַזאַ גוטען פאָרשלאַג.

ענדליך האָט זיך איינע, די יונגסטע אָפּגערופען, „איהר פרעגט צו מיר ווילען געהן אין טעאַטער? ווער קען זיך אָבזאָגען פון אַזאַ פאַרגעניגען?".

„אָבער אַלע דאַרפען ניט געהן", זאָגט די טאַנטע. „ס'קאָסט צופיל געלד!"

„איך צאָהל סיי ווי ניט. מען לאָזט מיך אַריין אין טעאַטער פריי", האָב איך זיי געטרייסט.

זיי האָבען זיך ווידער אָנגעקוקט מיט אויגען וואָס האָבען אויסגעדריקט אונגעפעהר פאָלגענדעס: — וואָס איז ער פאַר אַ מין סאָרט מענש, נעמט אַלעמען אין טעאַטער, און זאָגט, אַז מען לאָזט איהם אַריין פריי. פאַרוואָס זאָל מען איהם אַריינלאָזען פריי?"

מיין לאַנדסמאַן וואָס איז געזעסען מיט מיר האָט אַ־פּנים באַ־מערקט זייער איבערקוקען זיך און זאָגט: „ס'איז ריכטיג. די שוישפּילער האָבען איהם איינגעלאַדען. ער נעמט מיך מיט מיין ווייב און טאָכטער אויך מיט."

„צוזאַמען 10 מענשען", האָט איינע פון דער טאַנטע'ס טעכ־טער באַמערקט און זיך איבערגעקוקט מיט די אַנדערע.

„זאָג מיר זוהנ'דעלע", רופט זיך אָפּ די אַלטע טאַנטע, „פאַר־וואָס לאָזען זיי דיך אַריין פריי אין טעאַטער?"

„ער איז אַ שרייבער", ערקלערט מיין לאַנדסמאַן.

אַלע האָבען זיך ווידער אָנגעקוקט. איך האָב פון זייערע בליקען פאַרשטאַנען, אַז איך בין פאַר זיי עפּעס אַ רעטעניש.

מיר זיינען אַלע געפאָהרען צום טעאַטער.

ווען איך בין צוגעקומען צום באָקס־אָפיס האָבען זיי גע־קוקט צו צאָהל איך פאַר בילעטען צו ניין.

זיי האָבען געזעהן, אַז מען גיט מיר טאַקע בילעטען פריי און זיי האָבען אַלע זיך איבערגעקוקט און געקוקט אויף מיר ווי אויף אַ וואונדער.

אין טעאַטער. די פּיעסע „יאָשע קאַלב", וועלכע איך האָב שוין געהאַט געזעהן אין ניו יאָרק, האָט אויף מיר דאָ געמאַכט אַ פּיעל שטאַרקערען איינדרוק. איך גלויב, אַז די דאָרטיגע אַקטיאָרען שפּילען די פּיעסע פּיל בעסער ווי אין ניו יאָרק. זיי פאַרשטעהען די טיפען בעסער. זיי זיינען מעהר צוגעפּאַסט צו די ראָלען. אָבער דער עיקר וואָס האָט מיך שטאַרק פאַרכאַפּט איז געווען דאָס פּובליקום.

איך האָב נאָך קיינמאָל ניט געזעהן אַזאַ גליקליכען טעאַטער־עולם ווי אין קראָקאָ. זיי האָבען געשלונגען יעדעס וואָרט. זיי האָבען זיך מחיה געווען מיט יעדער פראַזע און אַז זיי האָבען געלאַכט איז דאָס געווען מיט'ן פולען האַרץ. עס האָט מיר אויס-געוויזען, אַז די מענשען האָבען יאָהרען־לאַנג איינגעהאַלטען די געלעכטערס אין זיך און זיי זיינען געקומען אהין דאָס אויסשיסען מיט אַמאָל.

און מיינע קרובים, און אויך מיין לאַנדסמאַן, וועלכע זיינען געזעסען לעבען מיך זיינען געווען די גליקליכסטע מענשען. זיי האָבען אַלעמאָל אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט אויגען פון אַזויפיל דאַנקבאַרקייט, וואָס צוליב מיר זיינען זיי איצט אין טעאַטער.

און ניט נאָר צו מיר זיינען זיי געווען דאַנקבאַר, נאָר צו יעדען שוישפּילער וואָס שפּילט, צו יעדען וואָרט וואָס ווערט אַרויסגעזאָגט אויף דער ביהנע.

ווען מיר זיינען אַרויס פון טעאַטער האָב איך זיך באַגעגענט מיט די שוישפּילער און גערעדט מיט זיי. מיינע קרובים האָבען געקוקט אויף מיר מיט גרויס שטאָלץ וואָס איך קען זיך אַזוי גוט מיט די שוישפּילער.

„מיין שוועסטער'ס טאָכטער האָט ניט קיין פּשוט'ן מענש פאַר אַ מאַן", האָט די טאַנטע געזאָגט צו איהרע אַ טאָכטער, „ער רעדט עס מיט אַקטיאָרען אַזוי ווי איך צו דיר".

איך ווייס, אַז די קראָקאָווער קרובים וועלען מיך לאַנג ניט פאַרגעסען וואָס איך האָב זיי געפיהרט אין אידישען טעאַטער.

ווי דאָס אידישע טעאַטער אין פּוילען בכלל און אין גאַליציע בפרט וואָלט דאָרט געבליהט ווען אידען וואָלטען דאָרט געהאַט פּרנסה!

אין קראָקאָ האָב איך זיך איבערצייגט אין דער ריכטיגקייט פון דר. שיפּער׳ס ווערטער: „טעאַטער איז אַ רפואה פאַר צרות, אַ באַלזאַם פאַר אונגליקליכע מענשען״.

אַדיע!

אַ גענעראַל אין אידישען טעאַטער. — געשפּרע־כען אין אַ קאַפע־הויז. — ביי קייזער פראַנץ יאָזעפ׳ס פּאַלאַץ

איך האָב זיך געזעגענט מיט קראקא, איך האָב זיך געזע־געגנט מיט גאַליציע, און זיך אויפגעזעצט אויף דעם צוג וואָס פאָהרט פון קראָקא קיין וויען.

דער צוג פליהט. איך קוק ארויס דורכ׳ן פענסטער, און איך זעה ווי מיט יעדער סעקונדע אַנטלויף איך אַלץ ווייטער, ווייטער פון מיין אַלטער היים, פון דעם לאַנד וואו איך בין גע־בוירען געוואָרען.

יאָהרען לאַנג האָב איך גע׳חלומ׳ט צו זעהן מיין געבורטס־לאַנד. מיין חלום איז ענדליך פאַרווירקליכט געוואָרען. פאַר־וואָס־זשע אַנטלויף איך איצט אַזוי שנעל פון דאָרט?

מיר שטעהען נאָך פאַר די אויגען אַט די אַלע ליבע מענשען, קרובים, פריינד וואָס האָבען זיך מיט מיר געזעגענט און אָנגע־זאָגט: „פאַרגעס מיך ניט! זאָלסט מיר שרייבען!”

איך האָב אַלעמען צוגעזאָגט צו געדענקען, צו שרייבען. אָבער איך ווייס, אַז איך האָב זיי אָבגענאַרט. איך בין ניט אַנ־דערש ווי אַנדערע מענשען. מענשען פאַרגעסען. איך וועל זיכער זיי ניט שרייבען. איך קען זיך. איך בין פויל אויף צו שריי־בען בריעף.

איך וואָלט געוואָלט, אַז דער צוג זאָל בעסער פאָהרען צוריק, צוריק צו מיין אַלטער היים אַנשטאַט צו אַנטלויפען פון דאָרט. איך וואָלט געוואָלט נאָך אַ ביסעל רעדען מיט יענע אונגליקליכע מענשען. איך פיהל, אַז איך האָב מיט זיי ניט גענוג גערעדט. אפילו מיין אייגען שטעטעל האָב איך ניט גענוג אָנגעקוקט. איך בין דאָרט געווען אַ זעהר קורצע צייט.

איך האָב געזעהן דעם גרעסטען חורבן און די גרעסטע פאַר־צווייפלונג, אָבער צו שנעל.

* * *

איך דערנעהנטער זיך צו וויען. מיין הארץ הויבט אָן ציטערן: וויען! אָט באלד בין איך אין וויען.

איידער איך בין אוועקגעפאָהרען קיין אמעריקא האָב איך אַ צייט פאַרבראַכט אין וויען. איך בין דאָרט געווען אַ סטודענט. מיין פאָטער האָט מיר יעדען חודש געשיקט געלד אויף צו לעבען. איך האָב דערפון געהאַט גענוג אויף איין וואָך. די אַנדערע דריי וואָכען האָב איך זיך דורכגעשלאָגען מיט דער הילף פון תעניתים און מיט דער הילף פון געהן צו קאָנצערטען און פאָרלעזונגען.

עס איז דאַמאָלט אין וויען געווען אַ געזעלשאַפט וואָס האָט געגעבען קאָנצערטען און ליטעראַרישע אָווענטען פריי, מיט טהעע און צובייס אַלס צוגאָב.

די קאָנצערטען און פאָרלעזונגען זיינען געווען פון די בעסטע. די גרעסטע קאָנצערטיסטען, שוישפּילער, שריפטשטעלער און לעקטשורער האָבען דאָרט זיך באַטייליגט.

דריי וואָכען אין חודש האָב איך קיין אָווענט ניט געפעהלט ביי די קאָנצערטען און פאָרלעזונגען.. מען האָט מיך דאָרט שוין גוט געקענט. איך פלעג קומען פון די ערשטע און שוין געהאַט מיין פּלאַץ.

ווי גליקליך עס פלעגט זיך פיהלען אַ סטודענט, וואָס האָט ניט געהאַט אַ העלער אין קעשענע, ווען ער איז געזעסען אין אַ שעהנעם זאַאַל, געהערט אַ פאָרלעזונג פון ארטור שניצלער אָדער אַן אַנדערען באַריהמטען שריפטשטעלער, און אַ שעהן מיידעל (רייכע שעהנע מיידלאַך האָבען באַדינט) האָט איהם צוגעבראַכט טהעע מיט קוכען און געפרעגט צו ער וויל נאָך אַ פּאָרציע! מיך האָט מען שוין גוט געקענט, און מיר געגעבען נאָך אַ פּאָרציע אָהן צו פרעגען.

די ערשטע וואָך פון מאָנאַט בין איך צו די קאָנצערטען ניט געקומען. די ערשטע וואָך בין איך געווען רייך. די ערשטע וואָך בין איך יעדען אָווענט געגאַנגען אין טעאַטער. איך האָב זעהר ליב געהאַט טעאַטער (דאָס דאַמאָלדיגע וויענער טעאַטער האָט מען געמעגט ליב האָבען).

לאַנגוויילינג איז מיר קיינמאָל ניט געווען. עס איז געווען וואו צו פאַרברייגגען. יעדען טאָג זיינען אָבגעהאַלטען געוואָרען אַנ־

דערע פאַרזאַמלונגען און דעבאַטעס מיט די בעסטע רעדנער. און היינט דער פּאַרלאַמענט! דאָרט האָט מען געקענט הערען די פיה־רער פון אַלע פּאַרטייען. איך פלעג טאַקע דערפאַר אַהין לויפען יעדען טאָג. איך האָב ניט געהאַט קיין צייט צו שטודירען, ווייל איך בין געווען פאַרנומען מיט הערען רעדעס און באַזוכען טע־אַטערס.

אך וויען!

ווען איך בין געקומען קיין אַמעריקא האָב איך געוואָלט דער־צעהלען געשיכטעס פון מיין ליבען וויען. אָבער מען האָט מיך ניט געוואָלט הערען. ס'האָט קיינעם ניט אינטערעסירט.

די ערשטע צייט אין אַמעריקע איז מיר דערפאַר דאָס לאַנד גאָר ניט געפעלען און מיין בענקשאַפט נאָך וויען איז מיט יעדען טאָג שטאַרקער געוואָרען.

איך בין געפאָהרען קיין אַמעריקא מיט'ן צוועק צו אַרביי־טען. איינע פון מיינע גרעסטע חלומות איז געווען צו זיין אונאָב־הענגיג און צו ווערען אַ פּשוט'ער אַרבייטער, צו לעבען פון עהר־ליכע אַרבייט. צו חלום'ען וועגען דעם איז מיר געווען אנגענעהם און לייכט. אָבער אין דער ווירקליכקייט האָט זיך עס אַרויסגעווי־זען שווער און ביטער. צו וואָס פאַר אַן אַרבייט איך האָב זיך גענומען בין איך געווען דער גרעסטער דורכפאַל.

איינער האָט מיך איינמאָל געראַטען צו פּרובען מיין מזל ביי פּאַקעטבוקס. ס'איז אַ לייכטערע אַרבייט. איך האָט געפאָלגט. איך האָב נעקראָגען אַרבייט ביי פּאַקעטבוקס. איך האָב אָבגע־שוויצט אַ טאָג, האָב זיך אויסגעשמירט מיט פּעיסט פון קאָפּ ביז די פיס און געמיינט: ענדליך, אָט ווער איך שוין אַ בעל־מלאכה.

פאַרנאַכט ווען איך האָב זיך אַ מידער געלאָזען אַ היים געהן האָט דער בעל־הבית מיך צוריקגערופען און געזאָגט:

— „קום נאָר אַהער, דו גרויסער בעל־מלאכה! דו דאַרפסט מאָרגען ניט קומען. מיט אַזעלכע ווייכע הענד ווי דיינע איז גוט צו כאַפּען פליגען, ניט צו מאַכען פּאַקעטבוקס."

נאָך יעדען דורכפאַל מיינעם (איך האָב יעדען טאָג געהאַט אַ נייעם דורכפאַל) פלעגט זיך פון מיין האַרצען אַרויסלאָזען אַ זיפץ: „אַך וויען!"

ווען איך האָב עמיצען געפרעגט וואו עס געפינט זיך אַ גע-
וויסע גאַס און יענער האָט מיר ניט געענטפערט, אָדער געזאָגט
אַז ער האָט ניט קיין צייט צו ענטפערן, אָדער מיר געהייסען
פרעגען אַ פּאָליסמאַן, האָב איך זיך באַלד דערמאָהנט אָן וויען,
וואו, אַז איך האָב געפרעגט אויף אַ גאַס האָט מען מיך באַלד אָב־
געפיהרט ביז אין הויז אריין, און מיר געדאַנקט וואָס איך לאָז זיך
אָבפיהרען. — אַך וויען!

ווען עס איז מיר געוואָרען טרויעריג אויפ'ן האַרץ פלעגט
זיך ביי מיר ארויסרייסען אַ זיפץ: „אַך וויען!"

איינער פון מיינע קרובים האָט מיר דערפאַר אַ נאָמען גע־
געבען: „אַך וויען!"

„וואָס מאַכט עפּעס „אַך וויען?" ווען וועט „אַך וויען" שוין
ארבייטען?" פלעגט ער פרעגען.

* * *

אין וויען.

איך בין אָנגעקומען אין אָוונט. איך רוה אָפּ פון מיין האָטעל
מיין פריינד און קאָלעגע, דעם שריפטשטעלער א. ל. פוקס (איך
האָב געהאַט מיט מיר זיין אדרעס און טעלעפאָן). איך זאָג איהם,
אַז מיין צייט איז באַשרענקט. מאָרגען אָוונט דאַרף איך שוין
אָוועקפאָהרען.

ער איז שנעל געקומען און מיר געזאָגט: „דו האָסט ווייניג
צייט. איך וויים, אַז דו ווילסט אין דער קורצער צייט דאָ זעהן
וואָס מעהר. איך וויים וואָס דיך אינטערעסירט. קום!"

ער האָט מיך אריינגעפיהרט אין אַ אידיש טעאַטער.

מיר זיינען אָנגעקומען אין מיטען פון ערשטען אַקט. אָבער
מיר האָבען זיך ניט געערגערט וואָס מיר האָבען פאַרשפּעטיגט.
עס איז געווען איינע פון די פּיעסען וואָס ס'איז גוט אָנצוקומען
שפּעט און אָוועקצוגעהן פריה.

נאָכ'ן ערשטען אַקט האָב איך געזאָגט צו מיין קאָלעגע, אַז
ס'איז גענוג פאַר מיר. מיר קענען געהן ערגעץ אַנדערש.

„וואַרט" זאָגט ער מיר, „איך האָב באַמערקט, אַז דאָ איז
איצט פאַראַן אַ גענעראַל, אַ אידישער גענעראַל פון פראַנץ יאָזעף'ס

צייטען. ער קומט אָפּט אין אידישען טעאַטער. לאָם איך דיך פאַר־שטעלען פאַר איהם."

ער האָט מיך אין דער לאָבי פאַרגעשטעלט פאַר איהם. איך בין געווען ערשטוינט. אַן עסטרייכישער גענעראַל אין אידישען טעאַטער! איך ווייס וואָס פאַר אַ ראָלע גענעראַלען האָבען אַמאָל געשפּילט אין עסטרייך. אַ אידישער גענעראַל האָט זיין אידישע אָבשטאַמונג קיינמאָל ניט ארויסגעגעבען, און ווער האָט איבער־הויפּט געקענט צוקומען צו איהם?

איך פרעג דעם גענעראַל צו ער פאַרבלייבט נאָך דאָ, אָדער דער ערשטער אַקט איז גענוג פאַר איהם..

„וואס מיינען זי?" האָט דער גענעראַל געענטפערט. „פון אַ אידישער פּיעסע וועל איך אַוועקלויפען? די אידישע מעלאָדיען דערקוויקען מיך (עס איז געווען פון די פּיעסען וואָס מען זינגט און טאַנצט)."

דער גענעראַל איז באַלד צוריקגעגאַנגען אויף זיין פּלאַץ צו וואַרטען אויף דער ערעפענונג פון צווייטען אַקט. ער האָט מורא געהאַט חלילה עפּעס צו פאַרפעהלען.

„דו זעהסט", זאָגט מיר מיין קאָלעגע, „וואָס היטלער האָט נעטאָן פאַר אידען. זיי לויפען די אידישע גענעראַלען און באַראָנען אין אידישען טעאַטער. זיי קוויקען זיך מיט די אידישע נגונים. היטלער האָט אַלע אַסימילאַטאָרען צוריקגעבראַכט צו זייער פאָלק. ער האָט מעהר אויפגעטאָן פאַר אידען ווי אירגענד וועלכער אידי־שער פיהרער."

מיין קאָלעגע האָט מיך דאַן אַוועקגעפיהרט אין אַ קאַפע־הויז, וואו איך האָב זיך געטראָפען מיט אידישע און העברעאישע שרייבער, העברעאישע לעהרער און גלאַט אידען. אין דעם קאַפע־הויז האָבען זיך געפונען אידישע צייטונגען פון וואַרשאַ. מיט איין וואָרט אַ אידיש קאַפע־הויז.

עס האָט זיך באַלד אַנטוויקעלט אַ געשפּרעך וועגען דער אידישער לאַגע אין וויען, און אַזוי פיעל פעסימיזם, אַזוי פיעל רייד פון פאַרצווייפלונג האָב איך ניט געהערט אויף מיין גאַנצער רייזע.

— איך וואָלט געוואָלט זיך ארויסכאַפּען פון וויען איידער

היטלער קומט אהער — האט געזאגט א שרייבער.

— ס'איז ניטא וואו צו לויפען און איך גלויב, אז ס'וועט זיין צייט צו אנטלויפען ווען היטלער וועט שוין דא זיין — האט א צווייטער שרייבער איהם געטרייסט, — אז היטלער וועט דא אריינקומען וועט ער דאך די אידען סיי ווי ארויסטרייבען וועסטו לויפען צוזאמען מיט די אנדערע.

— און איך דענק אז מען דארף גאר ניט זיך שרעקען פאר היטלער'ן, ווייל ערגער קען שוין ניט זיין — האט א דריטער געזאגט.

— צו די איצטיגע צרות בין איך שוין צוגעוועהנט — האט איינער געזאגט — ווען היטלער וועט אריינקומען וועט זיין נייע צרות. די ווינער ארבייטער וועלען זיכער איהם ניט אבגעבען וויען אהן א קאמף וועט ער דאס ערשטע אויסלאזען דעם צארן צו די אידען.

„און איך זאג", האט איינער אויסגערופען, „אז ס'וואלט בעסער געווען אז היטלער זאל שוין אריינקומען. אן עק, א סוף, די ניט זיכערקייט איז נאך ערגער".

איך בין געזעסען און זיך דערמאנט אין דעם זעלבען קאפע־הויז פון אמאל. אויך דאמאלס פלעגען אהין אריינקומען אידען. אבער וואס פאר אן אונטערשיד? דאמאלס איז מען געזעסען „געמיטליך", געטרונקען קאפע, געלייענט א צייטונג און דיסקוטירט וועלט פראבלעמען.

ווען מען האט אפילו גערעדט וועגען אנטיסעמיטיזם האט מען גערעדט וועגען דעם ווי וועגען א טעארי פון געוויסע מענשען. עס האבען זיך דאמאלס געפונען גענוג אנטיסעמיטען, אבער ווער האט פאר זיי מורא געהאט?

איצט דיסקוטירט מען ניט וועגען טעאריען פון אנטיסעמיטיזם, נאר וועגען פאקטען. מען רעדט וועגען פאקען זיך, אנטלויפען, כאטש ס'איז ניטא וואו צו לויפען. מ'רעדט וועגען דעם גרעסטען אנטיסעמיט פון דער געשיכטע וואס דארף ווערען דער הערשער פון דעם אמאליגען ליבען וויען.

* * *

אין דער פריה איז צו מיר געקומען מיינער א קרוב. איך

האָב איהם געלאָזען וויסען, אַז איך געפין זיך דאָ איז ער באַלד געקומען. ער האָט אין וויען געענדיגט אַ אוניווערזיטעט, ער האָט דעם טיטעל דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע, נאָר ער האָט אַ געשעפט פון פּאַרפיום.

ער איז מיט מיר צוזאַמען געגאַנגען עסען פריהשטיק און זיך פאַר מיר אָבגערעדט דאָס האַרץ.

„דו ווייסט ניט ווי גליקליך דו דאַרפסט זיין וואָס דו ביזט אין אַמעריקא, אַ לאַנד, וואו צו זיין אַ איד איז ניט קיין פאַר־ברעכען."

„מיין געשעפט געפינט זיך צווישען קריסטען", האָט ער ער־קלעהרט, „און איך פאַרליר יעדען טאָג קונים בלויז, ווייל איך בין אַ איד. היטלער האָט זיך נאָך ניט אריינגעצויגען קיין וויען. אָבער דער היטלעריזם איז שוין דאָ באַפעסטיגט".

ער דערצעהלט מיר וויטער, אַז זיין פרוי איז אַ ווינערין און באַטש זי איז אַ אידישע זעהט זי ניט אויס אידיש. טרעפט ניט איינמאָל, אַז די קריסטליכע פרויען פרעגען זי פאַרוואָס זי וואוינט מיט אַ אידישען מאַן, און ראָטען איהר איהם צו פאַרלאָזען.

ער דערצעהלט מיר, אַז זיין פרוי גיט איהם דאָס אָפט איבער מיט טרעהרען אין די אויגען. זי האָט מורא זיי צו זאָגען, אַז זי איז אויך אַ אידישע, ווייל דאָס וועט שעדיגען די פרנסה און אין דערזעלבער צייט פאַרדריסט איהר זייער געמיינהייט זי אָבצורעדען פון איהר מאַן, ווייל ער איז אַ איד.

ער האָט מיר געזאָגט, אַז די אידען אין וויען קענען זיך פּשוט ניט צוגעוועהנען צו דעם פאַשיסטישען רעזשים, ווייל ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָבען זיי געלעבט אונטער אַ סאָציאַליסטישער רעגירונג.

„דער שנעלער איבערבייט פון אַ סאָציאַליסטישער אויף אַ פאַשיסטישער רעגירונג איז אוממעגליך איבערצוטראָגען", האָט ער געזאָגט.

„ערשט מיט אַ פּאָר יאָהר צוריק האָט אַ איד געקענט געבען אַן אַנטיסעמיט אין באַק פאַר זאָגען אַ וואָרט געגען אידען, און

היינט", — זאָגט ער, „מוז אַ איד אויסהערען אַלע זידעל-ווערטער און דאַנקען גאָט וואָס יענער מאַכט אויף איהם ניט קיין פּאָגראָם".

* * *

מיין קאָלעגע פוקס האָט מיך אַ גאַנצען טאָג ארומגעפיהרט איבער דער שטאָדט. די גאַסען האָבען אין מיינע אויגען זיך כמעט ניט געביטען. אָבער די מענשען האָבען מיר אויסגעזעהן גאַנץ אַנדערע. נערוועזע, פאַרזאָרגטע, ניטאָ מעהר קיין סימן פון דער ווינער געמיטליכקייט.

געהענדיג האָבען מיר באַמערקט ווי אַ טראַמוואַי איז דורכ־געפאָהרען און אַן עסטרייכישער גענעראַל איז געלאָפען זי כאַ־פּען. די טראַמוואַי איז אַנטלאָפען.

„ווי געפעלט דיר דאָס?" פרעגט מיך מיין קאָלעגע.

* * *

מיר זיינען אַזוי געגאַנגען איבער די ווינער גאַסען ביז מיר זיינען צוגעקומען צו קייזער פראַנץ יאָזעף'ס פּאַלאַץ.

מיר האָבען זיך אָבגעשטעלט.

עס זיינען צוגעקומען צוויי אידען מיט בערד, קענטיג גאַלי־ציאַנער, און זיך אויך אָבגעשטעלט.

עס האָט געהערשט אַ טויט־שטילקייט. אַלע זיינען מיר גע־שטאַנען טיעף פאַרטראַכט.

איך האָב געקוקט אויף די צוויי גאַליציאַנער אידען און אויף קייזער פראַנץ יאָזעף'ס פּאַלאַץ, און פון מיין הארץ האָט זיך ארויסגעריסען אַ זיפץ:

אך וויען!